STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00266

DER LIBER YOM-TEV

Zina Rabinowitz

Permanent preservation of this book was made possible by
Mort Weinberg
in memory of
Rhoda Weinberg

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער ליבער יום־טוב

דער
ליבער
יום-טוב

פון

זינאַ ראַבינאָוויטש

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

אַרויסגעגעבן פון
פאַרלאַג „מתנות״
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

DER LIBER YOMTEV

OUR HOLIDAYS

by ZINA RABINOWITZ

Drawings by E. M. WEINER

Copyright 1958
by
ZINA RABINOWITZ
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th Street
New York 3, N. Y.

Printed in U. S. A. by
SHULSINGER BROS., New York 3, N. Y.

253

אינהאַלט

שבת

חנהלעס שבת 7
די שטומע פרינצעסין.................. 14
אַ ייד בלייבט אַ ייד.......................... 20

ראש השנה

לשנה טובהס 27
בעניס לשנה טובהס.................... 32

יום כיפור

סעניאָר פערעראָס ערשטער יום־כיפור................ 40

סוכות

די סוכה, די סוכה....................... 46
אַ סוכה אין פּאַמפּאַ.......................... 52
גדעונס פאָטער איז אַהיימגעקומען אויף סוכות.......... 57
דער שמחת־תורה ניגון..................... 70

חנוכה

מיין דריידל 82
פרענקיס חנוכה־מנורה 90
איצי דריידל 96

ט"ו בשבט

דער בוים האָט אויך אַ נשמה........................ 101

חננס באַנאַנע־גאָרטן 106

פּורים

חנהלעס ערשטער פּורים........................ 115

אַ טאָפּלטער פּורים........................ 123

מיין ברודערס פּורים־שפּיל........................ 129

פּסח

בעני וויל אויך זען אליהו הנביא........................ 136

צוליב אַ שטיקל מצה........................ 144

אליהו הנביא — 1945........................ 151

יום העצמאות

איך וויל נישט בייטן מיין נאָמען........................ 159

ראַמיס בעסטער יום־טוב........................ 168

שבועות

נורית ברענגט ביכורים........................ 175

סעדיהס בלומען 183

מען קריגט זיך נישט ערב־שבועות!........................ 187

תשעה באָב

תשעה באָב ביינאַכט........................ 192

שבת

חנהלעס שבת

ווען חנהלע האָט אָנגעהויבן גיין אין שול, האָט זי געזאָגט צו איר מאַמען:

— איצט בין איך שוין אַ גרויסע, וועל איך שוין קאָנען זיצן שפּעט אין אָוונט בײַם טיש, ווען דו מיטן טאַטן עסן וועטשערע...

— און ווי אַזוי וועסטו קאָנען אויפֿשטיין אויף מאָרגן צו גיין אין שול, אויב דו וועסט זיצן שפּעט? — האָט די מאַמע געפֿרעגט מיט אַ שמייכל.

און ווייסט איר פֿאַרוואָס די מאַמע האָט געשמייכלט? ווײַל חנהלע איז אַ גרויסע שלאָפֿערקע, און יעדער פֿרימאָרגן האָט די מאַמע גרויסע שוועריקײַטן ביז זי רײַסט אויף איר טעכטערל פֿון שלאָף.

אָבער ווען חנהלע איז אַהיימגעקומען פֿון שול דעם ערשטן פֿרײַטיק נאָכמיטאָג, האָט די מאַמע איר אַליין געזאָגט:

— הײַנט אין אָוונט וועסטו קאָנען זיצן שפּעט! מאָרגן איז שבת! שבת לערנט מען נישט! שבת איז רו!

— שבת לערנט מען נישט! שבת איז רו! — האָט חנהלע געזונגען אויף אַ קול און געפּליעסקעט מיט ביידע הענט.

מיינט איר דאָך מסתמא, אַז חנהלע האָט פֿײַנט צו גיין אין שול און דערפֿאַר האָט זי זיך אַזוי געפֿרייט, ווען די מאַמע האָט איר געזאָגט, אַז שבת לערנט מען נישט?

ס'הויבט זיך נישט אָן! חנהלע האָט זייער ליב איר שול! אָבער חנהלע וויל זיצן שפּעט אין אָוונט בײַם טיש, עסן וועטשערע צוזאַמען מיטן טאַטן.

— וועסטו מיך הײַנט לאָזן זיצן שפּעט? — האָט זי איבערגעפֿרעגט — וועל איך הײַנט קאָנען עסן וועטשערע צוזאַמען מיטן טאַטן?

— איך האָב פֿאַר דיר נאָך אַ גרעסערן סורפּריז! — שמייכלט די מאַמע, — מיר וועלן דיך מיטנעמען מיט אונדז צו דער באָבען אויף וועטשערע!

חנהלע איז געשפּרונגען פֿון פֿרייד, אָבער די מאַמע האָט זי באַלד אָפּגעשטעלט:

— די צײַט איז קורץ, חנהלע! מיר דאַרפֿן זיך מאַכן שבתדיק איידער דער טאַטע קומט אונדז נעמען! די באָבע האָט נישט ליב צו וואַרטן מיט דער שבתדיקער וועטשערע!

און די מאַמע האָט זיך אַ נעם געטאָן צו חנהלען...

און אַט שטייט שוין חנהלע פֿאַרן שפּיגל אַן אויסגעבאָ־דענע און אַ פֿאַרקעמטע און זי קוקט שוין אויף אַ צווייטער חנהלען, וואָס איז אויך שבתדיק אויסגעפּוצט ווי זי, אויך אָנגעטאָן אין אַ נײַ קליידעלע מיט אַ ווײַס קעלנערל, וואָס איז פּונקט אַזוי ווײַס ווי דער ווײַסער באַנד אויף איר קאָפּ...

ווען די מאַמע וואָלט זי לאָזן, וואָלט זי נאָך געשטאַנען בײַם שפּיגל און געקוקט אויף דעם צווייטן אויסגעפּוצטן מיידעלע.

אָבער... אַט קומט אַרײַן דער טאַטע. ער גיט חנהלען אַ נעם בײַם הענטל, און איידער וואָס־ווען, זיצן זיי שוין זאַלבעדריט אין אויטאָמאָביל. דער אויטאָמאָביל פֿאָרט אַזוי שנעל, אַז חנהלע באַוויַזט אַפֿילו נישט אַ פֿרעג צו טאָן עפּעס וועגן דער באָבען און וועגן דעם זיידן... און אַט שפּאַנען זיי שוין אַרײַן אין דער באָבעס גרויסן עסצימער, און אַט רופֿן זיי אַלע אויס אויף אַ קול: „גוט שבת! גוט שבת!״ און עס זאָגן „גוט שבת״ דער זיידע און די באָבע און אַלע געסט, וואָס זיצן אַרום לאַנגן טיש...

און עס דוכט זיך חנהלען, אַז אַפֿילו דער גרויסער לײַכטער, וואָס שטייט בײַם עק טיש, ענטפֿערט אויך: „גוט שבת! גוט שבת!״...

און אַפֿילו די פֿינף גרויסע ליכט, וואָס זײַנען אײַנגע־שמאָלצן אין דעם גרויסן זילבערנעם לײַכטער, — אַפֿילו זיי זאָגן: „גוט שבת, חנהלע! גוט שבת!״

דער זיידע גיט איר אַ קניפּ אין בעקל און זעצט זי אַנידער לעבן זיך אויבנאָן, און חנהלע קוקט פֿון דאָרטן צו

דער באָבען, וואָס זיצט בײַם צווייטן עק טיש לעבן לײַכטער, נישט ווײַט פֿון דער שפּיגלוואַנט... ווען דער זיידע שטעלט זיך אויף צו מאַכן קידוש, זעט חנהלע אַ צווייטן זיידן אין דער שפּיגלוואַנט! עס גלוסט זיך איר שמייכלען צום צווייטן זיידן... אָבער זי טוט עס נישט. זי הערט זיך צו צום זיידנס קידוש און זי קלערט: „ווען איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך אים נאָכזינגען! איצט קאָן איך נאָך נישט! ערשט אָנגעהויבן גיין אין שול"...

פּלוצעם הערט חנהלע ווי אַלע רופֿן אויס „אָמן". חנהלע פֿאַרשעמט זיך וואָס זי האָט פֿאַרשפּעטיקט. זי לאָזט אַרונטער איר קאָפּ. זי דערזעט אויפֿן טיש אַ בערגעלע. דאָס בערגעלע איז צוגעדעקט מיט אַן אויסגעניייט טישטעכל.

— ווער באַהאַלט זיך דאָרט אונטער דעם בערגעלע? — גיט זי אַ קלער, און עס ווילט זיך איר אויפֿהייבן דעם צודעק...

אָבער אין דער מינוט נעמט דער זיידע אַליין פּאַמעלעך אַרונטער דעם אויסגענייטן צודעק פֿון דעם בערגעלע און חנהלע דערזעט דאָרט צוויי געפֿלאָכטענע חלות... זיי ליגן אָנגעבויגן איינע צו דער צווייטער, און עס דוכט זיך חנהלען, אַז אַזוי זיצן אירע טאַטע־מאַמע אויף דער גרויסער סאָפֿע, אָנגעבויגן איינער צום אַנדערן.

אָבער נישט לאַנג בלײַבן די חלות אויף זייער אָרט. דער זיידע נעמט איינע פֿון זיי אין די הענט אַרײַן און שנײַדט אָפּ אַ שטיקל; טונקט עס אײַן אין זאַלץ־מעסטל, זאָגט עפּעס שטילערהייט און נעמט עס אין מויל אַרײַן. חנהלען ווילט זיך אויך אַ ביס טאָן פֿון דער חלה. דער זיידע טרעפֿט, וואָס

זי טראַכט און ער דערלאַנגט איר אויך אַ שטיקל פֿון דער געפֿלאָכטענער חלה...

חנהלע עסט אויף דאָס שטיקל חלה... אַזאַ גוטע חלה האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געגעסן... זי וואָלט וועלן נאָך און נאָך פֿון דערזעלבער חלה... אָבער אין דער מינוט דערלאַנגט די באָבע געפֿילטע פֿיש צום טיש. די באָבע גיט אַ וואונק צום זיידן, אַז ער זאָל אויך געבן חנהלען פֿיש און אַ ביסל פֿון דעם רויטן כריין.

עס געפֿעלט איר די שבתדיקע געפֿילטע פֿיש... עס געפֿעלט איר די שבתדיקע יויך מיט מאַנדעלעך... די מאַנדעלעך שווימען אין דער יויך ווי קליינע שיפֿעלעך... חנהלע כאַפּט די שיפֿעלעך און שלינגט זיי איין איינס נאָכן צווייטן...

פּלוצעם הויבט דער זיידע אָן נאָכאַמאָל צו זינגען עפּעס...

חנהלע שעמט זיך, וואָס זי קאָן נישט מיטזינגען מיטן זיידן ווי עס טוען די באָבע, די מאַמע און איר טאַטע.

חנהלע וואָלט וועלן זען ווי דער זיידע זעט איצט אויס, אָבער זי שעמט זיך אַרויפֿצוקוקן צו אים... זי קוקט, ווי פֿריער, פֿאָראויס, צו דער באָבען, צום צווייטן עק טיש, צום גרויסן זילבערנעם לײַכטער מיט די פֿינף ליכט...

פּלוצעם דערזעט חנהלע נאָך אַ לײַכטער און אין אים — נאָך פֿינף ליכט... דער לײַכטער זעט אויס פּונקט ווי יענער לײַכטער, וואָס שטייט אויפֿן טיש און זײַנע ליכט זײַנען שוין אויך אויסגעברענט ביז האַלב...

— זאָל עס זײַן, אַז אין שפּיגלוואַנט ברענען די ליכט

אויך אויס? — גיט חנהלע אַ קלער, און עס ווילט זיך איר פּלוצעם איבערציילן אַלע האַלב־אויסגעברענטע ליכט...

זי לייגט אַוועק דעם לעפּל, און הויבט אָן צו ציילן אויף אירע פֿינגער די ליכט...

— דאָס קינד וויל שוין שלאָפֿן! — גיט די באָבע אַ זאָג פּלוצעם.

— זי איז שוין, נעבעך, שלעפֿעריק! — רופֿט זיך אָן דער זיידע אין מיטן זינגען...

חנהלע שטויסט זיך אָן, אַז מען רעדט וועגן איר, אָבער עס אַרט זי נישט. זי מוז איבערציילן די ליכט... אַלע ליכט...

זי פֿילט נישט ווי די מאַמע טוט איר אָן איר מאַנטעלע, זי פֿילט נישט ווי איר טאַטע טוט איר אָן דאָס היטעלע...

חנהלע ציילט און ציילט... אָט איז ווייניקער ווי אירע צען פֿינגער און אָט זעט זי אַזוי פֿיל ליכט, אַז זי האָט נישט גענוג פֿינגער זיי איבערצוציילן...

„אַ גוטן שבת! אַ גוטן שבת!" הערט חנהלע פּלוצעם...

— קום איבעראַכטאָג שבת נאָכאַמאָל צו אונדז אויף וועטשערע — זאָגט די באָבע.

אָבער איידער חנהלע באַוויַיזט צו זאָגן דער באָבען, אַז זי וועט קומען, איז זי שוין פֿון יענער זיַיט טיר, און אָט זעצט זי דער טאַטע שוין אַריַין אין אויטאָמאָביל... דער אויטאָמאָביל פֿאָרט אַזוי שנעל, אַז איידער וואָס־ווען איז מען שוין אין דער היים...

די מאַמע טוט זי אויס, שלעפּט אַרונטער אירע שיכע־

לעך און זעקעלעך. דער טאַטע נעמט אַרונטער פֿון איר דעם ווײַסן באַנד און דאָס נײַע שבתדיקע קליידעלע.

און אָט ליגט שוין חנהלע אין בעט... זי ליגט און ציילט אויף אירע פֿינגער די שבת ליכט פֿון דער באָבעס זיל־בערנעם לײַכטער... פֿינף ליכט אין איין לײַכטער, פֿינף — אין צווייטן — צוזאַמען צען ליכט... פּונקט אַזוי פֿיל ליכט וויפֿיל זי האָט פֿינגער...

אָבער פּלוצעם באַווײַזן זיך נאָך צען ליכט און נאָך זיי — אַנדערע צען... עס ווערט אַ גרויסער קרײַז פֿון האַלב־אויסגעברענטע ליכט... די ליכט רינגלען אַרום חנה־לעס בעטעלע און זינגען צו איר:

— שבת, שבת, שבת רו, לאָמיר רוען, איך און דו!

חנהלע שמייכלט צו די ליכט, זינגט מיט מיט זיי און שלאָפֿט.

די מאַמע וועקט זי נישט. זי זאָגט נישט, „שטיי אויף, חנהלע! עס איז שוין צײַט צו גיין אין שול!"

— הײַנט לערנט מען נישט, — הערט חנהלע אין שלאָף, — הײַנט איז שבת, שבת רו!

אָט האָט חנהלע געעפֿנט אירע אויגן. זי איז אַזוי אויס־גערוט, אַז זי שפּרינגט אַליין אַרונטער פֿון בעטל...

— ווען וועלן מיר נאָכאַמאָל פֿאָרן צו דער באָבען אויף וועטשערע? — פֿרעגט חנהלע.

— ערב שבת, חנהלע! — שמייכלט די מאַמע.

— איך האָב אַזוי ליב ערב שבת! איך וואָלט וועלן עס זאָל שוין איצט זײַן ערב שבת! — זאָגט חנהלע, — ווי לאַנג דאַרף מען וואַרטן ביז עס וועט קומען ערב־שבת?...

די שטומע פּרינצעסין

איך זע, אַז אונדזער קליינע פּרינצעסין איז אײַך אויך געפֿעלן! — האָט געזאָגט „די מוטער״ פֿון דעם נײַעם ייִדישן יתומים־הויז, וואָס איך האָב באַזוכט אין קאַסאַ־בלאַנקאַ.

— יעדער איינער באַוואונדערט איר שיינקײַט.

— אַזאַ שיין קינד האָב איך טאַקע נאָך נישט געזען! — האָב איך צוגעגעבן.

— אָבער פֿאַרוואָס רופֿט איר זי פּרינצעסין? איז דאָס איר נאָמען?

— לאָמיר זיך צוזעצן אָט אָ דאָ, אין שאָטן פֿון דעם בוים, וועל איך אײַך דערציילן ווי עס קומט צו איר דער נאָמען, — האָט פֿאָרגעשלאָגן „די מוטער״ פֿון דעם יתומים־הויז.

איך האָב זי געפֿאָלגט, זיך צוגעזעצט לעבן איר אויף דער נידעריקער באַנק, און נישט אויפֿגעהערט צו קוקן פֿון דער ווײַטנס אויף דעם אַכט־יאָריקן מיידעלע, וואָס האָט זיך געשפּילט מיט אירע חברטעס בײַ דער הוידלקע.

— אין אַ פֿרימאָרגן, ווען מיר זײַנען קוים פֿאַרטיק געוואָרן מיטן פֿרישטיק, — האָט אָנגעהויבן מיר דערציילן „די מוטער״ פֿון יתומים־הויז, — איז אַרײַנגעלאָפֿן אין עסצימער איינער פֿון די עלטערע ייִנגלעך און מיר געזאָגט אַז עמעצער וואַרט אויף מיר אין שפּילהויף.

ווען איך בין אַרויסגעגאַנגען פֿון עסצימער, האָב איך דערזען אין דעם שפּילהויף אַן אַראַבער. ער איז געשטאַנען אָנגעבויגן איבער אַ זאַק, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד.

— ווער האָט דיר דערלויבט אַרײַנצוקומען אין דעם קינדערהויף מיט דײַן סחורה? — האָב איך זיך צעבייזערט אויפֿן אַראַבער, — ווייסטו נישט, אַז מיט יעדער סחורה, וואָס אַ פּעדלער האָט צום פֿאַרקויפֿן, דאַרף ער גיין צו דער קיך? גיי אַהין מיט דײַן סחורה!

— מיט אַזאַ סחורה גייט מען נישט צום „שוואַרצן הויף"! — האָט דער אַראַבער געענטפֿערט מיט אַ שמייכעלע און דערבײַ צעבונדן זײַן זאַק...

איך האָב דערזען אין זאַק אַ פּנים פֿון אַ קינד...

— אַרויס פֿון דאַנען! — האָב איך זיך צעשריען אויף אים — אַ טויט קינד ברענגסטו מיר?

— זי איז נישט טויט! זי לעבט, מאַדאַם, זי אָטעמט! זי איז אײַערע, אַ ייִדישע! איך שווער בײַ אַללאַ!

— פֿון וואַנען ווייסטו, אַז זי איז אַ ייִדישע? — האָב איך אים געוואָלט כאַפּן צי ער זאָגט אַ ליגן.

— פֿון וואַנען איך ווייס? איך ווייס, אַז דער בוידעם, וואו אירע עלטערן האָבן זיך מיט איר באַהאַלטן איז איצט ליידיק. אַז אירע עלטערן זײַנען געשטאָרבן פֿון דער עפּי־דעמיע, איז זי געלאָפֿן צום ברונעם פֿון דער „מעלאַ" — מענטשן זאָלן זי דאָרט זען און רחמנות האָבן אויף איר.

— אָבער פֿון וואַנען ווייסטו, אַז אירע עלטערן זײַנען געשטאָרבן אין דער עפּידעמיע? — האָב איך געוואָלט כאַפּן דעם אַראַבער בײַ אַ ליגן.

— איך מיינט, מאַדאַם, אַז די עפּידעמיע טויטעט נאָר אַראַבער אין דער „מעלאַ״? — דרייט זיך דער כיטרער אַראַבער אויס פֿון אַן ענטפֿער, — די עפּידעמיע שאַנעוועט נישט קיינעם אין אונדזער אומריינער „מעלאַ״! זי כאַפּט אויס יעדן איינעם, ווער עס קומט איר אַנטקעגן! אַלע הונגעריקע, דורשטיקע, שמוציקע און שוואַכע שלינגט זי איַין. ס׳קאָן זיַין זי וואָלט אויך איַינגעשלונגען דאָס אָרעמע מיידעלע, ווען איך וואָלט זי נישט אַריַינגענומען צו מיר אין הויז אַריַין און זי געהאַלטן דאָרט אַ גאַנצע נאַכט...

— אויב עס איז אמת, אַז צוליב דיר איז זי לעבן געבליבן, — האָב איך געזאָגט צום אַראַבער, — טאָ פֿאַרוואָסזשע האַלטסטו זי נישט ביַי זיך? זי איז נאָר אויסגעהונגערט! זאָל זי קומען צו־זיך, וועט זי דיר אָפּצאָלן פֿאַר דיַינע קעסט! דו וועסט זי אַנידערשטעלן ביַים ראָג מיט אַ שיסעלע, ווי עס טוען אַלע איַיערע מענטשן מיט די יתומים און זי וועט בעטלען פֿאַר דיר מיט אַ וויינענדיק קול און מיט אַ לידעלע, ווי עס טוען אַנדערע.

— נישט זי! — האָט געשאָקלט דער אַראַבער מיט זיַין קאָפּ אויף ניין — זי איז דאָך שטום!

— שטום?!

איך האָב זיך אָנגעבויגן צום קינד, וואָס איז נאָך אַלץ געלעגן מיט צוגעמאַכטע אויגן. ווען זי האָט דערפֿילט מיַין אָטעם, האָט זי אויפֿגעעפֿנט איין אויג, אַ קוק געטאָן אויף מיר און עס צוריק צוגעמאַכט...

דער אַראַבער האָט מיר נאָכגעטאָן און זיך אויך אָנגעבויגן צום זאַק...

— זי איז שטום! — האָט דער אַראַבער געזאָגט, און אַנגעוויזן אויפֿן קינד אין זאַק, — איך קאָן נישט האָדעווען אַ שטום קינד, דערפֿאַר וויל איך זי דיר פֿאַרקויפֿן פֿאַר אַ ביליקן פּרײַז.

מײַן האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן פֿון רחמנות. איך האָב באַצאָלט דעם אַראַבער אַ פּאָר הונדערט פֿראַנק און פּטור געוואָרן פֿון אים.

דאָס אָרעמע קינד האָבן מיר באַלד אַרײַנגעלייגט אין אַ וואַנעלע, עס אויסגעבאָדן, אָנגעטאָן אַ ווײַס קליידל. דאָס קינד האָט אויסגעזען ווי אַ מלאכל, אָבער קײַן וואָרט האָט עס נישט אַרויסגערעדט.

איך האָב באַלד אַרויסגערופֿן אונדזער דאָקטער.

— וואו האָט איר געפֿונען די דאָזיקע פּרינצעסין? — האָט ער זיך צעשמייכלט קוקנדיק אויף איר. — אַזאַ שיין קינד! אַן אמתע פּרינצעסין!

— מיר וועלן זי דערווײַל טאַקע רופֿן פּרינצעסין — האָב איך זיך אָנגעכאַפּט — ביז וואַנען מיר וועלן זיך דער־וויסן איר אמתן נאָמען.

— זי האָט פֿאַרגעסן איר נאָמען? — פֿרעגט דער דאָק־טער צוהערנדיק זיך מיט זײַן טרײַבל ווי זי אָטעמט.

— זי איז שטום, דאָקטער!

— זי איז נישט שטום! זי הערט דאָך יעדער זאַך! זי דרייט דאָך איר קאָפּ אין יעדער זײַט פֿון וואַנען זי הערט אַ קלאַנג... אַי דאָס וואָס זי רעדט נישט? איז עס אַ סימן, אַז זי האָט זיך זייער דערשראָקן... זי וועט קומען צו־זיך,

ווער זי צוריק באַקומען איר לשון! האָט געדולד! גיט אַכ־טונג אויף איר! זי וועט ריידן!

אָבער די שיינע פּרינצעסין האָט נישט גערעדט. זי האָט נאָר געשמייכלט צו די קינדער, צו מיר, אָבער קיין וואָרט האָט זי נישט אַרויסגעלאָזט פֿון איר שיין מײַלעכל.

עס איז אַוועק אַ טאָג; אַ צווייטער טאָג; אַ דריטער טאָג, — אונדזער פּרינצעסין שמייכלט, אָבער זי שווייגט...

— איז זי טאַקע שטום? וועט זי נאָך אַמאָל ריידן? ווען מיר נאָך אַמאָל אויסגעפֿינען צי זי איז טאַקע אַ ייִדיש קינד, ווי דער אַראַבער האָט מיר פֿאַרזיכערט?...

אָט איז שוין דאָנערשטיק, דער פֿינפֿטער טאָג, וואָס זי געפֿינט זיך אין אונדזער פּראַכטפֿולן אַנשטאַלט. זי עסט און טרינקט ווי אַלע קינדער, זי שפּילט זיך, ווי עס שפּילן זיך אַנדערע קינדער, אָבער אַלץ טוט זי אויף שטום־לשון.

וועט זי קיינמאָל נישט ריידן?...

דאָס האַרץ איז פֿול מיט ווייטיק און רחמנות אויף דער שטומער פּרינצעסין. און אָט איז שוין פֿרייטיק אין דער פֿרי.

ערב שבת גרייטן זיך אַלע צום שבת. מען באָדט זיך, מען צוואָגט זיך, מען פּוצט אויס אַלע צימערן מיט בלומען... אין עסצימער באַדעקן מיר אַלע טישן מיט שניי־ווײַסע טיש־טעכער און מיר שטעלן אַוועק וואָזעס מיט פֿרישע בלומען פֿון אונדזער גאָרטן. בײַ יעדער טעלער ליגט אַ קליין חלהלע... אויבנאָן שטייט אַ שבת־מנורה מיט פֿינף ליכט לכבוד שבת. אַלע קינדער זײַנען אויסגעפּוצט אין ווײַסן. זיי זיצן בײַ די טישן און וואַרטן אויף מיר און אויף מײַן ליכט־בענטשן, און ווען איך ענדיק ליכט־בענטשן, זינגען מיר אַלע ווי איין

מענטש: „גוט שבת” און „שלום עליכם מלאכי השלום”.

אָבער אין יענעם פֿרײַטיק־צו־נאַכט איז פֿאָרגעקומען עפּעס, וואָס האָט צעשטערט אונדזער שטענדיקע פּראָגראַם...

ווי נאָר איך האָב אָנגעצונדן דאָס פֿינפֿטע שבת־ליכטל און פֿאַרדעקט מײַן פּנים מיט מײַנע הענט, האָט זיך אין דער גרויסער שטילקייט פֿון עסצימער דערהערט אַ הייזעריקער אויסגעשריי:

„שבת! שבת ליכט!”...

די פּרינצעסין איז אַזוי איבערראַשט געוואָרן פֿון די דרײַ ווערטער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון איר מויל אַז זי האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול, איז צוגעלאָפֿן צו מיר און באַהאַלטן איר זיס פּנים אין די פֿאַלדן פֿון מײַן קלייד...

— זי רעדט שוין! — האָבן זיך דערהערט פֿריילעכע אויסגעשרייען אין עסצימער.

— זי איז שוין מער נישט שטום!

— אונדזער פּרינצעסין האָט דערקאָנט די שבת־ליכט!...

עס איז געוואָרן אַזאַ פֿרייד אין אונדזער עסצימער, אַז מיר האָבן פֿאַרגעסן צו מאַכן קידוש, צו זינגען אונדזערע שבת־לידער. מיר האָבן זיך אַלע אָנגענומען בײַ די הענט און אָנגעהויבן אַ פריידיקן טאַנץ אַרום אונדזער פּרינצעסין...

און זי האָט געהאַלטן אין איין וואונדערן זיך און אײַבערזאָגן:

— איך רעד שוין!... איך בין שוין מער נישט שטום! איך קאָן שוין נאָכאַמאָל ריידן! גוט שבת! גוט שבת!...

אַ ייִד בלייבט אַ ייִד

דער אַלטער ישׂראל־דוד האָט געקאָנט דערציילן אַ מעשה צו יעדער צײַט...

ווער איז געווען דער אַלטער ישׂראל־דוד?

אַ ייִד אַ סוחר פֿון תבואה, פֿלעגט ער אַרומפֿאָרן איבער די דערפֿער פֿון בעסאַראַביע, אָפּקויפֿן ווייץ, קאָרן און גערשטן פֿון די קאָלאָניסטן און אַוועקשיקן די תבואה אין די גרויסע שטעט.

מען פֿלעגט דערציילן וועגן ישׂראל־דודן אַז די קאָלאָניסטן האָבן אים אַזוי געטרויט, אַז זיי פֿלעגן קיינעם נישט וועלן פֿאַרקויפֿן זייער תבואה אַ חוץ אים, און זיי פֿלעגן וואַרטן אויף אים ווען ער פֿלעגט אַמאָל נישט קומען אין צײַט. זיי פֿלעגן וואַרטן אויפֿן אַלטן ישׂראל־דודן מיט זייער תבואה צוליב זײַנע מעשׂות וואָס ער האָט שטענדיק געהאָט צו דערציילן. און אַזוי דערציילן אַ מעשה ווי ער, האָט קיינער נישט געקאָנט. וועל איך אײַך דאָ דערציילן ישׂראל־דודס אַ מעשה וועגן אַ ייִדישן סאָלדאַט וואָס אַ ייִדישער אַרמיי־דאָקטער האָט זי אים דערציילט מיט אַ סך יאָרן צוריק:

„איך בין נאָך דעמאָלט געווען אַ זייער יונגער דאָקטער אין דער רוסישער אַרמיי. מײַן „באַלעבאָס״, דער אַלטער דאָקטער, איז געווען אַ גרויסער שיכור, אַ קאָרטנשפּילער. ווי נאָר עס פֿלעגט צופֿאַלן די נאַכט, פֿלעגט ער זיך אויס־

פּוצן און פּאָרן אין קלוב אַרײַן, און מיט דער גאַנצער אַרבעט פּלעגט ער זיך פֿאַרלאָזן אויף מיר.

איינמאָל, אין אָוונט, איז אַרײַנגעלאָפֿן צו מיר אַ סאָלדאַט און האָט אויסגערופֿן: „דאָקטער! כאָליערע! בײַ אונדז אין לאַגער — כאָליערע!"

— כאָליערע? ווי קומט צו אונדז כאָליערע? סײַדן אַ סאָלדאַט האָט זיך אָנגעטרונקען מיט וואַסער פֿון שמוציקן טײַך, וואָס איך האָב זיי געוואָרנט קעגן דעם... איך האָב אַ כאַפּ געטאָן מײַן רענצל, אַ טאָרע געטאָן דעם קוטשער, און מיר פֿאָרן שוין אין דאָקטערס בריטשקע צום געצעלט, וואו עס ליגט דער חולה. נאָך איידער די פֿערד זײַנען שטיין געבליבן, בין איך אַרונטערגעשפּרונגען און זיך גענומען צום קראַנקן.

קײַן היץ האָט ער נישט געהאַט, דער פּולס איז נישט געווען שלעכט, אָבער די אויגן זײַנע זײַנען געווען אויסגעסטאַרטשעטע גלײַך ווי זיי האָבן געוואָלט אַרויסקריכן פֿון זײַנע אויגנלעכער, און ער מאַכט גרימאַסן גלײַך ווי ער וויל ברעכן און קאָן נישט, ווײַל ער האָט שוין מער נישט וואָס אויסצוברעכן...

— ער האָט די אמתע כאָליערע — פֿליסטערן צו מיר די סאָלדאַטן פֿון געצעלט, — ער וועט אונדז אַלעמען אָנשטעקן! ראַטעוועט, דאָקטער! אויב נישט אים, איז כאָטש — אונדז!

איך האָב באַלד אַ קאָמאַנדעווע געגעבן, אַז מע זאָל דעם קראַנקן אַריבערפֿירן אין אַן אָפּגעזונדערטן געצעלט, אין סאַמע עק לאַגער. ווי נאָר עס האָט זיך מיר אײַנגעגעבן

צו באַרואיקן די סאָלדאַטן, בין איך אַוועק צום חולה אים גרינטלעך צו אונטערזוכן.

איך האָב דעם חולה נישט דערקענט: ער איז מיט־אַמאָל גלײַך ווי געזונט געוואָרן. די אויסגעסטאַרטשעטע אויגן זײַנען געוואָרן רואיקער און ער האָט אויפֿגעהערט צו מאַכן זײַנע גרימאַסן גלײַך ווי ער וויל אויסברעכן זײַן נשמה...

— העלפֿט מיר, דאָקטער! האָט ער געפֿליסטערט אײַנ־שנײַדנדיק זיך אין מײַנע אויגן מיט זײַן שטאַרקן בליק... איך האָב עס אומישנע געטאָן כדי מען זאָל אונדז לאָזן אַליין... איך ווייס, אַז איר זענט אַ ייִד, און וואָס פֿאַר אַ ייִד וועט נישט העלפֿן אַ צווייטן ווען ער איז אין אַ נויט...

— הערט מיך אויס, דאָקטער! איך בעט אײַך! אַ מאָדנע זאַך האָט מיט מיר פּאַסירט הײַנט... מיר מאַרשירן פֿון די מאַנעוורעס... די זון האָט שוין געהאַלטן בײַם זעצן זיך. מיר זײַנען פֿאַרבײַגעגאַנגען דאָס דערבײַאיקע שטעטעלע... פּלוצעם דערזע איך אין איינעם פֿון די נידעריקע פֿענצטער ברענענדיקע ליכט... איך בין אַרויס פֿון מײַן ריי און בין געבליבן שטיין בײַם פֿענצטער... אינעווייניק איז געשטאַנען אַ פֿרוי בײַ אַ טיש, וואָס איז געווען צו־געדעקט מיט אַ ווײַס טישטעך. אויפֿן טישטעך איז געשטאַ־נען אַ פֿלאַש מיט רויטן ווײַן און צוויי לײַכטער מיט ברענענ־דיקע ליכט. די פֿרוי איז געשטאַנען פֿאַר די ליכט. אירע הענט האָבן צוגעדעקט איר פּנים... איך בין גלײַך ווי צו־געקאָוועט געוואָרן צום פֿענצטער... איך האָב זיך פּלוצעם דערמאָנט אין מײַן מאַמען... פּונקט ווי די פֿרוי, פֿלעגט

זי שטיין פֿאַר די אָנגעצונדענע ליכט. דאָס איז געווען מיט יאָרן צוריק, איידער מען האָט מיך געכאַפּט...

— ווער האָט דיך געכאַפּט?...

— ווער? איר ווייסט נישט ווער, דאָקטער? שמייכלט דער סאָלדאַט מיט אַ ביטער שמייכעלע — די קינדערכאַפּערס פֿון קייסער ניקאָלאַי דעם ערשטן. איך בין אַ ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַט שוין אַריבער צוואַנציק יאָר. מען האָט מיך געכאַפּט ווען איך בין אַלט געווען קאַרגע אַכט יאָר. ווײַזט אויס, אַז דעם קייסערס אַגענטן האָבן בײַ אונדז אין שטעטעלע נישט געפֿונען גענוג צוועלף־יאָריקע ייִנגלעך, האָבן זיי געכאַפּט אַ ייִנגל פֿון אַכט יאָר, אַ קינד, אַ יתום, וואָס קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט... מיין מאַמע איז, ווייזט אויס, געווען אין מאַרק, ביי איר שטעל, האָבן זיי מיך אַ כאַפּ געטאָן, מיר פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל און איידער וואָס־ווען, בין איך שוין געזעסן אין אַ בויד, וואָס האָט מיך געפירט ערגעץ ווײַט, ווײַט, וואו מען האָט קײַן ייִדן נישט געזען און קײַן ייִדיש נישט גערעדט. עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און איך האָב פֿאַרגעסן אַלץ וואָס איך האָב אַמאָל געלערנט אין חדר. איך האָב פֿאַרגעסן רעדן ייִדיש, איך האָב פֿאַרגעסן, אַז איך בין אַ ייִד. איך האָב זיך געצלמט אין קלויסטער ווי איינער פֿון זיי...

און פּלוצעם, גראָד הײַנט, בײַ יענעם פֿענצטער, וואו איך האָב דערזען יענע פֿרוי שטיין פֿאַר די אָנגעצונדענע ליכט, איז אַלץ צוריקגעקומען צו מיין זיכרון... און עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַזאַ בענקשאַפֿט, דאָקטער! אַזאַ ווייטיק אָט אָ דאָ, אין האַרצן... און דערפֿאַר האָב איך געמאַכט די

שטיק... אַז איך בין קראַנק אויף כאָליערע. העלפֿט מיר, דאָקטער ווערן צוריק אַ ייִד! העלפֿט מיר!...

— בין איך דען אַ רב? האָב איך קוים אַרויסגערעדט — וואָס קאָן איך טאָן?

— איך ווייס, דאָקטער, אַז איר קאָנט מיך נישט לערנען קיין ייִדישקייט! איר קאָנט מיר אָבער פֿאַרשרייבן אַ רעצעפּט... אַז מען זאָל מיר ברענגען איינעם, וואָס זאָל מיר ווייזן דעם וועג צוריק צו ייִדישקייט, צו ייִדן, צו מײַן מאַמען...

— העלפֿט מיר, דאָקטער!

ער האָט אָנגעכאַפּט מײַנע הענט און מיט טרערן אין די אויגן געקוקט אויף מיר מיט אַזאַ געבעט, אַז איך האָב נישט געוואוסט וואָס אים צו ענטפֿערן.

— שרײַבט פֿאַר מיר אויס אַ... רפֿואה, וואָס זאָל מיר העלפֿן... זאָל זײַן אַ ייִדישע יויך. אַ יויך מיט לאָקשן. אָבי...

איך בין אַרויס פֿון אָפּגעזונדערטן געצעלט, צוגעלאָפֿן צום קוטשער, וואָס האָט געוואַרט אויף דער בריטשקע, און, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ צו אים, געזאָגט:

— לויף שנעל מיט דער בריטשקע אין דערבײַיִקן שטעטעלע און פֿרעג זיך אָן וואו עס וואוינט דאָרט אַ ייִד! קלאַפּ אָן אין זײַן טיר און זאָג אים, אַז דאָ, בײַ אונדז אין לאַגער ליגט אַ חולה מסוכן... די איינציקע זאַך וואָס קאָן אים העלפֿן איז אַ ביסעלע ייִדישע יויך, אַ שבתדיקע יויך... אויב מעגלעך, אַ יויך מיט לאָקשן...

עס האָט לאַנג נישט געדויערט, און מײַן קוטשער האָט

זיך אומגעקערט... נישט אַליין. מיט אים איז געקומען אַ ייִד אָנגעטאָן אין שבתדיקע קליידער, אין זײַנע הענט האָט ער געהאַלטן אַ טעפּל מיט שבתדיקער יויך.

— צו ראַטעווען אַ חולה איז אַ גרויסע מצווה בײַ ייִדן! — האָט ער מיר געזאָגט אין אַ צעקאַליעטשעטן רו־סיש! — צוליב דער מצווה פֿון ראַטעווען אַ חולה, מעג מען אַפֿילו פֿאָרן אום שבת. אָבער מײַן טעפּל וויל איך באַלד צו־ריקנעמען, עס זאָל דאָ נישט טרייף ווערן בײַ אײַך אין לאַ־גער... פֿירט מיך אַרײַן צום חולה, איך וועל אים אַליין אָנהאָדעווען מיט מײַן ווײַבס שבתדיקער יויך. און זאָל עס אים זײַן צו געזונט!

— זײַט פֿאָרזיכטיק, איר זאָלט זיך נישט אָנשטעקן! — האָב איך געזאָגט צום ייִדן און בין אומישנע אַרויסגעגאַנגען צום קוטשער, אַז דער ייִד זאָל בלײַבן אַליין מיטן חולה אין געצעלט...

ווען דער ייִד איז אַרויסגעקומען פֿון געצעלט, האָט ער געזאָגט צו מיר:

— עס איז דעם חולה בעסער געוואָרן פֿון דער שבת־דיקער יויך. ער וויל שוין מער נישט ברעכן...

— דאָס איז אַ גוטער סימן! — האָב איך צוגעשטימט צום ייִדן — אויב אַזוי, ברענגט אים אײַערע יאַיכעלעך יעדן טאָג ביז ער וועט פֿולקאָם געזונט ווערן...

איך האָב אָנגעשריבן אַ צעטעלע, אַז מען זאָל דעם ייִדן צולאָזן צום חולה אַלע טאָג.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און דער חולה איז „געזונט״ געוואָרן. ווען איך בין געקומען אים אויסשרײַבן

פֿון דעם אָפּגעזונדערטן געצעלט, בין איך אויך געווען פֿאַר־זיכטיק, אַז קיינער זאָל נישט זײַן דערבײַ...

— איך ווייס נישט מיט וואָס איך קאָן אײַך אָפּדאַנקען, דאָקטער! — האָט דער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט גערעדט מיט טרערן אין די אויגן — אַ דאַנק אײַך און אַ דאַנק דעם ייִדן, וואָס האָט מיר געבראַכט די שבתדיקע יויך, ווען איך בין קראַנק געוואָרן אויף כאָליערע, ווער איך צוריק אַ ייִד. איך קאָן שוין לייגן תּפֿילין! איך קאָן שוין דאַווענען! איך וועל נישט דאַרפֿן זיך שעמען ווען עס וועט קומען דער טאָג און איך וועל זיך אומקערן אַהיים. מען זאָגט, אַז גאָר אין גיכן וועט דער קייסער באַפֿרײַען פֿון דינסט אַלע ניקאָלאַיעווסקי סאָלדאַטן... איר האָט שוין אויך געהערט וועגן דעם, דאָק־טער? ווען איך וועל באַפֿרײַט ווערן, וועל איך זײַן אַ ייִד ווי איך בין געווען ווען מען האָט מיך געכאַפּט און מיט גע־וואַלד אַוועקגעפֿירט. אַ דאַנק, דאָקטער! אַ דאַנק!

ראש השנה

לשנה טובהס

הערי און דזשערי זײַנען געווען ברוגז, צעקריגט אויף אייביק!

עס האָט זיך געדוכט, אַז זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט איבערבעטן!

און געדוכט האָט זיך דאָס אַזוי, ווײַל סײַ הערי, סײַ דזשערי האָבן געשוואָרן, אַז זיי וועלן זיך קיינמאָל נישט איבערבעטן, סײַדן דער צווייטער, דער אַנדערער, וועט זיך צום ערשטן איבערבעטן. פֿאַרוואָס זיי זײַנען ברוגז, האָבן זיי שוין ביידע פֿאַרגעסן.

פֿאַרוואָס זיי האָבן זיך צעקריגט? וואָס איינער האָט אַזוינס געטאָן דעם צווייטן? ווי אַזוי ער האָט אים באַליי־

דיקט? — דאָס איז שוין נישט וויכטיק! וויכטיק איז געווען דאָס, וואָס יעדער איינער פון זיי האָט זיך געשפּילט מיט אַנדערע חברים, און כאָטש ס'האָט אויסגעזען, אַז ביידע האָבן גאַנץ גוט הנאה געהאַט, איז (צווישן אונדז זאָל עס בלייבן) ביידן אויסגעגאַנגען דאָס חיות זיך איבערצובעטן, זיך נאָכ־אַמאָל שפּילן צוזאַמען ווי פאַרן ברוגז. אין אמתן גערעדט, ווער האָט נאָך געקאָנט אַזוי גוט שפּילן אין באַהאַלטעניש ווי דזשערי? אַט באַהאַלט ער זיך, דוכט זיך, פּונקט אַזוי ווי אַלע קינדער, אָבער ווען עס קומט צום געפינען, זוכט אים די גאַנצע גאַס קינדער און מען קאָן אים נישט געפינען. אַנטרונען! מיטאַמאָל — שפּרינגט ער אַרויס, גלייך ווי פון דער ערד און עס הילכט איבער דער גאַנצער גאַס זיין שטים, און העריס האַרץ ווערט איבערגעפילט מיט פרייד קוקנדיק אויף זיין פריינד דזשערי.

אָבער (צווישן אונדז זאָל דאָס בלייבן) מיינט נישט אַז נאָר העריין גייט אויס די נשמה זיך צו שפּילן מיט זיין העלד, דזשעריין... דער אמת איז, אַז אויך דזשעריין גייט אויס די נשמה זיך צו שפּילן מיט העריין! וואָרום ווער נאָך קאָן אויפשטעלן אַזאַ באַן ווי הערי? אַ לעבעדיקע באַן, אַ קייט פון קעפּ און רוקנס; עס באַוועגן זיך אַ צוויי צענדליק פיס־לעך, עס שיפּען אַ צענדליק מיילער און עס פאַרט אַ באַן! זי שלענגלט זיך פון איין הויף אין צווייטן, און מיטאַמאָל — אַן אומגליק! עס קראַכט די באַן, און אַלע רוקנדלעך און קעפּלעך פאַלן צו דער ערד. אָבער נישט העריס! און דזשע־ריס האַרץ ווערט איבערפילט מיט גליק און שטאָלץ פאַר זיין פריינד, דעם מזיק הערי, וועלכער קערט אַלעמען איבער און

ער אַלין בלײַבט שטיין מיט אַזאַ אומשולדיק פּנימל, גלײַך ווי ער ווייסט פֿון גאָרנישט!

אַך, ווי עס גייט דזשעריִן אויס דאָס האַרץ נאָך העריִן! אָבער קיינער טאָר דאָס נישט וויסן, ווײַל ער איז דאָך ברוגז מיט אים! זיי זײַנען ברוגז אויף אייביק!... און כאָטש יע־דער איינער פֿון זיי כאַפּט אַ קוק בגנבה אין צווייטנס הויף און אין צווייטנס זײַט, ווען עס מאַכט זיך נאָר, הייסט עס אָבער פֿאַר דער וועלט, פֿאַר די חברים, אַז זיי טראַכטן גאָר־נישט וועגן איבערבעטן זיך! און נישט נאָר די חברים, נאָר אַפּילו די עלטערן, וואָס זײַנען צווישן זיך גוטע פֿרײַנד, קאָנען בײַ די ייִנגלעך נישט פּועלן, אַז זיי זאָלן זיך איבער־בעטן.

— זאָל ער מיך איבערבעטן! — טענהט דזשערי, — ער האָט מיך באַליידיקט!

— איך האָב אים גאָרנישט געטאָן! פֿאַרוואָס זאָל איך אים איבערבעטן? — טענהט הערי. אוןביידע לאָזן נישט זייערע טאַטעס צוגיין איינער צום צווייטן בשעת זיי גייען אַרויס נאָך וועטשערע כאַפּן אַ ביסל לופֿט מיט זייערע ייִנג־לעך. די טאַטעס שמייכלען, זיי ווילן שפּאַצירן צוזאַמען, אָבער די קינדער שלעפּן זיי בײַ די הענט, דער קײַן צפֿון און דער קײַן דרום! אַן אומגליק!

אַז ס׳איז אונטערגעקומען ערב ראש השנה, איז דזשערי מיטגעגאַנגען מיט זײַן טאַטן העלפֿן דער מאַמען אַהיימשלעפּן די פּעק פֿון מאַרק.

אויך הערי איז מיטגעגאַנגען מיט זײַן טאַטן העלפֿן

דער מאַמען אַהיימשלעפּן פּיש, פלייש און פּרוכט אויף יום־טוב.

ביידע טאַטעס שטופּן זיך דורך דעם גרויסן עולם אײַנקויפער, און ביידע יינגלעך כאַפּן בגנבה אַ קוק איינער אויפן צווייטן, אָבער נישט אויף לאַנג, זיי רײַסן אַוועק די טאַטעס, — דעם אַהין און דעם אַהער.

— געגוג שוין זײַן ברוגז! ביז וואַנען איז דער שיעור צו זײַן ברוגז? — בייזערט זיך העריס טאַטע.

— עס איז דאָך אַ מצווה ערב ראש־השנה זיך איבער־צובעטן, — טענהט דזשעריס טאַטע, — גיי זאָג אים: „לאָמיר זיך איבערבעטן צום נײַעם יאָר"..

— זאָל ער מיר זאָגן! זאָל ער מיך איבערבעטן!

און נאָך אַמאָל שלעפּט איינער אַהין און אַ צווייטער — אַהער. די טאַטעס זײַנען אויסער זיך פון פאַרדראָס.

צו זייער גליק רופט אַ ייִד אויס אויף אַ קול:

„לשנה טובה! לשנה טובהס צום נײַעם יאָר!"

דזשעריס טאַטע שטופּט זיך דורך דעם עולם צום ייִדן, וואָס פאַרקויפט לשנה טובהס און רופט אויס:

— גיט מיר צען לשנה טובהס!

דזשערי גיט אַ שלעפּ זײַן טאַטן בײַם אַרבל:

— ס'איז טאַקע אַ מצווה זיך איבערצובעטן ערב ראש־השנה?... — פּליסטערט ער צו זײַן טאַטן און כאַפּט אַ קוק אויף זײַן חבר.

— צי עס איז אַ מצווה? עס איז די גרעסטע זינד צו בלײַבן צעקריגט מיט אַ פרײַנד צום נײַעם יאָר!

— טאָ קויף עלף „שנה טובהס״, איינע פֿון מײַנעט־וועגן! — זאָגט דזשערי און וואַרפֿט אַ שמייכל צו הערין.

— קויף אויך איינע פֿון מײַנעטוועגן, פּאַ! — רופֿט אויס הערי.

די טאַטעס זײַנען אַוועק פֿאָראויס און ביידע ייִנגלעך זײַנען נאָכגעגאַנגען שוין צוזאַמען...



בעניס לשנה טובהס

װען בעני איז געגאַנגען דעם ערשטן טאָג נאָך זומער־וואַקאַציע אין שול אַרײַן, האָט ער זיך געפֿילט ווי אַ גרויסער. מיט אַלע כוחות האָט ער זיך אָנגעשטרענגט אויפֿצופֿירן זיך ווי אַ גרויסער. ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן נישט אונטערצושפּרינגען אויף איין פֿיסל, ווי ער האָט ליב געהאַט צו טאָן; ער האָט זיך נישט אַראָפּגעבויגן אויפֿצוקלײַבן יעדער שטיינדעלע, וואָס איז אים געפֿעלן געוואָרן; ער איז נישט נאָכגעלאָפֿן די שמעטערלינגען, וואָס האָבן געשוועבט אין דער זוניקער העלער לופֿט.

ער איז געגאַנגען שנעל, זיך נישט פֿאַרקוקט אויף קיין זאַך. דעם ערשטן לערנטאָג האָט ער געוואָלט אָנקומען דער ערשטער אין שול.

און פֿאַרוואָס, מיינט איר, האָט ער געוואָלט אָנקומען אַהין דער ערשטער? ווײַל ער האָט זיך באמת פֿאַרבענקט נאָך זײַן שול.

אָבער נישט נאָר דערפֿאַר, ווייל ער האָט זיך, נאָך אַ לאַנגער זומער וואַקאַציע, פֿאַרבענקט נאָך דער שול, נאָר ווײַל הײַנט, צום ערשטן מאָל, האָט ער זיך דערפֿילט ווי אַ „גרויסער". ביז דער וואַקאַציע איז ער געווען אַ תלמיד פֿון קלאַס א׳, פֿון ערשטן קלאַס. פֿון הײַנט אָן וועט ער זײַן אַ תלמיד פֿון קלאַס ב׳, פֿון צווייטן קלאַס, און נישט נאָר לויט זײַן „פּאַפּיר", נאָר אין דער ווירקלעכקײַט!

אַ תלמיד פֿון צווייטן קלאַס!

בעני האָט זיך אויסגעצויגן, ער האָט שטאַרק געוואָלט אויסזען העכער פֿון זײַנע זיבן יאָר. „איך בין אַ תלמיד פֿון קלאַס ב׳!״ האָט ער מיט שטאָלץ אַ קלער געטאָן און מיט פֿרייד אין האַרצן איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין הויף פֿון דער שול.

ער איז געווען זייער נײַגעריק צו זען זײַן נײַע לע־רערין, אָבער נאָך נײַגעריקער איז ער געווען צו זען, וואָס וועט זי מיט אים לערנען אין קלאַס ב׳. ער פֿאַרשטייט, אַז קלאַס ב׳ איז נישט קײַן קלייניקײַט! דאָס לערנען פֿון צווייטן קלאַס קאָן מען נישט צוגלײַכן צום לײַכטן לערנען פֿון ערשטן קלאַס, וואָס איז ווי אַ שפּילכל קעגן דעם, וואָס מען וועט מיט אים לערנען דאָ, אין צווייטן קלאַס! אָבער בעני שרעקט זיך פֿאַר קײַן זאַך נישט!

ער איז גרייט אַרײַנצוזאַפּן אין זיך אַלץ וואָס מען וועט מיט אים לערנען, און אויך דאָ, אין קלאַס ב׳, וויל ער זײַן דער סאַמע בעסטער, דער ערשטער אין אַלץ!

מיט דעם דאָזיקן באַשלוס האָט דער זיבן יאָריקער בעני געשלונגען יעדער וואָרט, וואָס די נײַע לערערין האָט געזאָגט צום קלאַס.

און אַזוי האָט געזאָגט די לערערין צו בעניס קלאַס:

— אַזוי ווי אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ראָש־השנה, וועלן מיר אָנהייבן זיך צוגרייטן אויפֿצונעמען דאָס נײַע יאָר. איר ווייסט דאָך, קינדער, אַז ערב ראָש־השנה שיקט מען איינער דעם צווייטן „לשנה טובה״־קאַרטלעך מיט די בעסטע

וואונטשן צום נײַעם יאָר. אין קראָם זײַנען פֿאַראַן גענוג אַזעלכע „לשנה טובה“־ קאַרטלעך מיט פֿאַרשיידענע בילדער, די אותיות אָנגעשריבן מיט גאָלד אָדער מיט זילבער. אָבער איך וואָלט וועלן, אַז איר זאָלט נישט קויפֿן קיין „לשנה טובהס“ אין קראָם, נאָר איר זאָלט אַליין צייכענען און מאָלן מיט אײַערע אייגענע הענט. איר זענט דאָך שוין גרויסע! איר זענט דאָך שוין תלמידים פֿון קלאַס ב׳! לאָמיר זען ווער פֿון אײַך עס וואָלט געקאָנט צייכענען און מאָלן מיט דער האַנט די דאָזיקע דרײַ ווערטער:

לשנה טובה תכתבו!

און ווען די לערערין האָט מיט שיינע געדרוקטע אותיות אָנגעשריבן די דאָזיקע דרײַ ווערטער אויפֿן טאָוול, האָט זי געזאָגט:

— איר קאָנט פֿאַר זיך אויסקלײַבן קאַרטאָן פֿון וואָס פֿאַר אַ קאָליר איר ווילט! איך האָב אויך אַ סך קאָלירטע בלײַפֿעדערס...

און איידער זי האָט געענדיקט רעדן, האָט שוין בעניס קליין קעפּל געטראַכט אַזוי:

„פֿאַרוואָס נישט אָנצייכענען פֿון ביידע זײַטן פֿון „לשנה טובה תכתבו“ צוויי בלימעלעך, פּונקט ווי די צוויי אײַקאַ־ ליפּטוסן, וואָס וואַקסן פֿון ביידע זײַטן טיר בײַ מיר אין הויף?“

און בעני האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. ער האָט זיך אַפֿילו נישט אָפּגעשטעלט צו רעדן מיט זײַנע חברים כדי אויסצוגעפֿינען בײַ זיי וואָסערע קאָלירן קאַרטאָן און וואָסע־

רע קאָלירן בלײַפּעדערס זיי וועלן נוצן. בײַ זיך האָט ער שוין געוואוסט געניי וואָסערע קאָלירן ער וועט אויסקלײַבן, ווײַל אין זײַן קאָפּ האָט ער שוין געזען אַלע אותיות פֿון „לשנה טובה תכתבו" ווי זיי קוקן אַראָפּ פֿון דעם קאַר־טאָן, — פּונקט ווי די בלומען פֿון דעם גאָרטנדל בײַם אַרײַנ־גאַנג פֿון זײַן הויז.

בעני האָט זיך אַזוי אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט, אַז עס האָט לאַנג נישט געדויערט און פֿון אונטער זײַנע זיבן יאָריקע הענטעלעך איז אַרויס די ערשטע „לשנה טובה" גע־מאָלן אויף געל־גאָלדענעם קאַרטאָן, וואָס האָט געשײַנט ווי דאָס זאַמד פֿון זײַן גאָרטן. די אותיות האָט ער געמאָלן מיט העל־בלויע און לילאַ־פֿאַרבן, פּונקט ווי די בלומען, וואָס וואַקסן דאָרט. פֿאַרשטייט זיך, אַז די צוויי אײַקאַליפּטוסן האָט ער אויך נישט פֿאַרגעסן אויסצומאָלן...

ווען די לערערין האָט באַטראַכט די ערשטע „לשנה טובה" און איר זייער געלויבט, האָט ער שוין געטראַכט: „ביז וואַנען דער גלאָק וועט קלינגען וועל איך נאָך אפֿשר באַווײַזן אויסצושנײַדן און אָנצוצייכענען נאָך איין „לשנה טובה"! די ערשטע וועל איך טאַקע שיקן קײַן תל־אָביב צו דער באָבען און צום זיידן, אָבער די צווייטע וועל איך געבן דער נײַער לערערין, דער לערערין פֿון קלאַס ב'"!

און ווידער האָט זיך בעני גענומען מיט ברען צו דער אַרבעט.

דאָס מאָל האָט די לערערין אים געלויבט נאָך מער ווי פֿריער, כאָטש דער קאַרטאָן און די בלײַפּעדערס, וואָס ער האָט גענוצט, זײַנען געווען פֿון אַנדערע קאָלירן.

עס האָט נאָך אַלץ נישט געקלונגען דער גלאָק, האָט בעני לאַנג נישט געטראַכט און זיך ווידעראַמאָל אַ נעם גע־טאָן צו דער אַרבעט.

ווען ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער דריטער „לשנה טובה" האָט ער זי אַפֿילו נישט געוויזן דער לערערין, און זיך גלייך גענומען צו דער פֿערטער, ווייל די לערערין האָט גע־זאָגט, אַז ניי־יאָר־קאַרטלעך שיקט מען נישט נאָר צו טאַטע־מאַמע און צו באָבע־זיידע, נאָר אויך צו חברים און פֿריינט.

ווען דער גלאָק האָט געקלונגען און בעני האָט זיך גע־לאָזט גיין אַהיים, האָט ער שוין געהאַט אין זיין העפֿט פֿיר „לשנה טובהס".

די „לשנה טובהס" האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צו ווייזן זיין מאַמען.

— האָט דען די לערערין נישט געזאָגט דעם קלאַס, אַז עס איז גוט אַריינצולייגן די „לשנה טובהס" פֿאַר די על־טערן אין דעם בריוו־קאַסטן ערב יום־טוב?... — האָט טאַ־קע בעני געטאָן ווי די לערערין האָט געזאָגט דעם קלאַס.

איין „לשנה טובה" האָט ער אַריינגעלייגט אין דעם בריווקאַסטן פֿון זיין הויף, די צווייטע האָט ער אַוועקגע־שיקט קיין תל־אָביב צו זיין באָבען און צו זיין זיידן. די דריטע האָט ער שפּעט נאָכמיטאָג, ווען דער שול־הויף איז געווען ליידיק, אַריינגעלייגט דאָרט אין בריווקאַסטן פֿאַר דער לערערין פֿון קלאַס ב׳.

און וועמען וועט ער שיקן די פֿערטע „לשנה טובה"?

בעני האָט זיך אַרומגעדרייט אינעם הויף און זיין קאָפּ איז געווען פֿול מיט געדאַנקען.

זאָל ער פּרעגן זײַן מאַמען, װעמען ער זאָל שיקן די פּערטע „לשנה טובה״? אויב ער װעט בעטן בײַ זײַן מאַמען אַן עצה, װעט דאָך אַרויס זײַן סוד, אַז ער שיקט זײַנע על־טערן אַ „לשנה טובה״, װעט עס דאָך שוין נישט זײַן קײַן סורפּריז פֿאַר איר װען זי װעט געפֿינען אין בריװקאַסטן זײַן נײַ־יאָר קאַרטל.

ניין! ער דאַרף אַליין באַטראַכטן די פֿראַגע און באַ־שליסן װעמען ער זאָל שיקן די פּערטע „לשנה טובה״!

זאָל ער זי שיקן צו איינעם פֿון די קינדער פֿון זײַן שול? װעלן זיך דאָך די איבעריקע קינדער באַליידיקן — אַלע זײַ־נען דאָך זײַנע חברים! אַלע — טאַקע אַלע.

טאָ װעמען זאָל ער פֿאָרט שיקן די פּערטע „לשנה טובה״, װאָס איז בײַ אים פֿאַרבליבן?...

שטאַרק פֿאַרטראַכט האָט זיך בעני אַרומגעדרייט צװישן די עופֿות אויפֿן הויף און געזוכט אַן עצה װאָס צו טאָן מיט דער שיין געמאָלטער פּערטער „לשנה טובה״.

פלוצעם האָט ער דערהערט אַ שטיל ברומען. ער האָט אויפֿגעהויבן זײַן פֿאַרטראַכט קעפּל און דערזען זײַן הונט.

דער הונט האָט, װײַזט אויס, דערפֿילט, אַז בעני, זײַן בעסטער פֿרײַנד, איז אין אַ פֿאַרלעגנהײַט, איז ער צוגעגאַנ־גען צו אים. שמעקנדיק אים מיט זײַנע נאָזלעכער האָט ער װי געװאָלט אויסגעפֿינען, װאָס איז דער מער מיט אים, װאָס ער דרייט זיך אַרום אַזאַ פֿאַרטראַכטער, אַזוי פֿאַר־זאָרגט...

בעני האָט אַרומגענומען דעם הונטס קאָפּ, זיך צו־

געטוליעט צו אים און דערביַי האָט ער געטראַכט זײַנע גע־דאַנקען.

דער הונט האָט, ווײַזט אויס, דערפֿילט וואָס בעני טראַכט; ער האָט פּלוצעם אָנגעשפּיצט זײַנע אויערן, ווי איינער וואָס הערט זיך צו מיט גרויס אַכטונג. דער הונט האָט זיך אויסגעצויגן, אַ טרייסל געטאָן מיט זײַן רוקן און נאָכאַמאָל אַ וואָרטשע געטאָן און אויסגעדרייט זײַן פּנים צו לינקס.

— ווען ווילסטו מיר אָנווײַזן, דובי? — האָט בעני געפֿרעגט זײַן הונט קוקנדיק צו לינקס.

דובי האָט נאָכאַמאָל אַ וואָרטשע געטאָן און דאָס מאָל נאָך שטאַרקער ווי פֿריער אויסגעדרייט זײַן קאָפּ צו לינקס.

— האָב איך דען דאָ חברים, אין דער דאָזיקער זײַט פֿון דאָרף, דובי?

דובי האָט געהאַלטן אין איין ציען זײַן פּנים צו לינקס.

נאָכפֿאָלגנדיק דובין מיט זײַנע אויגן האָט בעני באַ־מערקט דאָס קליינע נידעריקע הייזקעלע וואו עס האָט זיך נישט לאַנג צוריק באַזעצט דער איינזאַמער שוסטער פֿון מאַראָקאָ. אונטער דעם בוים בײַם הײַזל איז דער שוסטער געזעסן און געאַרבעט.

— אים מיינסטו, דובי! ווײַל ער האָט דאָ קיינעם נישט! — האָט בעני אויסגערופֿן פּלוצעם אויף אַ קול.

דובי האָט נאָכאַמאָל אַ וואָרטשע געטאָן... בענין האָט זיך אויסגעדאַכט, ווי דער הונט האָט אים געוואָלט זאָגן: „יאָ! אים דאַרפֿסטו שיקן אַ „לשנה טובה".

בעני האָט צוגעוואַרט ביז וואַנען עס איז טונקל גע־וואָרן.

דער שוסטער האָט פֿאַרנומען זײַן אַרבעטסשטעל פֿון אונטערן בוים און איז אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אין זײַן הײַז־קעלע.

בעני איז אויף שנעל אַרײַנגעלאָפֿן צו זיך אַהיים, אויף דער פֿערטער „לשנה טובה" האָט ער אָנגעשריבן: „פֿון בענין", איז צוגעלאָפֿן צום שוסטערס בריווקאַסטן און זי אַרײַנגעלייגט אינעווייניק...

יום כיפור

סעניאָר פערעראַס ערשטער יום־כיפור

נאָך דעם ווי מיסטער אַוועורבאַך האָט מיך אַרומגעפירט אַ פּאָר שעה צייַט איבער „פּאָרט אָוו ספּיין", האָט ער צו מיר געזאָגט:

— און איצט, נאָך דעם, וואָס איך האָב אייַך באַקענט מיט אַלע יידן פון אונדזער שטאָט, וואָס איז די הויפּטשטאָט פון קאַריבעאישן אינדזל טרינידאַד, וועל איך אייַך צופירן צו סעניאָר פּערעראַ.

— ווער איז סעניאָר פּערעראַ?

מיסטער אַוועורבאַך האָט זיך צעשמייכלט און גאָרנישט געענטפערט.

איך האָב געפֿילט, אַז ער וויל מיך אָנציען מיט זײַן לאַנגן שווײַגן און איך האָב באַשלאָסן צו וואַרטן. מײַן נײַגער איז אָבער געוואַקסן און איך האָב נאָכאַמאָל איבערגע־חזרט:

— ווער איז סעניאָר פּערעראַ? פֿאַרוואָס וואוינט ער אַזוי ווײַט פֿון דער שטאָט?

אַזוי האָב איך געקלערט זעענדיק, אַז דער וועג, וואָס איבער אים האָט מיך אַווערבאַך געפֿירט אין זיין אויטאָמאָ־ביל, שלענגלט זיך שוין פֿון יענער זײַט „פּאָרט אָוו ספּיין" ביים סאַמע ברעג ים.

מיסטער אַווערבאַך האָט נאָכאַמאָל אַ שמייכל געטאָן און, נאָך אַ לאַנגן שטיל־שווײַגן, זיך אָפּגערופֿן:

— זײַנע עלטער־זיידעס זײַנען געווען פֿון די ווייניקע יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פֿון דער שפּאַנישער אינ־קוויזיציע אָנהייב זעכצנטן יאָר־הונדערט... זיי האָבן גע־וואַנדערט אויף קליינע שיפֿלעך וואוהין עס האָט זיך גע־לאָזט אַבי אַנטלויפֿן פֿון דער אינקוויזיציע... נאָך אַ לאַנגער רײַזע אויפֿן ים, האָבן זיי דערזען דעם אינדזל. זיי האָבן זיך דאָ באַזעצט און אָנגעהויבן צו האַנדלען און פֿירן געשעפֿטן... ווי עס ווײַזט אויס, האָבן פֿיל פֿון זיי דאָ חתונה געהאַט מיט קריסטן און מיט דער צײַט אויך געוואָרן קריסטן, קאַטאָ־ליקן... סעניאָר פּערעראַ איז נישט געווען קײַן אויסנאַם... ער איז געווען אַ פֿרומער קאַטאָליק, געגאַנגען אין קירך און געווען דער בעסטער נדבה־געבער צו די קאַטוילישע גלחים פֿון אינדזל...

ווען היטלער האָט אָנגעהויבן זײַנע שרעקלעכע מער־

דערײַען זײַנען געקומען צו אונדז אין שטאָט אַרײַן ייִדן פֿון מזרח אייראָפּע. זיי האָבן געדונגען אַ גרויס הויז און געמאַכט דאָ אַ שול, וואוהין מיר קומען דאַווענען שבת און יום־טוב.

איינמאָל צו כל־נדרי איז סעניאָר פּערערא פֿאַרבײַגעגאַנגען די שול און דערהערט די אומעטיקע ניגונים פֿון דער תּפֿילה. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז לאַנג געשטאַנען בײַ דער טיר. איינער פֿון די דאַווענער האָט באַמערקט דעם רײַכן געשעפֿטסמאַן און אים אַרײַנגעבעטן אין שול אַרײַן...

סעניאָר פּערערא איז שוין אויסגעזעסן אין שול ביז נאָך „כל־נדרי" און דעם גאַנצן אָוונט. אויף מאָרגן איז ער נאָכאַמאָל געקומען אין שול אַרײַן און איז דאָרט אָפּגעזעסן לאַנגע שעהן. נאָך יענעם יום־כּיפּור פֿלעגט ער זיך אַרײַנגנבענען יעדן פֿרײַטיק אָוונט אין שול און דאָרט אָפּזיצן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן ביז וואַנען מען פלעגט ענדיקן דאַווענען.

— אין סעניאָר פּערעראַן איז אַרײַן אַ דיבוק! — האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג צווישן זײַנע קינדער און קינדס־קינדער, פֿרײַנט און קרובים. — ער וויל נישט גיין אין קירך! ער וויל נישט דינען מער אונדזער גאָט!

— ער איז פשוט אַלט און האָט קײַן כּוח נישט צו גיין אין קירך אַרײַן, — האָבן זײַנע זין געפּרואווט אים פֿאַרענטפֿערן, ווען זיי האָבן דערזען, אַז די שטאָט גייט אויף רעדלעך פון דעם שרעקלעכן קלאַנג, וואָס איז פאַרשפּרייט געוואָרן וועגן זייער פֿאָטער.

די פרומע גלחים האָבן באַשלאָסן צו קומען צו סעניאָר פערעראַ אַהיים און טאָן מיט אים תּפילה.

ווי נאָר סעניאָר פּערעראַ האָט דערזען דעם צלם, מיט וועלכן די גלחים האָבן אים געוואָלט בענטשן און ראַטעווען זײַן נשמה, האָט ער זיך דערפּילט זייער שלעכט. ווען ער איז געקומען צו־זיך, האָט ער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער ווייס נישט וואָס עס טוט זיך מיט אים, כדי די גלחים זאָלן זיך אָפּטשעפּען פון אים און אים לאָזן צורו...

— סעניאָר פּערעראַ איז אַלט און שוואַך — האָט מען גערעדט אין דער קאַטוילישער קירך און מען האָט אים געלאָזט צורו...

פון דעמאָלט אָן פּלעגט סעניאָר פּערעראַ זיך אַרומ־בלאָנקען טאָג און נאַכט איינער אַליין און רעדן צו זיך, נאָר ווען ער פלעגט זיך אַרײַנכאַפּן אין דער יידישער שול פון „פּאָרט אָוו ספּיין", פּלעגט ער זיצן שטילערהייט און קוקן מיט זײַנע טיפע בענקענדיקע אויגן אויף די ליכט, וואָס האָבן גע־ברענט פאַרן אָרון־קודש.

אין איין שיינעם טאָג האָבן אָנגעהויבן צו קלינגען אַלע גלאָקן פון „פּאָרט אָוו ספּיין". אין שטאָט האָט זיך פאַר־שפּרייט אַ קלאַנג, אַז סעניאָר פּערעראַ איז אויסגעגאַנגען.

אַלע קאַטוילישע גלחים האָבן זיך אויסגעפּוצט, כדי צו גיין באַערדיקן דעם גוטן קאַטאָליק, סעניאָר פּערעראַ. קיינער האָט נישט דערלאָזט עס זאָל דערמאָנט ווערן אַפילו מיט איין וואָרט, אַז דער אַלטער פּערעראַ איז נישט געווען פרום אין די לעצטע מאָנאַטן פון זײַן לעבן...

מען האָט געפּוצט די קאַרעטעס, געוואַשן די פערד און אײַנגעקויפט די טײַערסטע בלומען, כדי מיט זיי צו באַשיינען דעם גאַנג צום צווינטער...

אָבער פונקט ווען אַלע פֿרומע קאַטאָליקן פֿון שטאָט זײַנען שוין געווען אויסגעפּוצט און זײַנען שוין אומגעדולדיק געשטאַנען אַרום סעניאָר פֿערעראַס פּאַלאַץ און געוואַרט אויף דער קאַטוילישער לוויה, האָט זיך באַוויזן דער גרעסטער אַד־וואָקאַט פֿון שטאָט, אין זײַנע הענט — אַ פֿאַרזיגלט פּאַפּיר. דאָס איז געווען די צוואה, וואָס סעניאָר פֿערעראַ האָט גע־מאַכט אַ פּאָר וואָכן פֿאַר זײַן טויט.

אין דער צוואה איז געווען אויסגעשריבן גאַנץ דײַטלעך ווי אַזוי סעניאָר פֿערעראַ פֿאַרטיילט זײַן רײַכטום צווישן זײַנע קינדער. בײַם סוף איז געווען אַזאַ צושריפֿט:

„זאָל קיינער נישט זאָגן אויף מיר, אַז איך בין נישט געווען בײַם פֿולן זינען, ווען איך האָב געשריבן די צוואה. מײַן דאָקטער איז אַן עדות אַז איך בין געזונט און בײַ מײַן פֿולן שכל, אָבער נישט אין גאַנצן געזונט אין מײַן גלויבן. און אַזוי ווי איך שטאַרב נישט ווי אַ גלויביקער קאַטאָליק, האַלט איך, אַז איך האָב נישט קײַן רעכט צו פֿאַרנעמען אַ פּלאַץ אויף דעם קאַטוילישן צווינטער. בעט איך אַלע מײַנע קינדער, אַז זיי זאָלן אויספֿילן מײַן לעצטן וואונטש און אַוועקפֿירן די מיטה מיט מײַנע רעשטן צום ים, צו דעם פּלאַץ, וואָס איך צייכן דאָ אָן. זאָלן זיי הייסן אַרונטערלאָזן אין די כוואַליעס אַרײַן דעם אור־אור־אור־אייניקל פֿון די אַמאָליקע ספֿרדישע ייִדן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף דעם אינדזל אַנטלויפֿנדיק פֿון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע".

עס האָט די גלחים נישט געהאָלפֿן. עס האָט פֿערעראַס קינדער און קינדס־קינדער גאָרנישט נישט געהאָלפֿן. לויטן

ענגלישן געזעץ מוז מען אויספּאָלגן אַ צוואה פּונקט ווי זי איז אָנגעשריבן...

— און אָט קומען מיר צו צום פּלאַץ, וואו מען האָט סעניאָר פּערעראַן געטאָן זײַן רעכט, ווי ער האָט באַפּוילן! — האָט געשמייכלט מיסטער אַווערבאַך אָפּשטעלנדיק זײַן אויטאָמאָביל.

ער האָט מיך צוגעפּירט צו די הויכע פּעלדזן, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעשניטן טיף אין ים אַרײַן און געזאָגט: „פֿון יענעם לעצטן פּעלדז האָט מען אַרונטערגעוואָרפֿן אין ים אַרײַן די מיטה מיט דעם קאַטאָליק, וואָס האָט, ווײַזט אויס, געוואָלט צוריק ווערן אַ ייד... איר זעט די הויכע כוואַליעס? גלײַך ווי זיי קריגן זיך נאָך איצט איבער סעניאָר פּערעראַן!...

איך האָב זיך צוגעקוקט צום הויכן פּעלדז. פֿון ביידע זײַטן האָבן אים געריסן הויכע, שוימיקע, ווײַסע כוואַליעס, — די אין דער זײַט, יענע אין דער אַנדערער זײַט. און קוקנדיק אויף זיי, האָב איך זיך פֿאַרגעשטעלט, ווי אין דער טיפֿעניש פֿון ים קריגן זיך נאָך אַלץ די כוואַלעס איבער דעם קאַטאָליק, וואָס האָט נישט באַוויזן צו שטאַרבן ווי אַ גאַנצער ייִד...

סוכּות

די סוכּה, די סוכּה...

סעדיהן איז געגאַנגען זייער שלעכט אין דעם
אַראַבישן שטעטל אין תימן. אמת, ער איז
נישט געווען דער איינציקער וועמען ס'איז
געגאַנגען שלעכט אין דעם שטעטל. עס
האָבן געוואוינט דאָרט אַ סך ייִדן, אַלע זײַ־
נען זיי געווען גוטע מײַסטערס צו מאַכן פֿון גאָלד און זיל־
בער אויערינגען, נאָזרינגען און מטבעות, וואָס די אַראַבע־
רינס ציִען אָן אויף דיקע פֿעדעם ווי קרעלן און טראָגן זיי
אויפֿן האַלדז. מײַסטערס אויף זילבער און גאָלד זײַנען גע־
ווען מער ווי קונים. איז נישט קיין וואונדער, וואָס יעדער
איינער פֿון די תימנער ייִדן פֿלעגט זיך קלאָגן אין אָוונט בײַ
מעריב, אָדער שבת נאָך הבדלה, אויף זײַן ביטערן גורל.
טרויעריק זײַנען געווען די לעצטע שבת־לידער זייערע. די

וואָכעדיקע זאָרג פֿלעגט זיך אָנרוקן אויף זיי, ווי אַ שווערער וואָלקן.

— אַי, ווען ס'איז שטענדיק שבת אויף דער וועלט! ייִדן וואָלטן זיך דעמאָלט געקאָנט ליבהאָבן און נישט אַוועקנעמען איינער בײַם צווייטן דעם קונה און אַזוי שנײַדן די פּרײַזן, אַז ס'זאָל גאָרנישט בלײַבן קיין פֿאַרדינסט נאָך דער שווערער וואָך אַרבעט!

אַזוי האָבן געטראַכט די ייִדן פֿון דעם אַראַבישן שטעטל אין תימן. זיי איז אַלעמען געגאַנגען שלעכט, נאָר סעדיהן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אים איז ערגער פֿון אַלעמען און דעריבער האָט ער באַשלאָסן אַריבערצוקלײַבן זיך אין אַ ווײַטן אַראַבישן דאָרף וואו ס'זײַנען דאָ ווייניק ייִדן, ווייניק גאָלד- און זילבער-מײַסטערס, — וועט ער דאָרט קאָנען פֿאַרדינען צום לעבן. גראָד האָט סעדיה זייער גוט אָנגעטראָפֿן מיט זײַן אַריבערציִען זיך אין דעם נײַעם פּלאַץ, נאָר איין חיסרון האָט דאָס דאָרף געהאַט: די עטלעכע ייִדן, וואָס האָבן דאָרט געוואוינט האָבן מורא געהאַט פֿאַר די אַראַבער. האָבן זיי געראָטן סעדיהן נישט „אויפֿרײַסן די אויגן" פֿון די אַראַבישע שכנים, דאָס הייסט אַלץ טאָן אין דער שטיל.

האָט סעדיה געפֿאָלגט די נײַע ייִדישע שכנים זײַנע, געצוימט זיין שטים ביי קבלת-שבת און שבת צו-נאַכט. ביים דאַווענען אין דער קעלער-שול האָט זיך אים נישט איינמאָל אויסגעדוכט, אַז זײַן שטים ווערט דערשטיקט. ווען מ'לאָזט אים, וואָלט ער זיך צעזונגען אויף אַ קול און געלויבט דעם אייבערשטן פֿאַר דער גוטער פּרנסה אין דעם נײַעם אָרט. ווען מ'לאָזט אים נאָר!... אָבער וואָס זאָל ער טאָן? וועט

שוין גאָט מוזן דערהערן פֿון קעלער זײַן שטילע תּפֿילה, וואָס איז פֿול מיט דאַנק... און סעדיה האָט געפּראַוועט ראש־השנה און יום־כּיפּור אויפֿן שטילסטן אופֿן. אָבער נאָך יום־כּיפּור — האָט ער באַשלאָסן, מוז ער אויפֿשטעלן אַ סוכּה, צי זײַנע יידישע שכנים ווילן, צי ניט! אָן אַ סוכּה? איז דען געהערט געוואָרן אַזאַ זאַך, — אַ ייִד אָן אַ סוכּה?! אַ סוכּה, זאָגן זײַנע שכנים, וואַרפֿט זיך אין די אויגן! — „ווער ס׳וויל נישט, וועט נישט קוקן אויף איר און וועט נישט אַרײַנקומען זיצן אין סוכּה!״ — זאָגט סעדיה. אָבער איין סוכּה מוז דאָס שטעטל האָבן! האָט סעדיה באַשלאָסן אויפֿצושטעלן אַ סוכּה איינער אַליין, אויב אַנדערע האָבן מורא. ער וועט קריגן סכך פֿאַר דער סוכּה און וועט זי באַפּוצן און זי וועט שטיין לעבן זײַן דירה אַזוי, אַז אויב ס׳וועט עפּעס טרעפֿן, וועט עס טרעפֿן מיט אים אַליין און קיין אַנדערע ייִדן וועט עס נישט שאַטן.

סעדיה האָט זיך גענומען צו דער סוכּה גלײַך אויף מאָרגן נאָך יום־כּיפּור. ער האָט שווער געאַרבעט, אָבער אויפֿגעשטעלט האָט ער אַ סוכּה אַ צאַצקע, באַהאַנגען זי מיט טעפּעכער און מיט פּרוכט פֿון אַלערליי קאָלירן און ס׳האָט זיך געדוכט סעדיהן, אַז די קאָלירן באַצויבערן אַפֿילו די זון, וואָס כאַפּט אַ קוק דורך דעם סכך פֿון דאַך און גיט אַ שמייכל, אַזוי ווי זי זאָל זאָגן: „נישט שלעכט, סעדיה! גאָרנישט שלעכטס!״ סעדיהס האַרץ איז געווען איבערגעפֿילט מיט פֿרייד! ווען מ׳לאָזט אים, וואָלט ער זיך צעזונגען אַזוי, אַז אַפֿילו די אַראַבישע שכנים וואָלטן געמוזט מיט אים מיטזינגען! אָבער גיי זינג, אַז די ייִדן זאָגן — מען טאָר נישט!

סעדיה האָט שטילערהייט געוואַרט אויפֿן יום־טוב... ער וועט נישט נאָר זיצן אין סוכה, נאָר אַפֿילו בלײַבן אין איר שלאָפֿן...

ווען אַלץ איז שוין געווען פֿאַרטיק פֿאַר דעם טײַערן יום־טוב, האָט אויסגעבראָכן אַ מדבר־שטורעם — אַ כאַמ־סין, — וואָלקנס זאַמד פֿון אויבן, כוואַליעס זאַמד פֿון אונטן. ס׳מויל און די נאָזלעכער פֿול מיט זאַמד, די אויגן ווערן פֿאַר־שאָטן, און ס׳דוכט זיך, אַז זאַמד־מילן דרייען זיך איבערן דערפֿל און ווילן פֿאַרדרייען און פֿאַרשלעפֿן יעדן איינעם וואָס וואַגט אַרויסצוגיין פֿון הויז... צווײַגעלעך ברעכן זיך ווי שטרוי, גראָזן ווערן אָפּגעווישט,ביימער קרעכצן און בוקן זיך צו דער ערד גלײַך ווי בעטנדיק, די ערד זאָל זיי באַשיצן פֿון דעם מדבר, וואָס האָט זיך פֿאַרמאָסטן אויף אַלץ, וואָס מענטש האָט אויפֿגעשטעלט און אויסגעבויט...

— די סוכה, די סוכה — קרעכצט סעדיה און טוליעט זיך צום בעט...

אַ שרעקלעכע נאַכט, אַ לאַנגע נאַכט, די לענגסטע וואָס סעדיה האָט ווען דורכגעלעבט.

ערשט פֿאַרטאָג, נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעזאָגט נאָכ־אַמאָל און נאָכאַמאָל אַלע קאַפּיטלעך תהילים, וואָס ער האָט געקאָנט פֿון אויסנווייניק, האָט ער אײַנגעדרימלט...

אויפֿגעכאַפּט זיך, — האָט שוין די זון אַרײַנגעקוקט אין זײַן הײַזקעלע.

— די סוכה! — איז געווען זײַן ערשטער געדאַנק.

מיט שרעק אין האַרצן איז ער אַרויסגעלאָפֿן זען דעם חורבן, וואָס דער כאַמסין האָט אָנגעטאָן.

אפשר זײַנען טאַקע די ייִדן געווען גערעכט ווען זיי האָבן אים געוואָרנט, אַז מע דאַרף נישט קיין סוכה? אַז מע דאַרף נישט אויפרײַסן די אויגן בײַ די שכנים?...

קלערנדיק אַזוי, איז סעדיה פּלוצעם געבליבן שטיין. צו זײַן גרויס באַוואונדערונג האָט ער דערזען אַ סך מענטשן, ייִדן און אַראַבער, שטייען אַרום זײַן סוכה און אויך אינעווייניק...

— האָט עפּעס געטראָפן? איז עס אַ חלום? איז דאָס, וואָס ער זעט מיט זײַנע אויגן וואָר? זײַן סוכה שטייט אויסגעפּוצט ווי זי איז געשטאַנען פֿאַרן כאַמסין. אַלע טעפּעכער הענגען אינעווייניק, גלײַך ווי עס איז גאָרנישט געווען קיין כאַמסין, גלײַך ווי דער כאַמסין האָט ניט אויסגעריסן אַלע ביימלעך פֿון דאָרף! גלײַך ווי ער האָט נישט איבערגעבראָכן אַלע צווײַגלעך, וואָס פֿלעגן אַרײַנקוקן אין זײַנע פֿאָדערשטע פֿענצטער!...

סעדיה שטייט אַ פֿאַרגאַפֿטער... ער באַוואונדערט זײַן גאַנץ־געבליבענע סוכה, און צוזאַמען מיט אים באַוואונדערן זי די אַרומיקע — ייִדן און אַראַבער.

„מין אַללאַ!" „מין אַללאַ!" — זאָגן די אַראַבער צו אים און ווײַזן אָן אויף דעם סכך, וואָס ליגט גלײַך און רואיק אויפֿן דאַך פֿון דער סוכה... „מין אַללאַ" (פֿון גאָט) — חזרן אַלע איבער קוקנדיק אויף די זון־שטראַלן, וואָס זיפּן זיך דורך דעם סכך... און זיי הייבן די פֿינגער צו די הימלען.

סעדיה קוקט אויף זײַן סוכה, וואָס האָט איבערגעלעבט דעם שרעקלעכן כאַמסין און זײַן האַרץ ווערט פֿול מיט לויב

צו גאָט. עס ווילט זיך אים זינגען אַ לויב־געזאַנג צום איי־בערשטן...

— וואָס שוויַיגסטו, סעדיה? — טאַרען אים זיַינע שכנים, — גאָט האָט דיך אַזוי ליב און דו שוויַיגסט?!...

אָבער סעדיה קוקט זיך אַרום אין טיפֿער באַוואונדערונג און שוויַיגט אַלץ. ער איז פֿון שטענדיק אָן אַ שוויַיגער. ריידן האָט ער קיינמאָל נישט געקאָנט. וואָס ער קאָן — איז זינ־גען! איז ווען מען לאָזט אים, וואָלט ער זיך איצט צעזונגען אַזוי, אַז דאָס גאַנצע דאָרף וואָלט געהילכט מיט זיַין לויב צו גאָט.

אָבער — איצט, אין מיטן דערינען? ערב יום־טוב?... ווען מע דאַרף זיך צוגרייטן צום טיַיערן יום־טוב סוכות?...

— ייִדן, איך פֿאַרבעט איַיך אַלעמען צו מיר אין סוכה אויף היינט אין אָוונט!... קומט צו מיר אויף קידוש... — האָט סעדיה זיך געווענדט צו אַלעמען און זיַין פּנים האָט געלויכטן פֿון גרויס פֿרייד...



אַ סוכה אין פּאַמפּאַ

מיר זײַנען געזעסן בײַם אַלטן אַרגענטינער קאָלאָניסט אין עסצימער און געשמועסט. מיטאַמאָל האָט דער באַלעבאָס אויסגע־שטרעקט זײַן האַנט, אַ צי געטאָן אַ שטריקל, וואָס מיר האָבן פֿריער גאָרנישט באַמערקט. די דיקע סטעליע האָט זיך פּלוצעם אַן עפּן געטאָן און עס האָט פֿון אויבן אַרײַנגעקוקט אַ העל־בלויער הימל.

— נישטאָ נאָך אַזאַ סוכה! — האָט דער אַלטער גע־שמייכלט זעענדיק מײַן באַוואונדערונג — און נישט נאָר אין גאַנץ אַרגענטינע! איך בין זיכער, אַז אין ערגעץ, קאָן מען אַזאַ וואונדער, ווי מײַן סוכה, נישט געפֿינען! ווילט איר — איז עס אַ גרויס אײַנגעפֿונדעוועט עסצימער! ווילט איר — איז עס אַ סוכה מיט אַן אָפֿענעם דאַך, וואָס איך דעק צו מיט סכך!... ווילט איר אַוודאי וויסן פֿאַרוואָס איך האָב אויס־געבויט אַזאַ שטאַרקע סוכה? אָט וועל איך אײַך דער־ציילן!

— מיר זײַנען געקומען קײַן אַרגענטינע פֿונעם אַמאָליקן רוסלאַנד. איך האָב געוואָלט וואוינען אין אַ פֿרײַ לאַנד. איך האָב געוואָלט ווערן אַ קאָלאָניסט, לעבן פֿון ערד־אַרבעט. האָב איך געקויפֿט ערד אָט דאָ, אין דער פּאַמפּאַ, וואו אַ חוץ אַ פֿעלד, וואָס איז באַוואַקסן מיט דערנער אָדער מיט גראָזן פֿאַר בהמות, זעט מען דאָ גאָרנישט.

ווען מיר זײַנען אָנגעקומען אין דער אַרגענטינער פּאַמ־

פּאַ, איז לויטן רוסישן לוח טאַקע געווען זומער. אָבער דאָ, אין דער פּאַמפּאַ, איז געווען ווינטער. די ווינטן האָבן גע־וואָיעט ווי ווילדע חיות בײַטאָג און בײַנאַכט... מיר זײַנען געווען פּרעמדע דאָ אין לאַנד, גרינע אין דער פּאַמפּאַ. מיר זײַנען געווען רוי אין דער ערד־אַרבעט. די בהמות זײַ־נען געווען ווילד: זיי האָבן זיך נישט געלאָזט מעלקן, מען האָט זיי באַדאַרפֿט צוימען, צוהאַלטן בײַם מעלקן; זיי פֿלעגן זיך בריקען, אָנפֿאַלן אויף אונדז און נישט זעלטן פֿלעגן זיי איבערקערן אי די מענטשן, אי די דויניצעס... (אין וועלכע מען האָט געוואָלט אַרײַנמעלקן אַ ביסל פֿון זייער מילך). מיר האָבן זיך גוט אָנגעליטן פֿון זיי! פֿרעגט שוין נישט!

אָבער ערגער נאָך פֿון די ווילדע בהמות איז געווען דער ווינטער. מיר האָבן קײַן הויז נישט געהאַט, האָבן מיר אויסגעגראָבן אַ גרוב און דאָרט געקאָכט, דאָרט געשלאָפֿן און געבעטן גאָט, אַז דער ווינטער זאָל וואָס שנעלער אַוועק און עס זאָל אָנקומען דער פֿרילינג... אָבער דער ווינטער האָט זיך נישט געאײַלט אַוועקצוגיין.

עס איז שוין געווען ערב סוכות, און עס איז קוים גע־וואָרן אַ ביסל וואַרעמער... זאָג איך צו מײַן ווײַב:

— אַז גאָט האָט אונדז געהאָלפֿן און מיר האָבן דורכ־געלעבט דעם שווערן ווינטער, וויל איך אויפֿשטעלן אַ סוכה און פּראַווען דעם ערשטן סוכות ווי עס שטייט געשריבן אין אונדזער תורה...

האָב איך אַרײַנגעקלאַפּט אין דער ערד פֿיר דרענגלעך. אויפֿגעשטעלט פֿיר ווענטלעך, טאַקע אויך פֿון דרענגלעך, וואָס איך האָב צונויפֿגעקלאַפּט אין דער לענג און אין דער ברייט,

און פֿון אויבן אויך איבערגעלייגט דרענגלעך אין דער לענג און אין דער ברייט... סכך אין דער פּאַמפּאַ פֿעלט אונדז נישט. מײַן ווײַב האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון גרוב די שענסטע טעפּעכער און דעקן, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט... מיר האָבן באַהאַנגען אַלע ווענטלעך פֿון דער סוכה פֿון אינעװייניק אַזוי, אַז זי האָט אויסגעזען ווי אַ היימישע סוכה... יענער ערב סוכות איז געווען אַ וואַרעמער, אַ שטילער און דער סכך איז געלעגן אויפֿן דאַך רואיק...

ווען מיר האָבן זיך געזעצט צום טיש, מיר און אונדזערע צוויי ייִנגלעך, איז נאָך אַפֿילו קיין ווינטעלע נישט געווען אין דער לופֿטן.

איך נעם אין דער האַנט אַרײַן אַ גלאָז ווײַן צו מאַכן קידוש, און איך זאָג צו מײַנע צוויי ייִנגלעך אַזוי:

— אַזוי ווי די ייִדן האָבן געלעבט אין בײַדלעך ווען זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון מצרים, אַזוי זיצן מיר איצט אין אַ סוכה. לאָמיר האָפֿן, אַז איבעראַיאָר אין דער צײַט, ווען עס וועט קומען דער ליבער יום־טוב סוכות, וועלן מיר שוין וואוינען אין אַן אייגן הויז, אָבער דעם יום־טוב סוכות וועלן מיר סײַ־ווי־סײַ פּראַווען אין סוכה.

נאָך איידער איך האָב באַוויזן צו ענדיקן דעם קידוש, הערן מיר ווי עס גיט עפּעס אַ פֿײַף אין סכך פֿון דער סוכה. איין פֿײַף און אַ צווייטער, און פּלוצעם ווערט אַנטרונען דער סכך פֿון דאַך... און אָט הערן מיר אַן אַנדער פֿײַף, אַ פֿיל שטאַרקערן און דער פּאַמפּאַ־ווינט גיט אַ רייס אַרונטער פֿון די ווענט אַלע טעפּעכער און דעקן... און עס דוכט זיך, אַז באַלד, באַלד וועט ער אויפֿהייבן דעם צוגעדעקטן טיש און

אים פֿאַרטראָגן ערגעץ ווײַט, ווײַט, וואו מע זעט נישט קיין סוף צו דעם דאָרנדיקן פּעלד...

מיר זײַנען קוים מיט צרות אַרונטערגעלאָפֿן אין גרוב האַלטנדיק בײדע ייִנגלעך בײַ די הענט, דער פּאַמפּאַ־ווינט זאָל זײ נישט אַרויסרײַסן פֿון אונדז און זײ פֿאַרטראָגן ערגעץ וואו. אונדזער שרעק איז געווען אַזוי גרויס, אַז מיר האָבן דעם אָטעם נישט געקאָנט כאַפּן אַפֿילו ווען מיר זײַנען שוין געווען העט אונטן, אין גרוב. פֿון שרעק זײַנען מיר אַלע קראַנק געוואָרן.

פֿון יענעם אָונט אָן האָט מײַן ווײַב געוואָרפֿן אַזאַ אומחן אויף אַרגענטינע, אַז זי האָט געוואָלט מיר זאָלן זיך באַלד אומקערן קײַן רוסלאַנד... אָבער איך בין אַ ייִד אַן עקשן, האָבן איך געזאָגט:

— איך פֿאָר נישט צוריק. מיר זײַנען אַוועק פֿון יענעם לאַנד אויף שטענדיק.

מיר האָבן זיך גענוג אָנגעליטן אין פּאַמפּאַ! אָבער גאָט האָט מיר געהאָלפֿן און איך האָב, ענדלעך, אויפֿגעשטעלט אַ נײַ, גרויס הויז פֿאַר דער גאַנצער משפּחה. דעמאָלט האָב איך צו זיך געזאָגט:

— איצט איז די צײַט זיך אָפּצורעכענען מיט דער פּאַמפּאַ, וואָס האָט מיר פֿאַרשטערט מײַן ערשטן סוכות דאָ, אין דעם לאַנד...

איך האָב אויפֿגעשטעלט אַ סוכה, וואָס קײַן ווינט, קײַן שטורעם, קאָן נישט אַ ריר טאָן פֿון אָרט... און יעדן סוכות, ווען עס קומען זיך צונויף אַלע מײַנע קינדער און קינדס־קינדער, פּראַווען מיר דאָ יום־טוב מיט די שענסטע עסנס

און געטראַנקען, מיר בענטשן דאָ אתרוג יעדן טאָג, און יע־דער מאָל בײַ קידוש מאַכן, דערצייל איך זיי וועגן יענעם ערשטן קידוש אין סוכה, וואָס דער פּאַמפּאַ־ווינט האָט אי־בערגעריסן...

און נאָך איידער איך ענדיק דערציילן די מעשה וועגן יענער סוכות־נאַכט, ווען מיר האָבן זיך קוים געראַטעוועט אין גרוב פֿון דעם פּאַמפּאַ־שטורעם, רופֿן זיי אַלע אויס:

— זיידע, דו ביסט אַ העלד! אַן אמתער העלד! דו האָסט באַזיגט די פּאַמפּאַ!

גדעונס פֿאָטער איז אַהיימגעקומען אויף סוכות

א

קיינעם איז אַפֿילו נישט געקומען אויפֿן געדאַנק אַ פֿרעג צו טאָן וואוהין איז פֿאַרשוואונדן גדעונס פֿאָטער, ווײַל גרויס איז געווען די סומאַטאָכע אין קיבוץ מסדה (מאַסאַדאַ). פֿאַרוואָס, מיינט איר, איז די איבערראַשונג געווען אַזוי גרויס אין מסדה? נישט, חלילה, ווײַל די חברים פֿון קיבוץ האָבן זיך דערשראָקן פֿאַר דער באָמבע, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן חורבן, נאָר ווײַל די באָמבע איז געקומען אומגעריכט.

דאָס איז געשען נאָך איידער עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די ייִדישע מדינה.

די חברים פֿון קיבוץ האָבן געוואוסט, אַז די אַראַבער פֿון יענער זײַט ירדן וועלן נישט שווײַגן, ווען זיי וועלן דערהערן, אַז ישראל ווערט אַ לאַנד פֿאַר ייִדן. אָבער קיינער האָט זיך נישט געריכט, אַז נאָך איידער וואָס־ווען וועלן זיי שוין אַרײַנוואַרפֿן אַ באָמבע אין דעם גרויסן וואַסער־טורעם, וואָס איז געשטאַנען בײַם סאַמע ברעג טײַך!

די חברים פֿון מסדה האָבן טאַקע באַלד אָפּגעענטפֿערט אויף דעם גרויסן רעגן פֿון קוילן, וואָס איז געפֿאַלן פֿון יע־

נער זײַט ירדן, אָבער די סומאַטאָכע איז דערפֿון נישט קלע־נער געוואָרן. מע האָט באַדאַרפֿט אין אײַלעניש אויסגראָבן בונקערס, אַרונטערטראָגן אַהין די קינדער און אַרונטערפֿירן די, וועלכע האָבן געקאָנט גיין אַליין.

גדעון און זײַנע חברים האָבן קיין פּיפּס נישט געטאָן, ווען מע האָט זיי אין דער פֿינצטער אַרונטערגעפֿירט אין די אונטערערדישע שוץ־פּלעצער. אמת, זיי זײַנען אַלע געווען זייער פֿאַרזאָרגט, אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט צו פֿרעגן אַוואו עס געפֿינט זיך זײַן פֿאָטער אָדער זײַן מוטער. יעדער איינער האָט עס געטראַכט — אָבער נישט געפֿרעגט.

מער פֿון אַלע קינדער איז געווען פֿאַרזאָרגט גדעון, ווײַל ער האָט געוואוסט, אַז זײַן פֿאָטער קריכט שטענדיק אין די געפֿערלעכסטע ערטער. אויב אַלע חברים פֿון מסדה שטייען איצט אויפֿן פֿראָנט פֿון קיבוץ, שטייט זײַן טאַטע זיכער אין סאַמע פֿראָנט.

גדעון האָט געבעטן גאָט פֿאַר אַלע טאַטעס פֿון מסדה — זיי זײַנען דאָך די טאַטעס פֿון זײַנע חברים! אָבער דעם אמת קאָן מען נישט פֿאַרלייקענען — ער האָט זײַן טאַטן דאָך מער ליב פֿון אַלעמען...

גדעונס טאַטע קאָן מאַכן מיט די הענט יעדער זאַך, וואָס די קינדער בעטן בײַ אים: אַ וועגעלע, אַ פֿויגל־כאַפּער, אַ הוידלקע און וואָס נישט! קלעפּן זיך צו אים טאַקע אַלע קינדער. אָבער גדעונס טאַטע קאָן אויך דערציילן אַ מעשה אַזוי, אַז גרויס און קליין מוזן זיך צוהערן.

אָבער מער פֿון אַלץ האָט גדעון ליב צו הערן זיין טאַטן זינגען.

ווען זײַן טאַטע ווײַקלט זיך אײַן אין אַן אַראַבישער אַבאַיע און לייגט אַרויף די צוויי שוואַרצע אַראַבישע בייגל אויף דעם ווײַסן קאָפּ־טיכל, זעט ער אויס ווי אַ געבוירענער אַראַבער, און ווען ער פֿלעגט זיך אַזוי באַווײַזן אויף דער „בינע“ און פֿאַרציען אַן אַראַביש לידעלע, האָט מען געמעגט שווערן, אַז דאָס זינגט אַן אמתער אַראַבער.

אָבער פּלוצעם איז געוואָרן שטיל אין מסדה, — אויס געזאַנג, אויס וויצן, אויס מעשׂות! די קינדער זײַנען געלעגן אין די בונקערס, זיך צוגעהערט ווי עס קנאַלט איבער זייערע קעפּ.

פּלוצעם האָט מען זיי אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף, זיי אַרומ־געוויקלט מיט סוועטערס און קאָלדרעס און זיי אַרויסגעפֿירט פֿון די בונקערס, זיי אַרײַנגעזעצט אין אַ גרויסן וואָגן און אין דער פֿינצטער זיי אָפּגעפֿירט אין שטאָט אַרײַן, וואו עס האָט נישט געלויערט אויף זיי די געפֿאַר.

פֿאַסט עס פֿאַר אַ צען־יאָריקן בחור צו פֿרעגן אַוואו זײַ־נען זײַנע טאַטע־מאַמע?

האָט זיך גדעון געשטאַרקט אַ לאַנגע צײַט, און געשוויגן. די קינדער פֿון מסדה האָט מען אײַנגעאָרדנט אין איינער פֿון די שטאָטישע שולן און מען האָט באַלד אָנגעהויבן מיט זיי צו לערנען, כּדי זיי זאָלן נישט בענקען נאָך זייערע עלטערן.

אָבער גדעונען איז דאָס לערנען גאָרנישט געקראָכן אין קאָפּ אַרײַן. אמת, אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט זיך באַ־וויזן זײַן מאַמע, ער האָט זיך זייער דערפֿרייט מיט איר... אָבער — אַוואו איז דער טאַטע?

גדעון האָט מורא געהאַט צו פֿרעגן...

ווען זײַן טאַטע וואָלט געקאָנט, וואָלט ער דאָך זיכער אויך געקומען אים זען! עס האָבן טאַקע אָנגעהויבן קומען טאַטעס זען זייערע קינדער. ווענן צוויי טאַטעס, וואָס זײַנען נישט געקומען זען זייערע קינדער, האָט מען זיך טאַקע געשושקעט, אַז זיי וועלן שוין מער קיינמאָל נישט קומען! גדעון האָט אָנגעשפּיצט די אויערן, זיך געמאַכט, כלומרשט, גלײַך ווי ער שפּילט זיך, און זיך צוגעהערט — זײַן טאַטנס נאָמען האָט ער נישט געהערט!

דאָס איז אַ גוטער סימן!

און אפֿשר איז זײַן טאַטע געווען פֿון די וועמען די ערשטע באָמבע האָט אומגעבראַכט בײַם וואַסער־טורעם און מע האָט שוין לאַנג פֿאַרגעסן וועגן אים?...

פֿון אָט די געדאַנקען פֿלעגט גדעון ווערן אַזוי אויפֿגערעגט, אַז עס פלעגט זיך אים וועלן אַ שמיץ טאָן די ביכער און די העפֿטן אויפֿן דיל און אַרויסלויפֿן פֿון קלאַסצימער... און כאָטש ער האָט דאָס נישט געטאָן, האָט זײַן לערערין גוט באַמערקט, אַז עפּעס קומט פֿאָר מיט גדעונען. זי פֿלעגט אים ראָטן צו גיין זיך שפּילן מיט זײַנע חברים, כאָטש זי האָט געוואוסט, אַז ער וועט נישט גיין.

איינמאָל איז זי צוגעקומען צו אים ווען ער איז געזעסן אַליין אַן אומעטיקער און האָט אים געזאָגט: „אין אַ פּאָר טעג אַרום, גדעון, קערן מיר זיך אום אין אונדזער קיבוץ, קײַן מסדה, און אַלץ וועט צוריק ווערן ווי געווען".

— אַלץ? — האָט זיך אָנגעכאַפּט גדעון און האָט אַרײַנ־געקוקט דער לערערין אין פּנים אַרײַן...

ב

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט גדעון געוואַרט אויף דער מינוט, ווען דער גרויסער וואָגן מיט די קינדער וועט אַרײַנפֿאָרן אין הויף פֿון קיבוץ.

אָט האָט זיך דער וואָגן אָפּגעשטעלט לעבן האַלב־אויס־געבויגענעם עסצימער פֿון מסדה. עס זײַנען אַרויסגעלאָפֿן מאַמעס און טאַטעס באַגעגענען זייערע קינדער. עס איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער קיך אויך גדעונס מאַמע. זי האָט אים געקושט און געהאַלדזט, און כדי זײַן מאַמע זאָל נישט באַ־מערקן זײַנע טרערן, איז ער אַוועקגעלאָפֿן מיט זײַנע חברים זען די אויסגעברענטע הײַזער, דעם צעשטערטן וואַסער־טורעם און די אויפֿגעריסענע טראָטוואַרן פֿון מסדה.

אָבער גדעון האָט גאָרנישט נישט געזען. זײַנע אויגן זײַנען געווען פֿול מיט טרערן, אין זײַנע אויערן האָט גע־זשומעט: „וואו איז דײַן טאַטע, גדעון? פֿאַרוואָס זשע האָט די לערערין געזאָגט, אַז ווען מיר וועלן זיך אומקערן אַהיים, וועט אַלץ זײַן ווי פֿריער?״

פֿון יענעם טאָג אָן פֿלעגט גדעון בײַם לערנען אַפֿילו נישט וועלן עפֿענען קיין בוך. עס האָט אים נישט געאַרט וואָס מע רעדט וועגן אים! זאָל מען אים אָנרופֿן גולם און

נאַר! ביז ער וועט נישט וויסן וואו זײַן טאַטע איז, וועט ער זיך צו גאָרנישט נישט נעמען!

— וואָס זשע פֿרעגסטו נישט, גדעון? פֿרעג, וועט מען דיר זאָגן! — האָט גדעון גערעדט צו זיך, אָבער פֿרעגן האָט גדעון מורא געהאַט.

אָפּטמאָל פֿלעגט ער שוין באַשליסן, אַז הײַנט, נאָך וועטשערע, ווען זײַן מאַמע וועט קומען מיט אים פֿאַרברענגען אַ ביסל, ווי עס פֿירט זיך אין קיבוץ, וועט ער צו איר אויס־שרײַען: „וואו איז דער טאַטע? איך קאָן שוין מער נישט אויסהאַלטן!"

אָבער ווען זײַן מאַמע פֿלעגט אָננעמען זײַן האַנט און מיט אים גיין שפּאַצירן איבערן הויף פֿון קיבוץ, פֿלעגט ער בלײַבן אָן לשון, אַרונטערלאָזן די אויגן צו דער ערד און אַזוי טראַכטן:

— אויב זי שווײַגט, איז דאָך אַ סימן אַז זי קאָן וועגן דעם נישט רעדן, אַז עס טוט איר ווײ! טאָ צו־וואָס איר אָנ־טאָן נאָך גרעסערן ווייטיק?

ג

איינמאָל האָט גדעון געזען ווי זײַן מאַמע האָט זיך אויסגעפּוצט אין איר שענסטן קלייד, זי האָט אים אַ קוש געטאָן און איז, אַ פֿריילעכע, אַוועקגעפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן.

גדעון איז געוואָרן אַ ביסל פֿריילעכער, — זי איז אַוודאי געפֿאָרן זען דעם טאַטן. אָבער וואוהין איז זי אים געפֿאָרן

זען? אויב ער איז געזונט, דאַרף ער דאָך קומען אין קיבוץ! וויל ער דען נישט זען זײַן גדעונען? נאָר אויב ער איז נישט געקומען אין קיבוץ, איז נישט אַנדערש, אַז ער קאָן נישט קומען... פאַרוואָס קאָן ער נישט? ווײַל ער איז פאַרוואונדעט! יאָ! יאָ! נישט אַנדערש! מײַן טאַטע איז שווער פאַרוואונדעט! — האָט גדעון שיר נישט אויסגעשריען, און כדי קיינער זאָל נישט זען זײַנע טרערן, איז ער פאַרגאַנגען ווײַט ווײַט און זיך באַהאַלטן אונטער אַ בוים.

יאָ! איצט איז אַלץ קלאָר פאַר אים! זײַן טאַטע איז געווען אויף די פראָנטן, ער איז פאַרוואונדעט געוואָרן און מען האָט אים געבראַכט אין שפּיטאָל אַרײַן און דערפאַר איז די מאַמע געפאָרן אין שטאָט אַרײַן...

אָבער פאַרוואָס האָט די מאַמע אים, גדעונען, נישט מיטגענומען?

— נישט אַנדערש, אַז דער טאַטע איז אַזוי פאַרוואונדעט געוואָרן, אַז עס איז אַ שרעק אויף אים אַ קוק צו טאָן! דערפאַר האָט די מאַמע אים נישט מיטגענומען!

גדעון דעקט צו מיט די הענט זײַן פּנים! גרויס איז זײַן ווייטיק! אָט זעט ער זײַן טאַטן ליגן אין שפּיטאָל... ער איז אינגאַנצן אײַנגעוויקלט אין באַנדאַזשן... קוים, קוים וואָס מען זעט אָן זײַנע אויגן! קוים, קוים וואָס ער רעדט — „וואָס מאַכט אונדזער גדעון”? רעדט ער שטיל...

פּלוצעם דערזעט גדעון, אַז אין זײַן טאַטנס אויגנלעכער פעלן די אויגן... גדעון הייבט אַזש אָן צו טופּען מיט זײַנע פיס. הייסט עס, פון איצט אָן וועט זײַן טאַטע זײַן ווי

דער בלינדער אַכמעד, וועלכער פֿלעגט פֿאַר דער מלחמה בעטן נדבות שטייענדיק בײַם טויער פֿון קיבוץ? מײַן טאַטע? „אַבאַ! אַבאַ״! וויינט גדעון...

פלוצעם דערהערט גדעון ווי דער „באָס״ איז אַרײַנ־געפֿאָרן אין הויף פֿון קיבוץ. גדעון באַשליסט בײַ זיך, אַז דאָס מאָל וועט ער שוין פֿרעגן:

— איז דער טאַטע בלינד ווי אַכמעד? צי איז ער... אָבער אַז ער דערזעט זײַן מוטער, קאָן ער נישט רעדן. אין האַלדז איז אים אַזוי טרוקן, אַז ער קאָן נישט אַ ריר טאָן מיט דער צונג... ענדלעך שרײַט ער אויס:

— מאַמע, איך וויים! איך וויים! ביסט געפֿאָרן זען דעם טאַטן! פֿאַרוואָס האָסטו מיך נישט מיטגענומען?

— מיר וועלן מוזן וואַרטן ביז וואַנען דער טאַטע וועט אַהיימקומען, גדעון! — זאָגט זײַן מוטער מיט אַ ווייכער שטים.

— פֿאַרוואָס? — בעט זיך גדעון, און זײַן האַרץ קלאַפּט זייער שטאַרק. — איך מוז וויסן! איך מוז! פֿאַרוואָס קאָן איך אים נישט זען?

— דער טאַטע איז אין געפֿענקעניש, בײַם פֿײַנד, גדעון, — זאָגט די מאַמע.

גדעון האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט. ניין! ער וועט קיי־נעם פֿון זײַנע חברים נישט דערציילן, אַז זײַן טאַטע איז אין געפֿענקעניש... בעסער וואָס ער איז געפֿאַנגען און נישט בלינד ווי אַחמעד! אָבער דערציילן וועגן דעם וועט ער קיי־נעם נישט!

גדעון איז אַרײַן צו זײַן מאַמען אין צימער, געשוויגן דאָרט אַ שטיקל צײַט און דערנאָך שטיל געזאָגט:

— אַבי ער לעבט! אַבי ער איז נישט פֿאַרוואונדעט! ווען, מײַנסטו, וועט ער זיך אומקערן צו אונדז?

— קאָן זײַן אויף די יום־טובים.

ד

גדעון האָט געציילט די טעג. אָט איז שוין ראש־השנה. ווי אַלע קינדער אין קיבוץ האָט גדעון זיך אויסגעפּוצט אויף יום־טוב. אָבער זײַן טאַטע איז נישט געקומען.

אָט איז שוין יום־כּיפּור: אַלע זײַנען אָנגעטאָן אין ווײַסן, אַלע אויסגעפּוצטע, אָבער זײַן טאַטן דערמאָנט קיינער נישט!

אַפֿילו זײַן מאַמע האָט אויפֿגעהערט אים צו דערמאָנען, גלײַך ווי זי האָט נישט געזאָגט אַז זײַן טאַטע וועט אַהיימקומען אויף די יום־טובים!

נישט אַנדערש, די מאַמע דערציילט אים נישט דעם אמת.

גדעון איז געווען פֿאַרביטערט אויף זײַן מוטער. ער האָט איר נישט געוואָלט אַפֿילו צוליב טאָן און זיך אויספּוצן ווען עס איז געקומען ערב סוכות.

אַפֿילו די לערערין האָט אים נישט געקאָנט צורעדן ער זאָל זיך אויספּוצן, ווען אַלע קינדער פֿון זײַן קלאַס זײַנען געגאַנגען זען אַ יום־טובדיקע פֿאָרשטעלונג.

אַליין איז ער געזעסן אויפֿן גראָז, אָפּגעזונדערט פֿון

אַלעמען, און בלויז מיט איין אויג האָט ער געקוקט צו דער „בינע" אויף דער סוכותדיקער פֿאָרשטעלונג.

גדעון וויל נישט אָנקוועלן פֿון דעם לאַנגן לולב, וואָס דרייט זיך אין מיטן פֿון דער בינע און בוקט זיך אין אַלע פֿיר זײַטן... ער וויל נישט לאַכן מיט אַלע קינדער ווען פֿון אַ גרויסן קאַסטן, וואָס איז אויסגעשפּרייט מיט וואַטע, שפּרינגט אַרויס אַן אתרוג און הייבט אָן זיך דרייען אַרום לאַנגן לולב... עס גייט גדעונען קיין זאַך נישט אָן, אויב זײַן פֿאָטער קומט נישט אַהיים אויף די יום־טובים, ווי זײַן מוטער האָט אים צוגעזאָגט.

— האָט זי דען נישט געזאָגט „אויף די יום־טובים? איז דען סוכות נישט דער לעצטער פֿון די האַרבסט־יום־טובים? און זײַן פֿאָטער איז נאָך אַלץ נישטאָ!

הײַנטיקער סוכות איז נישט זײַן יום־טוב! דאָס איז דער אומעטיקסטער יום־טוב בײַ אים! בײַ אַלע ייִדן! ער וועט זיך נישט אויספּוצן לכבוד סוכות, נישט מאָרגן, נישט איבערמאָרגן! ער וועט אַרומגיין אין אַלטן אָנצוג אַלע טעג סוכות פּונקט ווי ער גייט אַרום הײַנט... ער וועט אַפֿילו נישט אַרײַנגיין אין סוכה מיט אַלע קינדער עסן די סוכות־דיקע וועטשערע נאָך דער דאָזיקער פֿאָרשטעלונג!

פּלוצעם האָט אַ קול, וואָס איז געקומען פֿון דער ווײַטנס, איבערגעריסן גדעונס געדאַנקען. דאָס קול איז געווען אַזוי באַקאַנט, אַז ער האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון גראָז, וואו ער איז געזעסן. די שטים האָט זיך געקרײַזלט זינגענדיק אין דער לופֿטן... זיך געהערט העכער און העכער, געקומען נע־ענטער און נעענטער...

פלוצעם האָט זיך באַוויזן אויף דער בינע פון קיבוץ, וואו עס איז איצט פאָרגעקומען די סוכות־פאָרשטעלונג, אַן אַראַבער איינגעוויקלט אין אַן אַבאַיע און אויפן קאָפּ אַ ווייסע קעפּיע מיט צוויי אויסגעפלאָכטענע בייגל אויף איר.

גדעון האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט, ער האָט דער־קאָנט זיין פאָטער.

„אַבאַ!" — האָט ער אויסגעשריען און זיך געלאָזט לויפן צו דער בינע וואו דער אַראַבער, זיין פאָטער, האָט געזונגען אַ ליד...

ה

וועו גדעון איז שוין געזעסן מיט זיינע עלטערן ביי זיי אין צימער, האָט ער זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט גלייבן, אַז ער זיצט לעבן זיין פאָטער. ער האָט אים אַלע ווײַלע גע־טאַפּט די הענט, דאָס פּנים, די אויגן...

— פאַרוואָס טוסטו דאָס? — האָבן געלאַכט זיינע טאַטע־מאַמע.

— פאַרוואָס? — האָט איבערגעפרעגט גדעון און נאָכ־אַמאָל געטאַפּט זיין טאַטנס געזיכט — צוערשט האָב איך געמיינט אַז דו ביסט בלינד... ווי אַכמעד... דערנאָך האָב איך געטראַכט אַז דו ביסט פאַרוואונדעט, אַז דו ליגסט איינ־געוויקלט אין באַנדאַזשן און מען זעט קוים אַרויס דיינע אויגן... ביז וואַנען איך האָב זיך דערוואוסט אַז דו ביסט אַריינגעפאַלן צו זיי אין געפאַנגענשאַפט... איך וואָלט נאָר

גערוואַלט וויסן וואָס האָסטו געטאָן דאָרט, אין געפּענקעניש, מיין איך?...

טאַטע מאַמע האָבן זיך איבערגעקוקט, זיך צעשמייכלט און גדעונס פֿאָטער האָט געזאָגט:

— איך האָב דאָרט געזונגען.... דו ווייסט דאָך אַז איך זינג...

— ווי אַן אַראַבער? — האָט גדעון אויפֿגעשטעלט מויל און אויערן — ביי זיי? אין זייער לאַנד?

— פֿאַראַן צייטן, גדעון, ווען מע דאַרף דאָס אויך טאָן...

— צו פֿאַרטיידיקן אונדזער לאַנד, האָב איך זיך געמוזט פֿאַרשטעלן פֿאַר אַן אַראַבער. איך האָב פֿאַר זיי געזונגען זייערע לידער, דערמיט האָב איך געהאָלפֿן אונדזער לאַנד...

גדעון האָט אָנגעכאַפּט זיין פֿאָטער בייביידע הענט, אים טיף אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן, און שטיל געזאָגט צו זיין מאַמען וואָס האָט אָנגעקוקט איר זון מיט ליבשאַפֿט:

— איך האָב געוואוסט, אַז מיין טאַטע איז אַ העלד! אַ גרויסער העלד!...

ביז שפּעט ביינאַכט האָט גדעון פֿאַרבראַכט מיט זיינע עלטערן אין זייער צימער. ער האָט זיך נישט געקאָנט אָנזעטיקן מיט זיין פֿאָטער...

יעדער מאָל, וואָס ער האָט שוין געהאַלטן ביים זאָגן אים „לילה טוב״, „אַ גוטע נאַכט״, האָט ער זיך אומגעקערט צו אים און נאָכאַמאָל אים געקושט און געהאַלדזט...

און ווען גדעון איז ענדלעך שוין געשטאַנען ביי דער טיר, האָט ער פֿון דאָרט אויסגערופֿן:

— דו ווייסט, טאַטע, אַז סוכות איז דער שענסטער יום־טוב ביַי ייִדן? ווייסט פֿאַרוואָס? וויַיל ער איז דער לעצטער פֿון די האַרבסט יום־טובים! אויך ביַי מיר איז סוכות פֿון שטענדיק אָן דער בעסטער און פֿריילעכסטער יום־טוב!

דער שמחת־תורה ניגון

(דערציילט פֿון אַן אַמעריקאַנער פֿליער)

איז דען פֿאַראַן אַ ייִד וואָס האָט קיינמאָל נישט געהערט דעם שמחת תורה ניגון — שישו ושמחו בשמחת תורה?

איז דען פֿאַראַן אַ ייִד וואָס וועט נישט דערקענען דעם ניגון פֿון זײַן ערשטן קלאַנג?

דעם ניגון דערקענט יעדער ייִד נישט דערפֿאַר וואָס ער איז אַזוי שיין, נאָר, גיכער, דערפֿאַר וואָס ער איז אַזוי איינפֿאַך, אַז מען מוז אים געדענקען, דערפֿאַר וואָס ער כאַפּט זיך לײַכט אַרײַן אין אויער און בלײַבט דאָרט שטעקן.

פֿאַר מיר האָט דער שמחת־תורה ניגון נישט נאָר אַ מוזיקאַלישע באַדײַטונג, און אויב איר ווילט וויסן פֿאַרוואָס — לאָמיך אײַך דערציילן וואָס עס בינדט מיך צו צו דעם דאָזיקן ניגון.

אין יענער צײַט בין איך געווען אַ פֿליער אין דער אַמע־ריקאַנער אַרמיי. עס איז געווען אין סאַמע ברען פֿון דעם צווייטן וועלט־קריג און איך האָב געדינט פֿון יענער זײַט ים „ערגעץ אין צפֿון־אַפֿריקע".

איינמאָל אין אַן אָוונט, איך האָב נאָך נישט באַוויזן זיך אָפּצורוען נאָך דער שווערער אַמעריקאַנער וועטשערע, רופֿט מען מיך צום הויפּט פֿון דער לופֿט־אָפּטיילונג. נאָך אַ קורצן

שמועס דערקלערט ער מיר אַז ער זוכט אַ וואָלונטיר, וואָס זאָל אַרויספּליען אויף אַ וויכטיקער מיסיע איינער אַליין אָן אַ באַגלייטער ווי עס פּלעגט געטאָן ווערן ביז דאַן.

איך האָב נישט געפּרעגט פּאַרוואָס דער וואָלונטיר דאַרף פּליען אַליין. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און איך האָב זיך דערוואוסט פּאַרוואָס: ער האָט באַדאַרפּט פּליען אין אַ קליין עראָפּלאַנדעלע, וואָס האָט געהאַט בלויז איין מאָטאָר, וואָס מאַכט נישט קיין גרויסן גערויש.

איך האָב באַלד וואָלונטירט.

מײַן פּריװוּיליקער אָננעמען די מיסיע איז באַלד באַדאַנקט געוואָרן. דער „הויפּט" האָט מיר איבערגעגעבן די וויכטיקע פּאַפּירן, וואָס איך האָב געזאָלט אַריבערפּירן אין אַ פּלאַץ אויף ערגעץ אין צפון־אַפּריקע, וואו מען האָט אַרויסגעקוקט אויף זיי מיט גרויס אומגעדולד. איך האָב זיך אָפּגעזעגנט מיטן „הויפּט" און בין גלײַך אַוועק צום „פּאַרשטעלטן" אַעראָדראָם, וואו עס האָבן שוין געוואַרט אויף מיר די „מאָניטאָרס". נישט אַרויסריידנדיק קײַן וואָרט, האָבן די אויפּזועער מיר אַ וואונק געגעבן און מיך צוגעפּירט צו דער „בייבי". דאָס עראָפּלאַנדל האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ „בייבי", אַזוי קליין האָט עס אויסגעקוקט אין מײַנע אויגן.

און אָט זיץ איך שוין אין אַוויאַטאָרס „גריבעלע". איך זעץ אַרויף מײַן הוט אויפן קאָפּ, איך צי אַרונטער די ברילן פונעם דאַשיק. מיינע צוויי באַגלייטער פּאַכען שוין מיט זייערע לאַמטערנעס מיט אַ פּיל באַדײַטנדיקן פּאָכען, וואָס איז אַ ביסל פּאַרזאָרגט און וואָס געזעגנט זיך מיט מיר שטומערהייט אַזוי:

„גיי בשלום און קער זיך טאַקע אום צו אונדז בשלום!"

דער פּאַדערשטער פּליגל דרייט זיך שוין גאַנץ שנעל, און אַט דערוויַיטער איך זיך פון מיַינע צוויי באַגלייטער. דאַכט זיך נאָר איין אויגנבליק אָבער זיי בליַיבן שוין וויַיט הינטער מיר, און איך הייב זיך אויף אַלץ העכער און העכער, צו די וואָלקנס איבער די הימלען, וואו די דיקע פעטע שטערן באַלויכטן דעם פעך־שוואַרצן אַפריקאַנער אָוונט.

איך גיב אַ דריי דעם קאָפּ אויף צוריק — נישטאָ מער דער באַדן, אויף וועלכן איך בין ערשט מיט אַ פּאָר מינוט צוריק געשטאַנען מיט מיַינע ביידע פּיס. מען זעט מער נישט דעם אויסגעפּינצטערטן לופטפּלי־לאַגער! נישטאָ קיַין סימן צו זיַינע עראָפּלאַן־גאַראַזשן, קיַין זכר פון די באַראַקן, אין וועלכע עס וואוינט דער פּערסאָנאַל פון דער לופט־אָפּטיי־לונג, און איך פיל זיך גליַיך ווי איך בין איינער אַליין אין דער וועלט. שטענדיק פיל איך אַזוי ווען איך הייב זיך אויף וויַיט פון דער ערד, און יעדער מאָל ווען איך פיל זיך אַזוי אַליין, אַזוי עלנט, הייב איך אָן צו טראַכטן וועגן דער מאַמען...

זאָגט וואָס איר ווילט! עס אַרט מיר נישט אויב איר וועט מיך אָנרופן „בייבי", אַזוי פיר איך זיך! איך שעם זיך גאָרנישט נישט איַיך צו דערציילן וועגן דעם... אין דער ציַיט, ווען איך פיל זיך אַזוי עלנט, אַזוי אַליין, ערגעץ אין די הויכע הימלען, קלער איך אַז עס איז נישטאָ אין דער גאַנ־צער וועלט קיינער, וואָס האָט מיך אַזוי ליב ווי די מאַמע! קיינער וואָס זאָרגט אַזוי און טראַכט אַזוי איבער וועגן מיר ווי די מאַמע... איך קלער דאַן אַז צוליב איר מוז איך זיך

אומקערן בשלום פֿון דער מיסיע, ווײַל אויב נישט... איז דאָך אַ שרעקלעכער רחמנות אויף דער מאַמען... ווײַל וואָס נאָך האָט זי אין איר לעבן אַ חוץ מיך...

אַזוי קלערנדיק דערמאָן איך זיך אין דער לעצטער באַגעגעניש מיט דער מאַמען אין די טעג פֿון מײַן לעצטער „פֿאַרלאָר" (וואַקאַציע) און וויסן זאָלט איר, אַז די מאַמע האָט אַ טבע צו פֿאַרוואַנדלען מײַן מיליטערישע וואַקאַציע אין אַ גרויסן יום־טוב. זי טעלעפֿאָנירט באַצײַטנס צו אַלע מײַנע חברים און חברטעס, זי גרייט אָן פֿון בעסטן און שענסטן צום עסן און צום טרינקען, זי פֿילט אָן דאָס הויז מיט געסט, דער קומט און דער גייט. אַלט, יונג און מיטליאָריקע, אַלע באַגריסן מיך מיט פֿרייד. יעדער איינער נעמט עפּעס, וואָס די מאַמע האָט אָנגעגרייט און די יונגע הייבן אָן צו טאַנצן ווען די מאַמע דרייט אָן אַ גוטן רעקאָרד, וואָס איז גאָר נאָענט צו מײַן גוסט.

אין הויז פֿילט זיך, ווי עס וואָלט געווען דאָרט אַ חתונה, גלײַך ווי עס גייט נישט אָן אַ גרויסע בלוטיקע מלחמה, גלײַך ווי עס וועט נישט קומען דער טונקעלער באַגינען, וואָס וואַרט אויף מיר פֿון יענער זײַט מאָרגן... אַזוי פֿירט זיך די מאַמע. און אַפֿילו אין דעם פֿריען באַגינען, ווען איך דאַרף זיך געזעגענען מיט איר און זיך לאָזן אין ווײַטן וועג, וואו עס קאָן זיך מיט מיר טרעפֿן, גאָט ווייסט וואָס, שמייכלט זי צו מיר! זי קושט מיך נישט ווי עס קושן אַנדערע מאַמעס זייערע זין, זי ציטערט נישט, זי קלאַפּט מיר נאָר אין מײַן אַקסל, נעמט אַרויס פֿון איר קעשענע אַ קליין לוח'ל (קאַלענדאַר) און זאָגט צו מיר שטיל און רואיק: „דעם עיקר האָב איך פֿאַרגעסן!

איך האָב געקראָגן פֿון דײַנעטוועגן אַ נײַ לוח׳ל, אפֿשר האָסטו פֿאַרלוירן דאָס אַלטע, וואָס איך האָב דיר מיטגעגעבן ווען דו ביסט געווען אין דערהײַם דאָס לעצטע מאָל״... און זי שטופּט מיר אַרײַן דאָס קליינע לוח׳ל אין דער האַנט, און איך שטופּ עס אַרײַן אין מײַן קעשענע.

איך דאַרף דער מאַמען נישט צוזאָגן. זי ווייס אַליין, אַז יעדער מאָל ווען איך פֿלי אַרויס אויף אַ מיסיע, האַלט איך דאָס לוח׳ל בײַ זיך, און ווען איך וועל זיך אומקערן פֿון אַ פֿלי־מיסיע בשלום וועל איך פֿאַרצייכענען אין דעם לוח׳ל דעם יידישן דאַטום פֿון יענעם „גוטן טאָג״ מיט אַ „שין״ — שלום. איך האָב זיך אומגעקערט בשלום...

אַזוי טראַכט איך וועגן דער מאַמען, און עס דוכט מיר, אַז איר פּנים איז ווי אַ גרויסע לאַמטערנע, וואָס באַלייכט מיר דעם וועג אין די טונקעלע הימלען... און פּלוצעם — „וואו איז טאַקע דער מאַמעס לוח׳ל?״...

איך טאַפּ אָן די פּאַפּירן אונטער מײַן העמד, וואָס איך דאַרף איבערגעבן, נישטאָ דאָרט דאָס לוח׳ל! איך טאַפּ אין מײַן רעכטער קעשענע, אין דער לינקער קעשענע, נישטאָ דאָרט דאָס לוח׳ל!

זאָל עס זײַן אַז איך האָב עס פֿאַרגעסן מיטצונעמען? צי אין גרויס אײַלעניש עס איבערגעלאָזט דאָרט, וואו איך האָב עס אַנידערגעלייגט ווען איך האָב זיך געגרייט צום אָפּ־פֿלי?

עס איז מיר מיטאַמאָל זייער טרויעריק געוואָרן אויפֿן האַרצן.

ווי אַ שוועבעלע האָט זיך בײַ מיר אָנגעצונדן אַ גע־

דאַנק... זיך אומקערן... „נאַרישקייטן!" האָב איך זיך אויסגעזידלט — „מען קערט זיך נישט אום ביז וואַנען מען טוט נישט אָפּ דאָס שטיקל אַרבעט, צוליב וועלכן מען האָט דיך אַרויסגעשיקט אויף דער מיסיע!... וועסט אָפּטאָן דאָס שטיקל אַרבעט, וועסטו פֿאַרצייכענען מיט דער „שין" דעם יידישן דאַטום אויפֿן לוח׳ל ווען דו וועסט זיך אומקערן צו דיין אָפּטיילונג"...

אָבער וואָס פֿאַר אַ דאַטע איז היינט, לויטן לוח׳ל? לויט דער מאַמעס לוח׳ל?

איך וויל זיך דערמאָנען, איך וויל צוריקמישן די בלעט־לעך פֿון די פֿאַרגאַנגענע טעג... איך הייב אָן פֿון ראש־השנה... אויף ראש־השנה האָט מען אונדז, יידישע פֿליער, געלאָזט פֿליען קיין קאָנסטאַנטין, וויל אין יענער גרויסער שטאָט פֿון אַלזשיר זיינען פֿאַראַן אַ סך שולן. אויף יום־כיפּור זיינען מיר געפֿלויגן קיין טוניס און דאָרט פֿאַרבראַכט, פֿון כל־נדרי ביז נאָך נעילה, אין דעם יידישן געגנט פֿון „באַב סו־איקא", אין דער גרעסטער שול... דעם ערשטן טאָג סוכות האָבן מיר פֿאַרבראַכט אין אַלזשיר, אין דער הויפּטשטאָט... און צוריק מיט זעקס טעג האָבן מיר זיך אומגעקערט פֿון דאָרט... הייסט עס, אַז היינט איז שוין שמחת־תורה...

שמחת־תורה?...

און איך זע שוין אין די טונקעלע הימלען די העל באַ־לויכטענע פֿענצטער פֿון טעמפּל „בית־אל", וואוהין איך פֿלעג גיין מיטן טאַטן אין די יום־טובים טעג. און איך זע פֿאַר מיינע אויגן זיינע העל באַלויכטענע ברייטע טרעפּ און זיינע ברייט צעעפֿנטע טירן. און עס לייכט צו מיר זיין רונדער

דאַך, וואָס איז נישט בלוי, נישט גרין, נאָר פֿון אַזאַ קאָליר, וואָס שנײַדט זיך אַרײַן פֿון ווײַטנס אין די אויגן און רופֿט און ציט צו זיך! און איך זע ווי עס ציען זיך צום טעמפּל „בית־אל" קינדער, גרויסע און קליינע, מיט קליינע פֿאָנען אין די הענט און עס פֿלאַטערן די פֿײַערלעך פֿון די אָנגעצונדענע ליכטלעך, וואָס שטעקן אין די עפּלעך, וואָס זײַנען אַרופֿגעטאָן פֿון אויבן, אויף די קאָלירטע פֿאָנען...

עס דוכט זיך מיר, אַז איך בין אויך איינער פֿון די קינדער, איך יאָג זיך אויך מיט אַ פֿאָן און מיט אַ ברענענדיק ליכטל אין שול אַרײַן, וואו אין יענער נאַכט, אין דער נאַכט פֿון שמחת־תורה, צעטיילט מען גרויסע שיין־דעקאָרירטע פּאַפּירענע זעקעלעך מיט צוקערקעס, צווישן וועלכע עס באַהאַלט זיך אויך אַ שפּילצײַג...

און עס ווילט זיך מיר דערמאָנען וואָס פֿאַראַ שפּילצײַג האָב איך באַקומען ווען איך בין געגאַנגען צום לעצטן מאָל „כאַפּן" אַ זעקעלע אין דעם לעצטן שמחת־תורה, איידער איך בין געוואָרן בר־מצוה?...

און אַזוי קלערנדיק, הער איך אַ מאָדנעם קלאַפּ ערגעץ אין מײַן מאָטאָר, גלײַך ווי עמעצער האָט אַהין אַרײַנגעוואָרפֿן אַ שטיינדעלע...

„אַ שטיינדעלע"? שמייכל איך צו זיך, „אַ שטיינדעלע אין מיטן הימל? ווי קומט אַ שטיינדעלע"...

אָבער איידער וואָס ווען הייבט מײַן עראָפּלאַנדל זיך אָן צו דרייען ווי אַ חנוכה־דריידל... עס דרייט זיך און לאָזט זיך אַרונטער מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז עס פֿאַרכאַפּט מײַן אָטעם... איך טאַפּ אָן די פּאַפּירן אויף מײַן ברוסט, אונ־

טער מײַן העמד, און אײדער איך וויל אַ קלער טאָן, וואָס וועט זײַן אויב זיי וועלן אַרײַנפֿאַלן אין די הענט פֿון שונא, פֿאַל איך אַרונטער אין אַ טיפֿן פֿינצטערן אָפּגרונט, וואו מען פֿילט נישט קײַן זאַך, וואו מען פֿאַרשטייט נישט קײַן זאַך, וואו מען הערט בלויז ווי עס קלינגט אין די אויערן, העכער, העכער, ווי גרויסע גלאָקן, און פּלוצעם ווערט שטיל, אַ שטילקײַט פֿון טויט...

ווען איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון דער טויטער שטילקײַט, האָב איך זיך דערזען ליגן אויפֿן דיל, אין אַ קעמערל מיט איין פענצטערל, ביי וועלכן אַ וועכטער איז געשטאַנען פון דרויסן, אָנגעטאָן ווי אַן אַראַבער, מיט אַ ביקס אויפֿן אַקסל...

ער כאַפּט אַלע ווײַלע אַ קוק דורכן פֿענצטערל צו זען צי איך, זײַן געפֿאַנגענער, בין שוין אַרויס פֿון דעם טיפֿן חלשות, אין וועלכן מען האָט מיך, ווײַסט אויס, אַרײַנגעבראַכט אַהערצו, אין קעמערל אַרײַן.

יעדער מאָל, וואָס ער גיט אַ דריי אויס זײַן פּלייצע כדי אַרײַנצוקוקן אינעווייניק, גיב איך אַ מאַך צו מײַנע אויגן...

איך פֿיל אַ שרעקלעכן ווייטיק אין אַלע מײַנע ביינער, גלײַך ווי זיי זײַנען אַלע צעבראָכן געוואָרן אויף שטיקלעך. פֿון גרויס ווייטיק ווילט זיך מיר אויסשרײַען צום וועכטער, אַז ער זאָל וואָס שנעלער ברענגען צו מיר אַ דאָקטער, אַז מען זאָל מיך וואָס שנעלער אַריבערפֿירן אין אַ שפּיטאָל, מיר אײַנבינדן אַלע מײַנע גלידער, וואָס טוען מיר ווי מיט אַזאַ ווייטיק גלײַך ווי זיי צעפֿאַלן זיך אויף שטיקלעך...

אָבער דער שׂכל באַהערשט דעם ווייטיק און איך גיב מיר אַ קלער:

„וואָס וועט זײַן אויב דו ביסט טאַקע אַרײַנגעפאַלן צום שׂונא?"

איך טאַפּ אָן די פּאַפּירן אויף מײַן ברוסטקאַסטן... הייסט עס, אַז מען האָט מיך נאָך נישט באַזוכט... מען האָט געוואַרט ביז וואַנען איך וועל אַרויס פון מײַן טיפן חלשות... אויב אַזוי, קלער איך, דאַרפסטו ליגן ווי פריער, גלײַך ווי דו ביסט נאָך אַלץ פאַרחלשט, פונקט ווי ווען מען האָט דיך געפונען... אָבער ווען האָט מען מיך געפונען, ווילט זיך מיר וויסן, ווען?

איך גיב אַ קוק אויף מײַן האַנט־זייגער — צען אַזייגער. בלויז איין שעה איז פאַרבײַגעגאַנגען פון דער צײַט ווען איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט אויף מײַן מיסיע. און ווי לאַנג בין איך געפלויגן ביז וואַנען עס האָט מיך געטראָפן דאָס גרויסע אומגליק? ווען איך וואָלט וויסן, וואָלט איך אפשר געקאָנט טרעפן וואו איך געפין זיך איצט.

אַזוי צי אַזוי, עס איז נויטיק איצט צו ליגן און צו שווײַגן, און שטילערהייט אַריבערטראָגן די ווייטיקן ביז וואַנען עס וועט מיר קלאָר ווערן צי דער אַראַבער, וואָס שטייט פון יענער זײַט פענצטערל, געהערט אויך צו דעם סאָרט אַראַבער, וועמען עס איז אַלץ איינס ווער עס וועט זיגן אין דעם קריג... צי דער דאָזיקער אַראַבער וואָלט מיך אויך פאַרקויפט פאַר אַ קליינער סומע געלט צו די דייטשישע שפּיאָנען, וואָס באַהאַלטן זיך אונטער פאַרשיידענע מאַסקעס דאָ, אויף דעם אַפריקאַנישן ברעג.

אָבער ווי אַזוי קאָן מען זיך דערוויסן צי דער אַראַ־בער איז אַ פֿרײַנד צי אַשונא? קלער איך בײַסנדיק די ליפּן פֿון ווייטיק.

און וואָס, אויב מיט דעם וואַרטן ועסטו פֿאַרשפּעטיקן און מען וועט שוין מער נישט קאָנען צוזאַמענקלעפּן דײַנע צע־בראָכענע גלידער? און נאָכאַמאָל בײַס איך מײַנע ליפּן מיט אַזאַ כוח, אַז איך פֿיל אַ געזאַלצענעם טעם אין מויל... איך שפּיל אַן אויגנשפּיל: איך מאַך צו די אויגן ווען דער אַראַ־בער גיט אַ דריי אויס זײַן פּנים צו מיר, און עפֿן די אויגן נאָכצופֿאָלגן זײַנע באַוועגונגען ווען ער דרייט זיך אויס צו מיר מיט דער פּלייצע.

פּלוצעם דערגייען צו מײַנע אויערן פֿוסטריט פֿון אַ גרויסער מאַסע. זאָל עס זײַן, אַז די מאַסע דערנענטערט זיך צו דעם „געפּענקעניש"? זאָל עס זיין אַז די מאַסע האָט אָנגעזאָגט דעם וועכטער, אַז ער זאָל וואַרטן ביז וואַנען זיי וועלן קומען און צוזאַמען מיט אים וועלן זיי פֿאַרקויפֿן דעם געפֿאַנגענעם פֿליער צו די דײַטשישע שפּיאָנען? צוזאַמען מיט אים וועלן זיי זיך טיילן מיט דער גרויסער „אַפּויטעקע" וואָס זיי וועלן באַקומען פֿאַרן אַמעריקאַנער פֿליער און פֿאַר זײַנע פּאַפּירן?... עס טריקנט אין מויל, אין האַלדז... עס קלאַפּט דאָס האַרץ און די ווייטיקן ווערן נאָך שאַרפֿער...

אָבער פּלוצעם, דערזע איך דורכן קליינעם פֿענצטערל אַ גרויסע מענגע מיט אָנגעצונדענע ליכטלעך, וואָס פֿלאַ־טערן אין דער אָוונט לופֿט.

פֿאַרוואָס טראָגט דער המון אָנגעצונדענע ליכטלעך אין די הענט?...

פלוצעם — דערגייט צו מײַנע אויערן דאָס אַראַבישע פּײַפן וואָס מישט זיך אויס מיט אַ געזאַנג, אַ באַקאַנט געזאַנג, אַ ניגון, וואָס איך האָב נישט איינמאָל געהערט: „שישו ושמחו בשמחת תורה!"

איז עס וואָר? צי איך חלום נאָך אַלץ קלערנדיק וועגן מײַן היימשטאָט, ברוקלין? וועגן דעם גרויסן טעמפּל „בית־אל" און זײַנע באַלויכטענע פּענצטער און צעעפּנטע ברייטע טירן?...

און נאָכאַמאָל „שישו ושמחו בשמחת תורה" און נאָכאַמאָל דאָס אָריענטאַלישע פּײַפן...

ייִדן?! ווילט זיך מיר אויסשרײַען פון פרייד. אויך אין דעם דאָזיקן שטעטל זײַנען פאַראַן ייִדן?! ווען איך וואָלט זיך געקאָנט פאַרבינדן מיט זיי וואָלטן זיי מיך זיכער אויסגעלייזט פון דעם אַראַבישן שומר, וואָס וועט מיך זיכער פאַרקויפן צו די דײַטשישע שפּיאָנען! צי זאָל איך אַליין פאַרלייגן דעם אַראַבישן שומר?...

אָבער פלוצעם הייבט דער אַראַבער אויך אָן צו פליעסקען מיט די הענט גלײַך ווי ער ענטפערט אויפן פליעסקען פון דער מאַסע, וואָס גייט מיט אָנגעצונדענע ליכטלעך אָדער פון שול אָדער צוריק אין שול אַרײַן...

דער אַראַבער הערט אויף צו פליעסקען. ער לייגט אַרײַן איין האַנט אין מויל אַרײַן, דריקט צו די אונטערשטע ליפּ זײַנע, שטופּט אַרײַן די צווייטע האַנט און פּײַפט פּונקט ווי עס פּײַפן די ייִדן וואָס דערנעענטערן זיך מיט די ליכטלעך אין די הענט, און נאָכן פּײַפן שרײַט ער אויך אויס אויף

אַ זינגענדיקן קול: „שישו ושמחו בשמחת תורה" און טאַנצט אויס דעם ניגון שטייענדיק אויף איין אָרט.

— אַנטאַ יאַהוד? (דו ביסט אַ ייִד?) גיב איך אַ שרײַ אויס אי פֿון גרויס ווייטיק אי פֿון גרויס פֿרייד — אויב אַזוי, רוף צו מיר וואָס שנעלער דעם רב ווײַל איך גיי אויס פֿון ווייטיק!

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מען האָט מיך אַרײַ־בערגעפֿירט אין שפּיטאָל, דער רב פֿון שטאָט האָט מיך אַליין באַגלייט אַהינצו, און אויסגעבעטן אַז מען זאָל מיך אַרײַנ־לייגן אין אַ באַזונדערן צימער. עס האָט לאַנג נישט געדוי־ערט און דער ספֿרדישער רב האָט געלאָזט וויסן וועגן מיר דעם הויפּט פֿון דער אַמעריקאַנער פֿלי־אָפּטיילונג, וואָס האָט אַרויסגעקוקט מיט אומגעדולד אויף מיר און אויף די פּאַ־פּירן, וואָס איך האָב געהאַלטן בײַ זיך אונטערן העמד.

און בעת דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער האָבן זיך געפּאָרקעט מיט מײַנע צעבראָכענע גלידער, האָב איך נישט אויפֿגעהערט צו זינגען:

„שישו ושמחו בשמחת תורה"...

און בעת איך האָב אַזוי געזונגען האָט אויפֿגעבליט אין מײַן האַרצן ווי אַ גרויסע העלע בלום אַ געדאַנק: „איין פֿאָלק! איין שמחת־תורה! איין תורה! איין ניגון — שישו ושמחו בשמחת תורה"!...



חנוכה

מײַן דריידל

יענעם חנוכה וועל איך קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן! עס איז געווען דער בעסטער חנוכה אין מײַן לעבן! פֿאַרוואָס? נישט נאָר דערפֿאַר, וואָס איך האָב אין יענעם חנוכה צום ערשטן מאָל געבענטשט אַליין חנוכה־ליכט, נאָר... אָבער לאָמיך אײַך דערציילן ווי אַזוי דאָס האָט געטראָפֿן.

יענעם חנוכה איז געקומען צו אונדז די באָבע מירל. פֿאַר דער באָבע מירל האָבן אַלע מורא געהאַט, ווײַל זי איז געווען זייער אַ שטרענגע... נאָכדעם ווי די באָבע מירל האָט אויסגעהערט ווי איינער פֿון מײַנע ברידער האָט געבענטשט חנוכה־ליכט, האָט זי זיך אָנגערופֿן צו מײַן טאַטן:

מיידלעך מעגן אויך בענטשן חנוכה־ליכט! אויב זיי קאָנען!

— אויב זיי קאָנען? — רופֿט זיך אָן מײַן טאַטע און ער גיט מיך אַ כאַפּ, אַ שלעפּ, און איך שטיי שוין ביי איינעם פון די פענצטער, וואו עס זיינען געשטאַנען אין אַ ריי עט־לעכע חנוכה־מנורות מיט גאַנצע, נאָך נישט אָנגעצונדענע ליכט...

אין גרויסן זאַל איז טויט־שטיל. טייל געסט קוקן אויף דער באָבען, טייל קוקן צו מיר מיט מיטלײַד, טייל קוקן צו מײַן טאַטן מיט רחמנות, גלײַך ווי זיי ווייסן פֿאָראויס, אַז דער טאַטע האָט צופֿיל אײַנגעשטעלט דערמיט, וואָס ער פֿאַר־לאָזט זיך אויף אַזאַ קליין מיידעלע ווי איך (איך בין דאַן אַלט געווען אַכט יאָר) אַז איך זאָל זיך פֿאַרמעסטן מיט מײַנע על־טערע ברידער...

און איך? איך שטיי בײַם פֿענצטער... עס וואַקלען זיך די חנוכה־מנורות און מיט זיי דער גאַנצער זאַל מיט די געסט, אַפֿילו דער טאַטע, דוכט מיר, וואַקלט זיך. אָבער ער דערלאַנגט מיר אין האַנט אַרײַן דעם שמש, וואָס ער האָט אָנגעצונדן.

איך נעם דעם שמש און איך פֿיל ווי מײַן שרעק פֿאַר־לאָזט מיך, מײַן האַרץ קלאַפּט טאַקע זייער שטאַרק, אָבער דאָס קול איז שטאַרק און לויטער, און די ברכה גייט אַרויס פֿון מײַן מויל קלאָר און הויך און געדריידלט פונקט ווי דער טאַטע האָט מיך געלערנט... איך זינג און ווען איך ענדיק, זאָגן אַלע — אָמן... איך צינד אָן די ליכטלעך פֿון רעכטס צו לינקס, און נאָך איידער איך ענדיק די צווייטע

ברכה, גיט מיר די באָבע מירל אַ קניפּ אין באַק, נעמט אַרויס פֿון איר טאַש אַ זילבערנעם רובל און דערלאַנגט מיר, פּונקט ווי זי האָט עס געטאָן מיט מײַן עלטערן ברודער. פֿאַרשטייט איר שוין ווי גליקלעך איך האָב זיך געפֿילט דעמאָלט! און נישט אַזוי צוליבן זילבערנעם רובל, ווי צוליב דעם, וואָס די באָבע האָט מיך נישט אָפּגעלאָזן און מיך געהאַלטן לעבן זיך אַ גאַנצן אָוונט.

קאָנט איר זיך פֿאָרשטעלן ווי עס זײַנען מיך מקנא געווען מײַנע ברידער און שוועסטער? זיצן לעבן דער באָ־בע מירל, ווען זי עסט וועטשערע, איז נישט געווען פֿון די קליינע זאַכן!

אָבער מער פֿון אַלץ האָט איבעראַשט די געסט וואָס די באָבע האָט געהאַלטן אין איין קנײַפּן מיך אין באַק, שמייכלען צו מיר, און דערבײַ מיר אונטערגערוקט איין לאַטקע נאָך דער צווייטער.

איך מוז אָבער זאָגן דעם אמת, אַז נישט נאָר צוליב דעם האָב איך זיך געפֿילט אַזוי גליקלעך אין יענער חנוכה־נאַכט. אויך נישט דער זילבערנער רובל, וואָס איך האָב באַ־קומען פֿון דער באָבען חנוכה־געלט, האָט מיך דעמאָלט אַזוי געפֿרייט.

די גרעסטע פֿרייד האָט מיר פֿאַרשאַפֿט אין יענער חנוכה־נאַכט דאָס גרויסע דריידל, וואָס די באָבע האָט מיר געגעבן. איך האָב זיך אַזוי געפֿרייט מיטן דריידל, אַז איך האָב זיך נישט געוואָלט צעשיידן מיט דעם אַפֿילו אויף איין מינוט. יענעם גאַנצן אָוונט בין איך געזעסן בײַ אַ קליין טישל און זיך נישט אויפֿגעהערט צו שפּילן מיטן דריידל.

איך גיב נאָר איין דריי בײַם קעפּל מיט מײַנע צוויי פֿינגער און עס דרייט זיך שוין אויפֿן לאַנגן פֿיסל אַזוי שנעל, אַז עס מישן זיך אויס די פֿיר אותות נ, ג, ה, ש, (דער טאַטע האָט מיך געלערנט אַז דאָס מיינט, נס גדול היה שם — אַ גרויסער נס איז דאָרט געשען) וואָס זײַנען אײַנגעקאַרבט אויף אַלע פֿיר זײַטן פֿון דעם דריידל. וואָס שנעלער עס דרייט זיך דאָס פֿיסל פֿון מײַן דריידל, אַלץ שנעלער דרייען זיך די פֿיר אותיות.

איך קוק אויף דעם שנעלן דרייען זיך פֿון דריידל און עס דוכט מיר, אַז איך אַליין דריי זיך אויף איין פֿיסל, און איך זינג צו מיין דריידל ווען איך אַליין דריי זיך:

דריידל, דריידל, דריידל מײַן,
דו ביסט שיכור ווי פֿון ווײַן.
דריי אַהער און דריי אַהין
נאָר נישט פֿאַל מיר אויף דער שין!

און דאָס דריידל האַלט זיך אין איין דרייען.

נאָר אָט פֿאַרדרייט זיך בײַם דריידל דער קאָפּ, פּונקט ווי בײַ מיר, און עס גיט פּלוצעם אַ פֿאַל...

מײַן האַרץ קלאַפּט ווי דער גרויסער שטייענדיקער זייגער. די אויגן מײַנע — צוגעשמידט צום געפֿאַלענעם דריידל: האָט עס מיך געפֿאָלגט, און איז נישט געפֿאַלן אויף דער שין? אויב עס איז געפֿאַלן אויף דער שין, קאָן דאָך נישט געשען קײַן נס...

איך גלויב נישט מײַנע אויגן!

נון! נס! גיט אַ קלאַפּ אין האַרצן, און נאָך איידער איך כאַפּ אָפּ דעם אָטעם, גיט זיך די זייט, אויף וועלכער דאָס דריידל איז געפֿאַלן, אַ צעעפֿן און עס פֿאַלט אַרויס פֿון דאָרט אַ גרויסע נון... נאָך איר שלעפּט זיך נאָך אַ צווייטע נון, אַ דריטע נון, אַ פֿערטע... די נונען כאַפּן זיך אָן איינע אָן דער צווייטער, גלײַך ווי זיי וואָלטן געהאַט הענט און איידער וואָס־ווען, גיבן זיי מיך אַ הייב אין דער לופֿטן, און איך פֿלי... איך פֿלי איבער לענדער און איבער ימען, איבער בערג און איבער טאָלן, איבער פֿעלדער און איבער טײַכן.

פּלוצעם לאָזן זיך די צוזאַמענגעקניפּטע נונען אַרונטער און איך מיט זיי. — וואו בין איך? — שרײַ איך אויף אַ קול.

אָבער קיינער פֿון דער גרויסער מאַסע, וואָס רינגלט מיך אַרום, ענטפֿערט מיר נישט. קיינער באַמערקט מיך נישט. אַלע זײַנען פֿאַרטיפֿט אין עפּעס. איך קוק אין דער זײַט, וואוהין אַלע קוקן, און איך זע: ייִדן, ייִדענעס און קינדער שטופּן זיך דורך אַלע צעעפֿנטע טויערן פֿון ירושלים. זיי שטעלן זיך אויס פֿון ביידע זײַטן גאַס, כדי צו לאָזן די ייִדישע סאָלדאַטן, די מכבים, וואָס קערן זיך אום פֿון שלאַכטפֿעלד, מאַרשירן אין דער מיט.

— אָט גייען זיי! אָט קומען די חשמונאים! — שרײַען אַלע.

— געבענטשט זאָלט איר זײַן, באַפֿרײַער פֿון אונדזער הייליק לאַנד! — שרײַען פֿרויען, וואַרפֿנדיק בלומען אויף

די מאַרשירנדיקע סאָלדאַטן. און די קינדער זינגען אויף אַ קול:

„מתתיהו פֿון מודיעין —

ער און זײַנע פֿינף זין״...

און איך זע דעם אַלטן מתתיהו מיט דער לאַנגער, ווײַסער באָרד, — דער אַלטער מתתיהו, וואָס האָט געלערנט זײַנע זין און אַנדערע זין נישט צו פֿאָלגן אַנטיוכוסעס באַפֿעל זיך בוקן צו זײַן געטשקע. ער שפּאַנט פֿאָראויס און נאָך אים — זײַנע זין, און דאָס פֿאָלק שרײַט אויף אַ קול, און איך שרײַ אויך אויף אַ קול: „לעבן זאָל מתתיהו פֿון מודיעין! לאַנג לעבן זאָל ער!״

דאָס פֿאָלק הייבט די הענט און רופֿט אויס צו מתתיהוס פֿינף זין, די מכבים, און איך שרײַ אויס צוזאַמען מיט אַלע די, וואָס שטופּן זיך פֿון ביידע זײַטן גאַס:

— לעבן זאָלן די מכבים, וואָס האָבן באַפֿרײַט אונדזער לאַנד פֿון דעם רשע אַנטיוכוס און פֿון זײַן גרויסער אַרמיי!

דאָס פֿאָלק וויל זיי אַרומנעמען און קושן, זיי דאַנקען, אָבער זיי לאָזן זיך נישט און גייען פֿאָראויס, פֿאָראויס, גלײַך ווי זיי אײַלן זיך...

וואוהין אײַלן זיי זיך? וויל איך פֿרעגן, אָבער באַלד ווערט עס מיר קלאָר. די גרויסע מאַסע, וואָס שטופּט זיך נאָך די מכבים, שלעפּט מיך מיט, און איידער וואָס־ווען, שטיי איך צוזאַמען מיט אַלע שטופּנדיקע אין הויף פֿון בית־המקדש... די מאַסע איז אַזוי גרויס, אַז נישט אַלע קאָנען זיך אַרײַנשטופּן אינעווייניק. אויך איך בלײַב שטיין אין הויף

פֿון בית־המקדש... אָבער אויך דאָרט הערט מען אַלץ, וואָס די מכבים רופֿן אויס: „ניט איצט איז די צייט צו וויינען אויף דעם חורבן, וואָס די גריכן האָבן אָנגעטאָן אין אונדזער הייליקן בית־המקדש! ווער עס גלייבט אין גאָט, זאָל צולייגן אַ האַנט!"

און ווי דורך אַ נס, איינס און צוויי, ווערט דער בית־המקדש אויסגערייניקט פֿון אַלע גריכישע געטער, און איינער פֿון מתתיהוס זין רופֿט אויס אויף אַ קול: „איך האָב געפֿונען אַ קריג מיט אָליוון אייל! לאָמיר אָנגיסן דעם אייל אין די רערלעך פֿון אונדזער מנורה און זאָל נאָכאַמאָל ווערן ליכטיק אין אונדזער בית־המקדש! לאָמיר פּראַווען אַ יום־טוב לכּבֿוד אונדזער זיג איבער די גריכן און לכּבֿוד דער באַנײַאונג פֿון אונדזער בית־המקדש! לאָמיר אָנרופֿן דעם יום־טוב, באַנײַאונג! חנוכּה! און לאָמיר פּראַווען דעם חנוכּת־הבית מיט געזאַנג און טענץ!"...

און נאָך איידער וואָס־ווען, האָבן זיך אַלע פֿאַרזאַמלטע אָנגעהויבן דרייען און טאַנצן און מיט זיי צוזאַמען האָב איך זיך אויך געדרייט... איך דריי זיך און דריי זיך. עס דרייט זיך בײַ מיר דער קאָפּ, אָבער איך קאָן נישט אויפֿהערן זיך דרייען! צוזאַמען מיט מיר טאַנצט און דרייט זיך מײַן דריידל... איך קוק אויף מײַן דריידל און איך טראַכט: „ווען דו, דריידל, וועסט אויפֿהערן זיך דרייען, וועל איך דיר נאָכטאָן"...

און פּלוצעם, אין מיטן דרייען זיך אין דעם חנוכּה־טאַנץ, גיט מײַן דריידל אַ פֿאַל, און צוזאַמען מיט מײַן דריידל גיב איך אויך אַ פֿאַל...

פֿון דעם שטאַרקן פֿאַל האָט זיך בײַ מיר עפּעס אָפּ־געריסן אין האַרצן. מײַנע אויגן האָבן זיך צעעפֿנט — וואו בין איך? וואו איז ירושלים? און דער בית־המקדש? און די מכבים? און דאָס טאַנצנדיקע פֿאָלק? און וואו איז דאָס ליכט, וואָס מען האָט אָנגעצונדן אין דער מנורה פֿון בית־המקדש? פֿאַרוואָס — אַזוי פֿינצטער אַרום מיר?

עס ווילט זיך מיר װײנען און רופֿן מײַן מאַמען און מײַן טאַטן. אָבער איך דערמאָן זיך, אַז איך בין שוין אַ גרויסע. האָב איך דען נישט געבענטשט חנוכה־ליכט ווי מײַנע עלטערע ברידער? האָט דען די באָבע מירל מיר נישט געגעבן אַ זילבערנעם רובל דערפֿאַר, וואָס איך האָב געבענטשט ווי אַ גרויסע? פּאַסט דען פֿאַר אַ גרויסער צו רופֿן די מאַמען אין מיטן דער נאַכט?...

אָבער — אַוואו איז מײַן דרײדל?

איך בין שטילערהייט אַרונטערגעגאַנגען פֿון מײַן בעט, זיך צוגעשאַרט צום טיש וואו איך האָב זיך געהאַט געשפּילט אַ גאַנצן אָוונט מיט מײַן דרײדל... איך האָב געשאַרט מיט דער האַנט איבערן טישל אין דער פֿינצטער, און ווען איך האָב דאָס דרײדל דערפֿילט מיט מײַנע פֿינגער, האָב איך נאָכאַמאָל געוואָלט װײנען... אָבער דאָס מאָל פֿון פֿרייד.

איך האָב דאָס דרײדל געהאַלטן שטײַף אין מײַן האַנט, ווי מען האַלט אַ גרויסן אוצר, וואָס מען וויל זיך מיט אים נישט צעשיידן. איך האָב עס צוגעטוליעט צו מײַן האַרצן און זיך צוריק אַרײַנגעלייגט אין בעט און זיך צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ.

פרענקיס חנוכה־מנורה

די מעשה וואָס איך גיי אײַך דאָ דערציילן האָט געטראָפֿן מיט צוויי ייִדישע ייִנגלעך אין די טעג פֿון 1849, ווען אין אַמעריקע איז געוואָרן אַ געלאָף אין דער „ווײַטער וועסט״ צו זוכן גאָלד.

די טאַטעס פֿון די צוויי ייִדישע ייִנגלעך האָבן זיך געהאַלטן ווײַט און פֿרעמד איינער פֿון אַנדערן, כאָטש זיי זײַנען געווען פּאַסאַזשירן אויף דער זעלביקער שיף, וואָס האָט געפֿירט גאָלדזוכערס פֿון ניו־יאָרק קיין סאַן פֿראַנציסקאָ. די צוויי ייִנגלעך, פֿרענקי און שמואליק, זײַנען געוואָרן נאָענטע פריינד באַלד, פון ערשטן בליק, נישט נאָר ווייל זיי זיינען געווען די איינציקע ייִדישע קינדער אויף דער שיף, נאָר דערפֿאַר ווײַל קיין אַנדערע קינדער זײַנען אויף דער שיף נישט געווען.

פֿרענקיס פֿאָטער, מר. מאַנהײַם, איז נישט געווען צופֿרידן, וואָס זײַן זון שפּילט זיך מיט אַן אָרעמען ייִנגל פֿון אַ פּוילישן, נאָרוואָס אַריבערגעקומענעם, אימיגראַנט, וואָס רעדט קוים ענגליש און מיט אַ שלעכטן אַקצענט.

פֿרענקיס פֿאָטער איז אַליין געווען אַן אימיגראַנט, דאָך האָט ער זיך געהאַלטן העכער פֿון שמואליקס פֿאָטער. ער, מר. מאַנהײַם, איז געקומען פֿון דײַטשלאַנד ; ער איז געווען רײַך, און ער איז אויך אַ געענדיקטער אינזשעניער פֿון אַ דײַטשישן אוניווערסיטעט. ווי אַן אינזשעניער, אַ פֿאַכמאַן, האָט

ער זיך געלאָזט זוכן גאָלד, אָבער ווי קומט שמואליקס פֿאָ־טער, דער פּוילישער ייִד, צו לאָזן זיך אין דער ווײַטער וועלט זוכן גאָלד? וואָס מיינט ער, דער פּוילישער ייִד, אַז מען קאָן לערנען גמרא, קאָן מען שוין וויסן ווי אַזוי צו זוכן גאָלד?

יעדע נאַכט האָט מאַנהײַם גערעדט צו זײַן זון פֿרענקי, אַז ער זאָל זיך נישט שפּילן מיט שמואליקן; עס פּאַסט נישט. פֿרענקי פֿלעגט יעדער מאָל צוזאָגן זײַן פֿאָטער, אַז ער וועט זיך שוין מער נישט שפּילן מיט שמואליקן, אָבער ווי נאָר ער איז אַרויס פֿון זײַן קאַבינע, האָט ער באַלד פֿאַרגעסן זײַן צוזאָג, און באַלד געלאָפֿן אויפֿזוכן שמואליקן און פֿאַרברענ־גען מיט אים, ביז זײַנע עלטערן האָבן אים גערופֿן עסן.

— דער שמואליק האָט פֿאַרכישופֿט אונדזער ייִנגל, — האָט מאַנהײַם גערעדט מיט פֿאַרדראָס צו זײַן ווײַב. בײַנאַכט, אין דער קאַיוטע, וועל איך זיך אָפּרעכענען מיט פֿרענקין פֿאַר נישט האַלטן קײַן וואָרט.

— וואָס ווילסטו פֿון דעם קינד? — האָט פֿרוי מאַנ־הײַם שטיל גערעדט צו איר מאַן, — ווען אויף דער שיף וואָלטן געווען אַנדערע קינדער, וואָלט ער זיך געשפּילט מיט זיי. אַ קינד דאַרף זיך דאָך שפּילן.

— געדענק, פֿרענקי, — פֿלעגט מאַנהײַם וואָרענען זײַן זון, — ווי נאָר מיר וועלן פֿאַרלאָזן די שיף, איז אויס שמואליק! דו הערסט? — עס איז אָבער נישט געוואָרן אויס שמואליק.

עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דאָס אָרט וואו מאַנהײַם האָט אויפֿגעשטעלט זיין געצעלט (ביידל), איז געווען נאָענט צום געצעלט פֿון די אַראָנסאָנס, שמואליקס עלטערן. זייער

ביז איז מאַנהײַם געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, אַז דער פּוילישער ייִד, אַראָנסאָן, האָט אויך אײַנגעשטעלט לעבן זײַן געצעלט אַ שול, צום דאַווענען. ער האָט דערפֿאַר באַשלאָסן צו זוכן אַ ווײַטער אָרט פֿאַר זײַן געצעלט. דאָס וועט אויך דערווײַטערן זײַן פּרענקין פֿון דעם שמואליקן. אָבער עס טוט זיך נישט אַזוי לײַכט, ווי עס טראַכט זיך. אַזוי ווי עס זײַנען זיך אָנגעפֿאָרן אַ סך מענטשן צו זוכן גאָלד, איז גע־וואָרן שווער צו קריגן פּלאַץ אויפֿצושטעלן אַ געצעלט. אויך זײַנען די לעבנס־מיטלען געשטיגן זייער הויך. אָבער קײַן גאָלד האָט מען אַזוי לײַכט נישט געפֿונען, ווי מאַנהײַם האָט זיך געהאַט פֿאָרגעשטעלט, ווען ער האָט פֿאַרלאָזן זײַן פֿאַ־בריק אין באַלטימאָר. זײַנע מעטאָדן און מאַשינען וואָס ער האָט מיטגעבראַכט האָבן אים נישט געהאָלפֿן צו געפֿינען גאָלד. אַנדערע, וואָס האָבן קײַן מאַשינען נישט גענוצט, נאָר האָבן געגראָבן מיט לאָפּעטעס און מיט די הענט, האָבן גע־האַט מער מזל צו געפֿינען דעם בלישטשענדיקן מעטאַל.

מאַנהײַם איז געבליבן אײַנגעשפּאַרט. ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן פֿון זײַנע מעטאָדן. ער איז געבליבן אַליין. דאָס געלט וואָס ער האָט מיטגעבראַכט איז אויס־גערונען. אַפֿילו דאָס צירונג וואָס זײַן ווײַב האָט געבראַכט, האָט ער געמוזט פֿאַרקויפֿן. זײַן לאַגע איז געוואָרן זייער שלעכט.

דער צאָרן צו זײַן ייִנגל איז געוואָרן גרויס, ווען ער האָט אים געזען זיך חברן מיט שמואליקן. נאָך בייזער איז ער געוואָרן, ווען ער איז געוואָר געוואָרן, אַז שמואליקס פֿאָטער, אַראָנסאָן, האָט גרויס מזל בײַם זוכן גאָלד.

איינמאָל, אין אַן אָוונט, איז פֿרענקי, שטילערהייט אַרײַן צו שמואליקן אין געצעלט. ער האָט דאָרטן דערזען אַ מנורה מיט אַכט רערלעך און איבער די אַכט נאָך אַ רערל. אַזאַ מנורה האָט ער נאָך קיינמאָל פֿריער נישט געהאַט געזען.

— וואָס איז דאָס? — האָט פֿרענקי געפֿרעגט. עס איז נישט געווען ענלעך צו די לײַכטער וואָס שמואליקס מוטער צינדט אין זיי ליכט אַלע פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט.

— דאָס איז אַ חנוכה־מנורה, — האָט שמואליק דערקלערט זײַן חבר פֿרענקי, — הײַנט איז דאָך חנוכה. הײַנט צינדט מען אָן דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל.

פֿרענקי האָט גאָרנישט געענטפֿערט, ער איז געבליבן שטיל און געוואַרט.

פֿרוי אַראָנסאָן האָט אַרײַנגעגאָסן בוימל אין די רערלעך, האָט גלײַך געמאַכט די קנייטלעך, און שמואליקס פֿאָטער האָט הויך אויף אַ קול געזאָגט די ברכות און אָנגעצונדן דאָס ערשטע חנוכה־ליכטל, און אַלע אין געצעלט האָבן געזאָגט אָמן.

אויף אַ צווייטן טיש איז געשטאַנען נאָך אַ חנוכה־מנורה. דאָס איז געווען די מנורה פֿאַר שמואליקן. אַז דער פֿאָטער האָט געענדיקט זײַן חנוכה־ליכט בענטשן, זײַנען שמואליק און זײַנען עלטערן צוגעגאַנגען צום צווייטן טיש, און דער קליינער שמואליק האָט פֿון אַ סידור געזאָגט די ברכות און געבענטשט חנוכה־ליכט, ער האָט אָנגעצונדן דאָס ערשטן חנוכה־ליכטל און ווידער האָבן אַלע געזאָגט אָמן.

פֿרענקי איז געשטאַנען פֿאַרגאַפֿט. וואָס ער האָט געזען האָט אים אַזוי באַגײַסטערט, אַז ער האָט נישט געקאָנט

ריידן. ער האָט זיך שיִר נישט צעוויינט. ער האָט געוואָלט אַרויסלויפֿן, מען זאָל נישט זען זײַנע טרערן, אָבער שמואליקס פֿאָטער האָט אים פֿאַרהאַלטן.

— וואוהין לויפֿסטו, פֿרענקי? פֿון מײַן הויז גייט מען נישט אַרויס אָן אַ חנוכה־דריידל, און אָן חנוכה־לאַטקעס, — האָט זיך אַרײַנגעמישט פֿרוי אַראָנסאָן. שמואליק האָט דער־קלערט פֿרענקין ווי אַזוי מען שפּילט אין דריידל, און די מו־טער האָט צוגעטראָגן פֿרענקין זודיק־הייסע לאַטקעס. אַזעל־כע געשמאַקע לאַטקעס האָט ער נאָך נישט געגעסן. נאָכן עסן האָט מען געשפּילט אין דריידל... עס איז געוואָרן שפּעט... פֿרענקי האָט זיך געקליבן אַהיימצוגיין. דאָ האָט זיך אָפּגערופֿן שמואליקס פֿאָטער און געזאָגט:

— איידער דו גייסט אַהיים, פֿרענקי, נעם מיט אַ חנוכה־מנורה. די צוויי מנורות וואָס דו זעסט, זײַנען פֿון אונדזערע עלטערן. מיר האָבן אָבער נאָך אַ חנוכה־מנורה, וואָס מיר אַליין האָבן געקויפֿט. די מנורה באַרגן מיר דיר, נעם זי אַהיים, אויב דו ווילסט קאָן זי בלײַבן בײַ דיר ווי אונ־דזער מתנה. מיר ווען דיר אויך מיטגעבן אַ סידור, וועט דײַן פֿאָטער מיט דיר קאָנען זאָגן די ברכות, וועט מען בײַ אײַך אין הויז קאָנען בענטשן חנוכה־ליכט...

אַ גליקלעכער, אָן אָנגעלאָדענער מיט דער מנורה און מיט דעם סידור, איז פֿרענקי געלאָפֿן אַהיים. מיט פֿרייד איז ער אַרײַן אין זייער געצעלט. ער האָט געטראָפֿן זײַנע עלטערן זיצן זייער פֿאַרטרויערט. ער האָט באַלד אויסגע־רופֿן אויף אַ קול: „פֿאַפּאַ, איך האָב געשפּילט אין דריידל, איך האָב געגעסן לאַטקעס, און דו, פֿאַפּאַ, מוזסט בענטשן

חנוכה־ליכט, הײַנט איז דאָך חנוכה בײַ אונדז; איך וויל אַז
בײַ אונדז זאָל זײַן חנוכה, ווי בײַ שמואליקן אין געצעלט".
פֿרענקי איז אַרויפֿגעפֿאַלן זײַן פֿאָטער אויפֿן האַלדז און זיך
צעוויינט...

פרענקיס אַריינקומען אין הויז, און זיין צעוויינען זיך,
האָט אַזוי גערירט זײַנע עלטערן, אַז אי דער פֿאָטער און אי
די מוטער האָבן זיך אויך צעוויינט.

דער ערשטער האָט זיך באַרואיקט פֿרענקי. ער האָט
אַנידערגעשטעלט זײַן מנורה אויפֿן טיש, אַרײַנגעגאָסן בוימל
אין די רערלעך. ער האָט אָנגענומען זײַן פֿאָטער בײַ דער
האַנט, אים צוגעפֿירט צו דער מנורה און אים געגעבן דעם
סידור. די מוטער איז צוגעקומען צו דער מנורה, און אירע
אויגן האָבן געשײַנט פֿון פֿרייד.

מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט פֿרענקיס פֿאָטער גע־
עפֿנט דעם סידור, שטיל געזאָגט די ברכות און אָנגעצונדן
דאָס ערשטע חנוכה ליכטל אין פֿרענקיס חנוכה־מנורה, וואָס
דער פוילישער ייִד, דער נײַער אימיגראַנט, האָט אים גע־
געבן אַ מתנה.



איצי דריידל

פֿאַרוואָס מען האָט דעם רויט־האָריקן איצי גערופֿן איצי־דריידל ?...

ווײַל ווען ער פֿלעגט ריידן, פֿלעגט זיך זײַן צונג דרייען בײַ אים אין מויל ווי אַ דריידל.

פֿאַרוואָס מען האָט אים געגעבן נאָך אַ צונאָמען — נס ?

ווײַל...

אָבערי לאָמיך אײַך אַפֿריער דערציילן די אמתע מעשה, וואָס האָט געטראָפֿן אין דרום־רוסלאַנד, אין יאָר 1905.

אין יענעם יאָר זײַנען דאָרט פֿאָרגעקומען אַ סך פּאָגראָמען, און מען האָט זיך געשראָקן פֿאַר אַ פּאָגראָם אויך אין דעם קליינעם שטעטעלע סאַראַטאָווקע, וואו איצי האָט געוואוינט. מען האָט זיך געשראָקן פֿאַר די סאָלדאַטן און פֿאַר די קאָזאַקן, וואָס האָבן באַדאַרפֿט פֿאַרבײַגיין סאַראַטאָווקע אויפֿן וועג צו דער גרויסער שטאָט.

גאַנץ סאַראַטאָווקע האָט זיך געשראָקן, אָבער יעדער איינער האָט געטאָן זײַן אַרבעט ווי פֿריער: ייִדן זײַנען געגאַנגען אין שול אַרײַן דאַווענען, מאַמעס האָבן געקאָכט וואַרמעס, און ייִנגלעך זײַנען געגאַנגען אין חדר אַרײַן לערנען.

ערב חנוכה האָט דער רבי אָפּגעלאָזט די ייִנגלעך פֿריער ווי שטענדיק און האָט יעדן איינעם געגעבן אַ דריידל. די ייִנגלעך זײַנען געלאָפֿן אַהיים פֿריילעכע, אי דערפֿאַר,

וואָס דער רבי האָט זיי אָפּגעלאָזט פּרי, אי דערפֿאַר וואָס זיי האָבן פֿון אים באַקומען אַ מתנה, אַ גרויס הילצערן דריידל.

מער פֿון אַלע ייִנגלעך האָט זיך געפֿרייט מיטן דריידל איצי־דריידל. ער האָט עס געהאַלטן אין קעשענע און גע־גלעט די אײַנגעקאַרבטע נון אין הילצערנעם דריידל.

די נון האָט איצי־דריידל ליב געהאַט צו גלעטן מער פֿון די אַנדערע דרײַ אותיות. די נון מיינט דאָך נס און וואָס איז שענער פֿון אַ נס?

אַ נס טרעפֿט זיך זעלטן, און איצי־דריידל האָב ליב זאַכן וואָס טרעפֿן זיך נישט אָפֿט... נאָר אַמאָל... אַמאָל...

האַלטנדיק זײַן דריידל אין קעשענע, האָט איצי אָנ־געטאַפּט מיט זײַנע פֿינגער די נון און געקלערט: נס... נס... נס...

און אַזוי טראַכטנדיק וועגן אַ נס, וועגן אַ גרויס וואונ־דער, איז ער אַרײַנגעשפּרונגען אַ פֿריילעכער אין זײַן שטוב.

אָבער זײַן פֿריילעכקייט איז פֿאַרשוואונדן ווי נאָר ער האָט דערזען זײַן טאַטנס פּנים און ווי זײַן מוטער האָט גע־האַלטן אין איין ברעכן אירע הענט.

„סאָלדאַטן, קאָזאַקן, פּאָגראָם", איז פֿאַרבײַגעלאָפֿן בײַ איצין אין קאָפּ און זײַן פּנים איז אויך אויסגעצויגן געוואָרן אויף דער מינוט.

נאָך טרויעריקער איז אים געוואָרן אויפֿן האַרצן, ווען די טירן פֿון זייער הויז האָבן זיך געעפֿנט און עס האָבן אָנגע־הויבן אַרײַנקומען זײַנע חברים מיט זייערע טאַטעס און מאַמעס...

אַלע זײַנען געקומען זיך באַהאַלטן בײַ זײַן טאַטן אין גרויסן טיפֿן ווײַנקעלער.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און איצי איז אויך אַרונ־טערגעגאַנגען זיך באַהאַלטן אין טיפֿן קעלער מיט זײַן טאַטן, מיט זײַן מאַמען און מיט זײַנע שוועסטער און ברידער.

די טאַטעס האָבן גערעדט וועגן די קאָזאַקן: „זיי קאָ־נען נישט אויסמײַדן סאַראַטאָווקע, זיי מוזן פֿאַרבײַגיין אונ־דזער שטעטעלע!" — האָבן זיי געזיפֿצט.

— מיר האָבן וויכטיקערס צו טאָן ווי צו ריידן וועגן די קאָזאַקן! האָט זיך אָנגערופֿן איציס טאַטע — לאָמיר זאָגן תהילים, ייִדן! גאָט וועט העלפֿן!

ווי נאָר איצי האָט דערהערט דעם ניגון פֿון זײַן טאַטנס תהילים זאָגן, האָט ער דערפֿילט די נון פֿון זײַן דריידל אין זײַן קעשענע און ער האָט נאָכאַמאָל אַ קלער געטאָן: „נס... נס... נס... עס איז דאָך חנוכה! עס קאָן דאָך געשען אַ נס!... עס וועט געשען אַ נס! עס מוז געשען אַ נס!...

ער האָט אַרויסגעשלעפּט זײַן דריידל פֿון זײַן קעשענע און עס אַ דריי געטאָן אויפֿן ערדענעם דיל פֿון קעלער.

מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ האָט ער נאָכגעקוקט דעם בויכיקן דריידל.

— נון! — האָט ער אויסגעשריען צו זײַנע חברים — עס מוז געשען אַ נס!

— איצט דריי דו! — האָט ער אויסגערופֿן צו איינעם פֿון די ייִנגלעך. אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט אַ דריי טאָן זײַן דריידל...

— דריי דו, איצי, דײַן דריידל! — האָבן זיי אויסגעשריגן — דו ביסט אַ מזלדיקער... און דײַן דריידל איז מזלדיק, עס פֿאַלט נאָר אויף דער נון...

האָט איצי־דריידל געדרייט זײַן דריידל און די ייִנגלעך האָבן אים נאָכגעפֿאָלגט מיט זייערע אויגן, און יעדער מאָל, וואָס דאָס דריידל איז געפֿאַלן, האָבן זיי אויסגערופֿן — נון!...

און איצי האָט געקלערט: עס מוז געשען אַ נס...

ווי לאַנג ער האָט אַזוי געקלערט? ביז וואַנען אַלע ייִנגלעך זײַנען אײַנגעשלאָפֿן טוליענדיק זיך איינער צום צווייטן...

די מאַמעס זײַנען אויך אײַנגעשלאָפֿן אָנבויגנדיק זייערע קעפּ איבער די קליינע קינדער, וואָס זיינען געלעגן ביי זיי אויף די קני...

עס האָבן אויך אײַנגעדרעמלט טייל ייִדן איבער זייערע תהילימלעך... אויך איצי־דריידל האָט, ענדלעך, אײַנגעדרעמלט... אָבער ער האָט נישט אויפֿגעהערט צו האַלטן זײַן האַנט אויף דער נון פֿון זײַן דריידל אין זײַן קעשענע... און האַלטנדיק די נון האָט ער נישט אויפֿגעהערט צו קלערן אין שלאָף... און געקלערט האָט איצי־דריידל בלויז וועגן איין זאַך — וועגן נס... ווער דער נס געשען? ווען ער? ווען ער?...

אַזוי קלערנדיק האָט ער דערהערט אַ גרויס, פֿריידיק אויסגעשריי...

איצי האָט געעפֿנט זײַנע אויגן.

אַלע חברים זײַנען זײַנען געלאָפֿן צו דער טיר, וואו עס

האָבן זיך געשטופּט אַלע טאַטעס. יעדער איינער האָט צוגע־לייגט אַ האַנט. אַלע צוזאַמען האָבן די ייִדן געוואָלט עפֿענען די טיר, וואָס איז בײַנאַכט פֿאַרשאָטן געוואָרן ביז האַלב מיט שניי...

אַזאַ טיפֿער, שווערער שניי איז נאָך קיינמאָל נישט אויסגעפֿאַלן אין סאַראַטאָווקע אין איין נאַכט.

ענדלעך האָט זיך די ייִדן אײַנגעגעבן אויפֿצופּראַלן די טיר פֿון קעלער... אַלע הײַזער זײַנען געווען אַזוי פֿאַר־שאָטן מיט שניי, אַז מען האָט קוים אַרויסגעזען האַלבע פֿענצטער... אַלע טירן זײַנען געווען פֿאַרשפּאַרט פּונקט ווי מען האָט זיי איבערגעלאָזט איידער מען איז אַרונטער אין קעלער זיך אויסבאַהאַלטן פֿון די קאָזאַקן, פֿון די סאָל־דאַטן, וואָס האָבן געזאָלט דורכגיין סאַראַטאָווקע אויף זייער וועג אין שטאָט אַרײַן...

— ייִדן! אַ נס איז געשען! — האָט אויסגערופֿן דער ערשטער איצי־דריידלס טאַטע — דער אייבערשטער האָט אומישנע אַרונטערגעשיקט דעם טיפֿן שניי כדי צו פֿאַר־ווישן פֿאַר זיי דעם וועג קײַן סאַראַטאָווקע... אַ נס, ייִדן!

— אַ נס! — האָט געזאָגט איצי־דריידל צו זײַנע חברים, און דערבײַ געהאַלטן זײַן האַנט אין קעשענע אויף דער נון פֿון זײַן דריידל, — האָב איך אײַך נישט געזאָגט אַז מײַן דריידל פֿאַלט נאָר אויף דער נון — מיינט עס נס?

— גערעכט, איצי־דריידל! — נס!

און פֿון דעמאָלט־אָן האָט מען אים גערופֿן מיטן נייעם צונאָמען — איצי־דריידל־נס.

ט"ו בשבט

דער בוים האָט אויך אַ נשמה

אינט הערי איז געקומען פֿון אַמעריקע קײַן ארץ-ישראל, האָלט ער זיך אין איין קריגן מיט זײַן קוזין, מיט נתנען. וועגן וואָס קריגן זיי זיך? וועגן יעדער קלייניקייט! נתן זאָגט, אַז אין ארץ-ישראל, אין זײַן לאַנד, וואו ער איז געבוירן, איז אַלצדינג שענער, און הערי זאָגט, אַז ס'איז נישט אַזוי: ארץ-ישראל איז אַ לאַנד ווי אַלע לענדער!

אָט, למשל, קוקן זיי אויפֿן הימל. זאָגט נתן: „וואו אין דער וועלט זײַנען נאָך פֿאַראַן אַזעלכע בלויע הימלען ווי דאָ?" מאַכט הערי: „הימלען — ווי אַלע הימלען!" גייען זיי צום ים שפּאַצירן, רופֿט זיך אָפּ נתן מיט זײַן זמרל: „וואו איז נאָך פֿאַראַן אַזאַ שיינער בלויער ים?" ענטפֿערט הערי:

„נאַרעלע! ווען דו זאָלסט זען דעם אַטלאַנטיק, צי דעם פּאַסיפיק!״...

עסן זיי מאַראַנצן — הייבט נתן אָן צו באַקוקן און גלעטן זײַן גרויסן מאַראַנץ און זאָגט: „די שענסטע און גרעסטע מאַראַנצן פֿון דער וועלט!״ מאַכט הערי: „און וואָס איז וועגן קאַליפאָרניער מאַראַנצן?״

איז נאָר מ׳האַלט זיך אין איין קריגן! אָבער דער גרעסטער קריג איז אויסגעבראָכן צווישן זיי חמישה עשר בשבט, אין דעם טאָג, ווען עס הייבט זיך אָן דער פֿרילינג אין ארץ־ישראל און ווען אַלע קינדער גייען מיט גרויס פּאַראַד, מיט מוזיק און געזאַנג אין פעלד אַריין פלאַנצן נייע ביימלעך.

איז דער פּאַראַד גראָד געפֿעלן הערין. ס׳איז אים אויך געפֿעלן, וואָס יעדער איינער האָט געקאָנט אויסגראָבן מיט זײַנע הענט אַ גריבעלע און אַרײַנזעצן אין דעם גריבעלע אַ נײַ ביימעלע. ער האָט אַפֿילו צוגעגעבן, אַז דער טאָג איז אַ גרויסער יום־טוב בײַ די ביימער, אָבער גלויבן נתנס מעשות, אַז חמישה עשר בשבט איז בײַ די ביימער אַ מין ראש־השנה, אַז זיי דאַווענען, ווי עס דאַווענען יידן, ווען זיי גייען ראש־השנה אין שול אַרײַן בעטן גאָט — דאָס נישט! וואָס איז ער? אַ נאַר — ער זאָל גלייבן, אַז די ביימער דאַרפֿן זיך אויך אויס־בעטן אַ גוט יאָר? אַ בוים איז אַ בוים!

הערי ווערט אין כעס און הייבט אָן אָפּצולאַכן פון נתנען.

— אפשר ווילסטו מיר זאָגן, אַז די ביימער וויקלען זיך אײַן אין טליתים, ווי די אַלטע יידן אין שול? צי ווילסטו מיר אײַנרעדן, אַז בײַ זיי איז אויך פֿאַראַן אַ חזן? נישט מיר!

אָבער נתן פֿאַרלירט זיך נישט פֿון העריס אײַנגעשפּאַרט־

קײַט. ער רעדט ווײַטער, ווי צו זיך אַליין: „יעדער זאַך, וואָס לײַדט און פֿרייט זיך, האָט אַ נשמה! דער בוים איז גליקלעך, ווען די זון וואַרעמט אים אויס נאָך די רעגנס; דאָס ביימעלע לײַדט פֿון קעלט און דערפֿאַר וויקלט מען דאָס אײַן אויף ווינטער אין שטרוי; צפֿון-ביימער לײַדן דאָ, בײַ אונדז, פֿון שטאַרקער זומער־זון, מאַכט מען פֿאַר זיי שירעמלעך בײַ אונדז אין באָטאַנישן גאָרטן, און דאָס ווײַזט, אַז זיי האָבן אויך אַ נשמה".

— דו פלאַפלסט! ביסט אַ בהמה! — רופט זיך אָפּ הערי.

— און דו ביסט אַן אייזל!

— אין אַמעריקע זײַנען נישטאָ קײַן אייזלען...

— אָבער פֿערד? ביסטו אַ פֿערד!

אָט אַזוי קריגן זיך נתן און הערי איבער יעדער קלייניקײַט.

און ווען הערן זיי אויף? ווען זיי קומען צו צו נתנס מאַנדלבוים, וואָס וואַקסט בײַ אים אין גאָרטן אונטער זײַן פֿענצטער. ביידע ווערן מיטאַמאָל שטיל. ס'ווײַזט אויס, אַז הערי האָט אויך ליב דאָס מאַנדלביימעלע, און נתנען דאַכט זיך שטענדיק אויס, אַז ווען הערי איז נישט אַזאַ געבראָטענער עקשן, וואָלט ער געזאָגט פשוט און פּראָסט: „אַזאַ מאַנדלבוים! — נישטאָ נאָך אַזאַ!"

אָבער נישט בײַ הערין פועלט מען אַזאַ זאַך, כאָטש זײַן האַרץ ציט אים שטענדיק צום מאַנדלבוים, און ווען ער קומט צו נתנען, שלעפּט ער אים אין גאָרטן אַרײַן מיט אַלערליי תירוצים און טאַקע צום מאַנדלבוים.

אָבער נתן איז אויך קײַן נאַר נישט, פֿאַרשטייט ער, אַז

הערי האָט ליב זײַן בוים, און דערפֿאַר איז ער, נתן, אים מוחל זײַן אײַנגעשפּאַרטקײַט. ער לאָזט הערין רײַסן די מאַנדלען אַפֿילו, ווען זיי זײַנען נאָך גרין אַ ביסעלע, און ווינ־טערצײַט, ווען דער בוים טוט זיך אָן אין ווײַסע קליידער ווי אַ כלה, אײַנגאַנצן פֿון ווײַסע מאַנדל־בלומען, לאָזט ער הערין גלעטן די בלומען און די צווײַגן. נתן קוקט אין העריס אויגן, וואָס זײַנען פֿול מיט ליבע צום בוים, און ער פּרובירט נאָכ־אַמאָל זײַן זמרל:

— מ׳זאָגט אַז דיביימער פֿון ארץ־ישׂראל האָבן נאָך גרעסערע נשמות ווי אַנדערע ביימער.

— וואָס, נאָך גרעסערע? — גיט הערי אַ זאָג מיט כעס.

— ווײַל ארץ־ישׂראל איז געווען הונדערטער יאָרן פֿאַר־לאָזט און פֿאַרגעסן, אַן אמתער מידבר, האָבן דאָ געשוועבט נשמות פֿון ביימער, וואָס האָבן געוואָלט געבוירן ווערן.

— בהמה!

— אייזל!

— כ׳האָב דיר געזאָגט, אַז בײַ אונדז זײַנען נישטאָ קײַן אייזלען!

— אָבער פֿערד? פֿערדאַטש!

ווײַטער אַ קריגערײַ.

איינמאָל האָט געטראָפֿן אַ זאַך, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו דעם אַלעמען. עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטורעם. אַ געפֿערלעכער ים־ווינט האָט געריסן דעכער פֿון הײַזער, אויסגעריסן ביימער מיט די וואָרצלען. שולן זײַנען געווען פֿאַרמאַכט דעם טאָג. מענטשן זײַנען געזעסן באַ־האַלטן אין די הײַזער.

אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט האָט געשטורעמט דער ווינט און אָנגעטאָן שאָדן וואו נאָר ער האָט געקאָנט. הערי איז געווען פאַרזאָרגט די גאַנצע צײַט, וואָס ער איז געזעסן פאַרשפּאַרט אין הויז. אויף מאָרגן, ווען ס'איז געוואָרן שטיל אין דרויסן, איז ער אויפֿן וועג אין שול אַרײַן אַרײַנגעפֿאַלן צו נתנען אין גאָרטן כאַפּן אַ קוק אויף דעם מאַנדלבוים. מיט שרעק אין האַרצן איז ער אַרײַן אין גאָרטן און געוואָלט האָט ער, אַז קיינער זאָל אים נישט זען. אָבער דאָרט איז געשטאַנען נתן און האָט שטיל געוויינט. הערי איז אַ פאַרצי־טערטער געוואָרן. די ביכער זײַנען אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון זײַנע הענט: וואו זײַנען אַהינגעקומען די ווײַסע בלומען פֿון דעם ווײַסן קלייד, אין וועלכן דער בוים איז געווען אויסגע־פוצט ערשט אייערנעכטן? נאַקעט, מיאוס נאַקעט! דער גאַנ־צער קערפּער פֿון בוים איז געלעגן אַן איבערגעבראָכענער אויף צווייען. הערין האָט זיך געדוכט, אַז ער הערט, ווי דער בוים רעדט צו אים: „פֿאַרוואָס ביסטו נישט געקומען מיר העלפֿן? איר האָט זיך אַלע באַהאַלטן אין די הײַזער. מיך האָט איר איבערגעלאָזט איינעם אַליין. ווי קאָן איך זיך פאַר־מעסטן מיט אַזאַ גרויסן שונא? נו, בין איך געפֿאַלן. און דאָס איז מײַן סוף... דער טויט... איך שטאַרב... איך גיי אויס..."

אַ לאַנגע צײַט איז הערי געשטאַנען לעבן נתנען, און טרערן האָבן זיך געקײַקלט פֿון זײַנע אויגן.

— אמת, נתן, דער בוים האָט אַ נשמה... האָט ער שטיל געזאָגט און איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון גאָרטן...

חננס באַנאַנע־גאָרטן

א

שוין עטלעכע חדשים ווי חנן קוקט נישט אָן די שײַן פֿון דער זון.

שוין לאַנגע וואָכן זינט ער האָט געזען די דיקע שטערן וואָס הענגען אַרונטער פֿון די סאַמעטענע הימלען פֿון עמק הירדן ווי גרויסע זילבערנע ליכט.

שוין זייער, זייער לאַנג ווי ער קאָן נישט זען די גרינגאָלדענע קאָלירן פֿון די באַנאַנע־בײמער אויף דער באַנאַנע־פּלאַנטאַציע.

שוין לאַנג ווי ער האָט אויפֿגעהערט צו טאָן די אַרבעט, וואָס ער האָט אַזוי ליב געהאַט, — די אַרבעט פֿון אויסהאָדעווען באַנאַנעס, זיי אָפּשנײַדן ווען זיי זײַנען נאָך גרין און זיי אַרויסשיקן אין די קראָמען אײַנגעוויקלטע אין די וויקעלעך ווי עופּעלעך, מען זאָל זיי דאָרט פֿאַרקויפֿן.

שוין לאַנג ווי ער האָט אויפֿגעהערט צו געבן דעם קיבוץ די רעכענונגען, וואָס פֿלעגן באַווײַזן שוואַרץ אויף ווײַס, אַז זײַן אַרבעט אין דער באַנאַנע־פּלאַנטאַציע ברענגט אַרײַן אַזוי פֿיל און אַזוי פֿיל.

שוין לאַנג, זייער לאַנג! ווי לאַנג? נישט איינמאָל דוכט זיך חננען, אַז ס'איז שוין אין דעם אַ הונדערט, און אפֿשר גאָר אַ טויזנט יאָר.

ווען האָט ער אויפֿגעהערט צו אַרבעטן אויף דער באַ־

נאַנע־פּלאַנטאַציע ? ווער קאָן עס געדענקען ? דאָס איז גע־
שען אַזוי פּלוצעם, אַזוי אומגעריכטערהייט...

ס'איז געווען אַ שטילער, הייסער, רואיקער פרילינג־
טאָג. חנן איז געשטאַנען אין מיטן דער באַנאַנע־פּלאַנטאַציע
און באַטראַכט ווי אָנצוהייבן די אַרבעט. מיטאַמאָל איז פון
עבר־הירדן, פון יענער זייט וואַסער־טורעם, געקומען אַ קנאַל
פון אַ קאַנאָן. דער קנאַל האָט אויפגעטרייסלט די גאַנצע
באַנאַנע־פּלאַנטאַציע, אַרויסגעביסן אַ שטיק ערד און חנן
איז אַריינגעפאַלן אין גרוב. ווען ס'איז געוואָרן צוריק שטיל
און רואיק און ער האָט געוואָלט אַרויסקריכן פון גרוב,
האָט ער דערפילט, אַז אָנשטאָט דעם ליכטיקן טאָג, איז גאָר
אַ פינצטערע נאַכט. פינצטער ! פינצטער ! נאַכט ! טיפע
נאַכט... חנן איז בלינד געוואָרן.

מ'איז אַרומגעפאָרן מיט חננען צו די גרעסטע דאָקטוי־
רים איבער גאַנץ ישראל — אויסצוגעפינען פאַרוואָס ער האָט
אויפגעהערט צו זען דאָס ליכט פון טאָג. די נערוועץ און די
אויגן זיינען געווען ביי אים אין דער בעסטער אָרדענונג...
אָבער דער דאָקטער האָט געזאָגט אַזוי :

— דער שאָק איז געווען צו גרויס. ווען ער לעבט אי־
בער אַ צווייטן שאָק, וואָלט עס אים אפשר צוריק געמאַכט
זעעוודיק...

ב

אין קיבוץ מוז יעדער איינער אַרבעטן לויט זיי־
נע כוחות און זיינע מעגלעכקייטן. האָט חנן באַשלאָסן אַז
ער וועט זיך נעמען לערנען פלעכטן קוישן, — אַן אַרבעט,

ביי וועלכער ער וועט קאָנען זיצן און נישט דאַרפֿן זוכן, טאַפּנדיק מיט די הענט און מיט די פֿיס, דעם וועג איבערן הויף פֿון קיבוץ. חנן האָט פֿלײַסיק געלערנט די נײַע מלאכה, כאָטש זײַן האַרץ איז געווען פֿול מיט בענקשאַפֿט נאָך די שיינע אויסגעשטרעקטע באַנאַנע־צווײַגן, וואָס זאָגן צו יעדן איינעם אָן ווערטער: „וואַרט, ברודערקע, וואַרט־צו אַ בי־סעלע, באַלד וועלן רײַף ווערן מײַנע פּירות, וועסטו געניסן פֿון זיי".

חנן האָט נישט שלום געמאַכט מיט זײַן לאַגע. דאָס זיצן איבער די שטרויענע שנירלעך, פֿון וועלכע ער פֿלעגט דאַרפֿן אויספֿלעכטן צעפּעלעך און זיי צוזאַמענבינדן — האָט אים נישט באַפֿרידיקט. ער האָט געטרוימט און געהאָפֿט, אַז ווען עס וועלן קומען רואיקע צײַטן, וועלן אים די חברים פֿון קיבוץ שיקן קײַן אויסלאַנד, צו דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן. אפֿשר וועט מען אים דאָרט עפֿענען זײַנע אויגן. אָבער די צײַט איז נישט געשטאַנען. אין קיבוץ איז פֿאַראַן גענוג אַרבעט און די באַנאַנע־פּלאַנטאַציע, וואָס ברענגט אַרײַן היפּש געלט, האָט מען איבערגעגעבן צו אַן אַנדער חבר, וואָס איז צוליב דעם טאַקע געפֿאָרן אין אַ צווייטן קיבוץ זיך אויסלערנען די אַרבעט. דער נײַער באַנאַנע־ספּעציאַליסט האָט באַדאַרפֿט אויפֿסנײַ אָנהייבן די אַרבעט אויף דער פּלאַנ־טאַציע. מען האָט געוואָלט ווײַזן די שונאים, וואָס האָבן געלויערט פֿון יענער זײַט ירדן, אַז מען שרעקט זיך נישט פֿאַר זיי, אַז מען אַרבעט...

דערווײַל האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פֿון חמישה עשר בשבט, ווען אין ישראל הייבט זיך אָן דער פֿרילינג, דער

ראש־השנה בײַ דיביימער. אַט דער טאָג ווערט אין ישראל געפּײַערט מיט גרויסע פּאַראַדן. קינד און קייט פּאָרט אַרויס אין די פּעלדער און מען פּאַרפּלאַנצט ביימער.

דער קיבוץ האָט באַשלאָסן אָפּצולייגן די באַנײַאונג פּון דער אַרבעט אין דעם באַנאַנע־גאָרטן אויף דעם פּופּצנטן שבט; ט״ו בשבט זאָל ווערן אַ צווייענדיקער יום־טוב — אי פּאַרן קיבוץ, אי פּאַר די קינדער. אַלע וועלן זיך פּרייען נישט נאָר מיט דעם יום־טוב פּון די ביימער, נאָר אויך מיט דעם, וואָס די פּאַרלאָזענע באַנאַנע־פּלאַנטאַציע ווערט צוריק אויפּגעלעבט.

אָבער וואָס טוט מען מיט חננען?

ווער וועט פּירן דעם בלינד־געוואָרענעם חנן צו דער פּלאַנטאַציע? ווי וועט חנן אויסהאַלטן, ווען מ׳וועט פּאַר־שטעלן דעם נײַעם פּלאַנטאַציע־דירעקטאָר? זאָל מען אפּשר אָנהייבן צוגרייטן חננען צו דעם? צי זאָל מען אפּשר אים גאָר אַוועקשיקן אין שטאָט אַרײַן אויף דעם טאָג פּון ט״ו בשבט, זײַן האַרץ זאָל נישט ווייטיקן צו פּיל בשעת אַלע וועלן זיך פּרייען?...

ג

חנן האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז זײַן באַנאַנע־גאָרטן וועט איבערגעגעבן ווערן אַן אַנדערן נאָך איידער דער קיבוץ האָט געקאָנט געפּינען אַ וועג ווי אַזוי אים נישט ווײי צו טאָן אין דעם טאָג פּון ט״ו בשבט, ווען אַלע וועלן זיך פּרייען מיט אַ צווייענדיקער פרייד און עס איז אים אומעטיק

געוואָרן, ווײַל ער האָט מיטאַמאָל פֿאַרשטאַנען, אַז ס'איז שוין מער קײַן האָפֿענונג פֿאַר אים נישטאָ, אַז אַלע זײַנען זיכער אַז ער וועט שוין קיינמאָל, קיינמאָל מער זיך נישט אומקערן צו זײַן אַרבעט אויף דער באַנאַנע־פּלאַנטאַציע, אַז ער וועט שוין פֿאַרבלײַבן אַ קרישן־פּלעכטער ביזן סוף פֿון זײַנע טעג, ביזן טויט... אין דעם טאָג פֿון חמישה עשר בשבט, אין דעם טאָג פֿון דעם יום־טוב און פּאַראַד, וועט ער דאָס אַליין דאַרפֿן פֿאָרשטעלן דעם נײַעם פּלאַנטאַציע־דירעקטאָר...

הייסט עס, אַז ער אַליין וועט אַלעמען לאָזן וויסן אַז ער, חנן, וועט זיך שוין מער נישט אומקערן צו זײַן אַר־בעט?...

הייסט עס, אַז ער וועט מודה זײַן, אַז ער האָט שוין מער קײַן האָפֿענונג נישט צו זען אַמאָל דאָס ליכט פֿון טאָג!...

„אָבער — איך וויל דאָס נישט צוגעבן"! — האָט חנן אויסגעשריגן צו זיך אַליין אין דער נאַכט אַריין. „איך האָב נאָך נישט שלום געמאַכט מיט דער פֿינצטערניש, מיט דער נאַכט אין מײַנע אויגן! איך וויל נאָך זען! איך וויל! איך מוז! איך וועל!..."

ד

שלאָפֿלאָז איז געווען חננס נאַכט ערב דעם גרויסן יום־טוב. ער אַליין, מיט זײַן אייגן מויל, מיט זײַנע אייגענע ליפּן, וועט דאַרפֿן פֿאָרשטעלן דעם חבר, וואָס וועט פֿון איצט אָן זײַן דער אויפֿפּאַסער אויף דער באַנאַנע־פּלאַנ־טאַציע!...

„איך וועל עס נישט אויסהאַלטן! איך וועל עס נישט אויסהאַלטן!" — האָט ער געוויינט אין קישן אַרײַן. „לאָמיך כאָטש נאָך איין מאָל פּילן מיט מײַנע אייגענע הענט די באַנאַנע־ביימער! כאָטש נאָך איין מאָל פּילן די פּלאַנטאַציע, איידער זי גייט אַריבער אין אַנדערע הענט!"

„אויב נישט זען מיט די אייגענע אויגן, איז כאָטש אָנטאַפּן זי מיט די אייגענע הענט! איצט איז די צײַט!"

„איצט, גראָד איצט, ווען דער גאַנצער קיבוץ שלאָפֿט! זאָל קיינער נישט זען ווי איך טאַפּ דעם וועג, וואָס איך פֿלעג אים שטענדיק דורכלויפֿן מיט פֿרייד און געזאַנג!"

ה

חנן איז אַרויס פֿון בעט, ער האָט געוואוסט אַז קיינער וועט איצט נישט זען זײַן קאָמישן, אומגעלומפּערטן זוכן מיט די הענט, מיט די פֿיס און מיט זײַן שטעקן, דעם וועג צו זײַנע באַליבטע באַנאַנע־ביימער.

שווער איז אים געווען צו געפֿינען דעם וועג. ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט אַז מײַלן און מײַלן ווײַט איז די פּלאַנטאַציע. אָבער ער מוז צו איר דערגיין! איצט, באַלד, ווען אַלע שלאָפֿן!

ער איז געגאַנגען פּאַמעלעך פֿון איין געבײַדע צו דער צווייטער און האָט געטאַפּט זײַן וועג. אָט איז שוין באַלד די פֿינפֿטע געבײַדע! דערנאָך — די ביבליאָטעק... פֿון דאָרטן דאַרף ער זיך האַלטן אין אַ גראָדער, גלײַכער ליניע, וועט ער קומען צום טאָמאַטן־גאָרטן, און פֿון דאָרטן — לינקס

איז אַ שטיקל ליידיק פֿעלד. אויב ער וועט זיך דאָ נעמען רעכטס, וועט ער זיך אָנשטויסן אין דעם שטעכיקן דראָט פֿון דער באַנאַנע־פּלאַנטאַציע, וואָס ליגט שוין בײַם סאַמע ירדן־ברעג.

דאָס טירל וועט ער דאָרט לײַכט געפֿינען, ער האָט עס דאָך אַליין אַרײַנגעשטעלט!

אָבער נישט אַזוי טוט זיך דאָס, ווי ס׳טראַכט זיך, ווען אין די אויגן איז אַזאַ טיפֿע פֿינצטערניש. חנן איז געגאַנגען און געגאַנגען, געטאַפּט און געפּילט. אַ הייסער שוויס האָט אים באַגאָסן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס.

ווי לאַנג ס׳ציט זיך דער וועג! זאָל דאָס זײַן, אַז זײַנע אויסרעכענונגען זײַנען באַלד נישט געווען קיין ריכטיקע? אַז אָנגעהויבן האָט ער גאָר פֿון אַן אַנדער זײַט, פֿון דער לינקער און נישט פֿון דער רעכטער, ווי ער האָט גע־טראַכט?...

מיטאַמאָל האָט אַ גרויסער שאָס צעריסן די שטילקייט פֿון דער נאַכט. חנן איז געפֿאַלן צו דער ערד... זײַן פֿוס איז געבליבן הענגען אויף דעם שטעכיקן דראָט...

ו

— „אין דעם שונאס טעריטאָריע פֿאַרקראָכן!" — האָט עפּעס אַ טרייסל געטאָן בײַ חננען אין קאָפּ, — „דאָס איז שוין דעם שונאס שטעכיק דראָט! פֿאַרקראָכן אַהין, ווײַל כ׳האָב אָנגעהויבן מײַן וועג פֿון דער פֿאַרקערטער זײַט!"

חנן איז געלעגן מיטן קאָפּ צו דער ערד און האָט גע־

וואָרט אויף דעם שונא. דער שונא האָט אים באַמערקט און אויסגעשאָסן אויף אים, — האָט ער געקלערט.

„אָט קומט ער נאָך מיר! באַלד וועט ער מיך אָפּטשע־פּען פֿון דעם שטעכיקן דראָט און מיך פֿאַרשלעפּן צו זיך אין עבר־הירדן! און דאָרט וועט ער טאָן מיט מיר דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט געטאָן מיט אַנדערע ווי איך, וואָס זײַנען אַרײַנגעפֿאַלן אין זײַנע הענט! זאָל איך שרײַען? מאַכן אַ גערוואַלד? וועלן נאָך אונדזערע חברים באַוויזן אָנצוקומען אין צײַט און מיך אַרויסרײַסן פֿון שונאס הענט?...

„איך קאָן שוין גאָרנישט דערלייגן! לאָמיך כאָטש שרײַען, וועלן זיי וויסן וואוהין איך בין אַהינגעקומען, ווען זיי וועלן מיך אינדערפֿרי נישט געפֿינען!”

חנן וויל שרײַען...

אָבער די צונג רירט זיך נישט פֿון אָרט, גלײַך ווי צו־געקלעפּט געוואָרן צום גומען...

נאָך אַ שאָס!

דער שאָס האָט אים אַזוי אויפֿגעטרייסלט, אַז די צונג איז אינגאַנצן פֿאַרגליווערט געוואָרן.

— חנן! — שרײַט אויס דער נאַכט שומר לעבן אים — דאָס ביסטו, ברודערקע? איך האָב דיך שיר נישט דער־שאָסן!...

חנן קאָן שוין אויסשרײַען. גרויס איז זײַן פֿרייד! ער האָט אויפֿגעריסן די אויגן וואָס ער האָט ביז איצט געהאַלטן צוגעמאַכט פֿון שרעק פֿאַרן שונא. אָבער — אָנשטאָט די גרויסע פֿינצטערניש, האָט ער, עפֿענענדיק די אויגן, דערזען די

גרויסע שטערן, וואָס הענגען אַרונטער פֿון די הימלען ווי גרויסע פּעטע זילבערנע ליכט...

— איך זע, איך זע! — האָט ער אויסגעשריען — איך זע...

קאָנען ווערטער באַשרײַבן חננס פֿרייד? און די פֿרייד פֿון זײַן חבר, דעם נאַכט־שומר? ער האָט אַלעמען אויפֿגע־וועקט פֿון שלאָף, אַלעמען געלאָזט וויסן וועגן דעם נס וואָס האָט געטראָפֿן.

קיין איין חבר איז נישט געבליבן אין בעט אין יענער נאַכט, ערב ט״ו בשבט. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און אַלע חברים האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען אין אַ פֿריילעכער „האָרע״ אַרום חננען. מען האָט געטאַנצט און געזונגען ביז אין דער פֿרי.

אין דער פֿרי האָט מען ערשט אָנגעהויבן פּראַווען דעם ט״ו בשבט־יום־טוב מיט מוזיק און מיט אַ פּאַראַד צו דער באַנאַנע־פּלאַנטאַציע. נאָכן פּאַראַד, נאָך דער „באַנײַאונג״ פֿון באַנאַנע־גאָרטן, האָט מען ערשט גענומען טאַנצן און זינגען, און אין צווישן האָט מען גערעדט וועגן גרויסן נס. טייל האָט געזאָגט, אַז דער נס האָט געטראָפֿן לכבוד ט״ו בשבט, עס זאָל זײַן אַ דרייפֿאַכער יום־טוב. טייל האָט געזאָגט, אַז דער נס האָט געטראָפֿן צוליב דער באַנאַנע־פּלאַנטאַציע, וואָס האָט געוואָלט אַז נאָר חנן זאָל זיך באַשעפֿטיקן מיט איר און מיט אירע פּירות...

פורים

חנהלעס ערשטער פורים

חנהלע און אַניטאַ זײַנען צוויי חברטעס; זיי לערנען אין איין קלאַס, זיי זיצן אויף איין באַנק און שטענדיק רעדן זיי צווישן זיך, אַפֿילו אין צײַט פֿון לערנען.

נאָכן לערנען גייען ביידע חברטעס שטענדיק צוזאַמען אַהיים. זיי האָבן זיך ליב ווי צוויי שוועס־טער. אַז חנהלען טוט אַמאָל וויי דער קאָפּ און זי בלײַבט אין דער היים, באַקלאָגט זיך אַניטאַ פֿאַר איר מאַמען, אַז עפּעס טוט איר וויי... און ווען זיי בלײַבן אין דער היים, פֿאַרברענגען זיי נאָך בעסער ווי אין דער שול. אָפּטמאָל ווילט זיך חנהלען, אַז איבער נאַכט זאָל געשען אַ נס און זי זאָל אויפשטיין אין דער פרי און אויסזען ווי איר חברטע

אַניטאַ; און אויב זי קאָן נישט אויסזען ווי איר חברטע, וואָלט זי כאָטש וועלן, אַז אַלע זאָלן זי רופן אַניטאַ, ווי מען רופט איר חברטע.

אָבער דער זיידע לאָזט נישט. ער זאָגט:

„כל־זמן איך לעב וועט מען דיך רופן חנהלע; דו הייסט דאָך נאָך דער באָבע חנה!"

חנהלע האָט ליב דעם זיידן. ער דערציילט איר שטענדיק שיינע מעשות פון יידישע העלדן. ווען דער זיידע דערציילט עפּעס איז אַלע מאָל אינטערעסאַנט צו הערן. שעהען לאַנג דערציילט ער איר מעשות. אַז ער ווערט מיד צו דערציילן, לויפט באַלד חנהלע צו איר חברטע אַניטאַ.

איין מאָל, ווען חנהלע איז געקומען צוריק פון אַניטאַן האָט זי זיך גענומען אַמפּערן מיטן זיידן.

— איך בין נישט מקנא אַניטאַן מיט איר קריסטמעס־בוים, זיידע. ביי אַניטאַן לייכט אין פענצטער דער קריסט־מעס־בוים, ביי אונדז לייכט אין פענצטער די חנוכה־מנורה. איך בין זיי נישט מקנא מיט די שיינע קריסטמעס־ און ניי־יאָר־קאַרטן, — מיר האָבן אונדזערע לשנה־טובהס.

— טאָ וואָס־זשע דען? — איז דער זיידע נישט צו־פרידן, — זיינען אונדזערע חנוכה־לאַטקעס נישט געווען טעם גן־עדן? האָסטו נישט אָנגעזאַמלט אַ פולע קאַסע מיט חנוכה־געלט? האָסטו נישט געקויפט פאַרן חנוכה־געלט שיינע זאַכן?

דער זיידע האָט באַשלאָסן צו ווײַזן חנהלען אַז זי דאַרף נישט אַזוי אָפּט לויפן צו איר חברטע.

עס איז אָבער נישט געווען אַזוי גרינג דאָס צו טאָן, ווײַל עס איז שוין אַ לאַנגע צײַט, זינט מען האָט אויפגעהערט צו פּײַערן פּורים אין חנהלעס הויז.

ווען חנהלעס באָבע האָט נאָך געלעבט, פּלעגן דער זיידע און די באָבע שטענדיק צוגרייטן בײַ זיך אין דער היים אַ פּורים־סעודה און פּאַרבעטן אַלע קינדער, אייניקלעך און קרובים. אַז די באָבע איז געשטאָרבן, איז דער זיידע אַריבערגעפֿאָרן צו חנהלעס עלטערן, צו וואוינען בײַ זיי, און דאָרט האָט מען קיינמאָל פּורים נישט געפּײַערט.

הײַנטיקן פּורים האָט זיך דער זיידע אײַנגעשפּאַרט מען זאָל מאַכן אַ פּורים־סעודה מיט אַלע פּיטשעווקעס.

חנהלעס מאַמע האָט געקויפּט אַ גרויסן אינדיק, האָט אים אָנגעפּילט מיט אַלערלײַ גוטע זאַכן און פּאַררוקט אין אויוון. מען האָט באַשטעלט בײַם בעקער אַ פּורים־קוילעטש מיט ראָזשינקעס און זאַפּרען; מען האָט אויסגעבאַקן המן־טאַשן מיט מאָן און מיט פּלוימען און דער זיידע האָט געבראַכט האָניק־טייגלעך און פּלאָדן אָנגעפּילט מיט ניס.

צו דער סעודה האָט מען פּאַרבעטן אַלע פּעטערס, מומעס, שוועסטער־קינדער און אַ סך קרובים, וואָס חנהלע האָט זיי שוין לאַנג נישט געזען. אין עס־צימער האָט מען צונויפגעשטעלט צוויי טישן און פּאַרשפּרייט מיט צוויי ווײַסע טישטעכער. מען האָט אַוועקגעשטעלט זילבערנע לײַכטער מיט לאַנגע, ראָזעווע ליכט און פּולע טעלער מיט אַלערליי פּורים־געבעקס.

איידער מען האָט זיך גענומען גרייטן די טישן, האָט מען חנהלען אַוועקגעשיקט צו איר חברטע אַניטאַ, כדי זי זאָל זיך נישט פּלאָנטערן אונטער די פיס. ווען חנהלע איז שפּעטער אַרײַנגעקומען צו זיך אין הויז עסן וועטשערע, איז זי געבליבן שטיין בײַ דער טיר און זיך געוואונדערט: אַזאַ יום־טובדיקייַט האָט זי נאָך קיינמאָל נישט געזען בײַ זיך אין שטוב.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דער פולער שטוב, דערזען אירע פּעטערס, מומעס און שוועסטער־קינדער. וועמענס געבוירנטאָג איז עס הײַנט? האָט זי אַ קלער געטאָן. וואָס מאַכט מען אַזאַ גרויסע פּאַרטי?

נאָך איידער זי האָט געוואָלט טרעפן צוליב וועמען אירע עלטערן האָבן פאַרבעטן אַזוי פיל געסט, האָבן אַלע אין איין קול אויסגעשריען:

— אַ גוט־פורים דיר, חנהלע! אַ גוט יום־טוב דיר!

זי איז אַ ווײַלע געשטאַנען אַ צעטומלטע. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף זיך, אויף די אויסגעפוצטע געסט און זיך פאַרשעמט. זי איז אַרײַנגעלאָפן צו זיך אין צימער און זיך איבערגעטאָן אין אַ יום־טובדיק קליידל.

חנהלע איז אַרײַנגעקומען צוריק אין עס־צימער. פּלוצעם האָט זיך אָן עפן געטאָן די טיר און עס האָבן זיך באַוויזן צוויי מענער אָנגעטאָן אין מאָדנע קליידער און מיצן, מיט מאַסקעס אויף די פּנימער און זיי האָבן גענומען זינגען:

„הײַנט איז פורים, מאָרגן איז אויס,
גיט אונדז אַ פּעני און וואַרפט אונדז אַרויס".

און אַלע געסט האָבן געענטפֿערט:

„היינט איז פורים, מאָרגן איז אויס,
נאַט אייך פּעניס און גייט אייך אַרויס".

די געסט האָבן געזונגען און געשטופּט די פּורים־שפּי־לערס אין די הענט אַריין פּעניס.

אָבער די פּורים־שפּילערס האָבן זיך נישט געאײַלט אַרויסצוגיין. די קינדער האָבן אַרומגערינגלט די פּורים־שפּילערס און אַרונטערגעשלעפּט פֿון זייערע פּנימער די מאַסעקס.

— זיידעשי! — האָט אויסגעשריען חנהלע, — דו, — אַ פּורים־שפּילער? און דו, אָנקל בען?

ערשט דעמאָלט איז געוואָרן אַ גרויס געלעכטער אי־בערן הויז.

— פּורים איז אַ מצווה זיך צו מאַכן פֿריילעך, — האָט דער זיידע געזאָגט —האָב איך גענומען אויף זיך צו זײַן איינער פון די פּורים־שפּילערס און אייך פריילעך מאַכן.

— און איצט — זאָגט ווײַטער דער זיידע — וויל איך, אַז עמעצער פֿון אײַך, קינדער, זאָל אונדז דערציילן די גע־שיכטע פֿון פורים. — וועגן אסתּר המלכּה און וועגן איר פֿעטער מרדכי, וועגן המן דעם רשע און טאַקע וועגן דעם נאַרישן קעניג אַחשורוש. ווער עס וועט דערציילן די גאַנצע מגילה וועט קריגן אַ שיינע פּורים־מתּנה.

חנהלע האָט זיך דערמאָנט ווי דער זיידע האָט איר אַ סך מאָל דערציילט פֿון דער שיינער ייִדישער מלכה אסתר. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן עס־צימער און דערציילט די גאַנצע מעשה פֿון פורים פֿון אָנהייב ביזן סוף.

זי האָט דערציילט אַזוי גוט, אַז דער זיידע האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַן אײַנגעוויקלט שאַכטל און האָט עס דערלאַנגט חנהלען.

אַלע האָבן שטאַרק אַפּלאָדירט. זי האָט גענומען דאָס שאַכטל מיט ציטערדיקע הענט. זי האָט קוים געקאָנט אָפּקניפּן דאָס סטענגעלע. אַזוי האָט זי געוואָלט וויסן וואָס ליגט דאָרט, אין קעסטעלע. אין דער מינוט האָט חנהלעס מאַמע אויסגערופֿן:

— נו, ליבע פֿרײַנד, צום טיש! צום טיש! דער אינדיק בעט זיך, אַז איר זאָלט אים פֿאַרזוכן.

אַלע האָבן זיך געזעצט אַרום דעם לאַנגן טיש. די געסט האָבן געגעסן, געטרונקען, געזונגען און פֿריילעך פֿאַרבראַכט ביז שפּעט אין אָוונט. בײַם געזעגענען זיך האָבן אַלע אינאיינעם געזונגען:

„הײַנט איז פורים, מאָרגן איז אויס,
לאָמיר זײַן פֿריילעך, דער יום־טוב איז גרויס!"

ווען חנהלע איז ענדלעך אַרײַן צו זיך אין צימער מיטן זיידנס שלח־מנות־פּעקל אין האַנט, איז זי געבליבן שטיין לעבן טיר זייער איבערראַשט. אויף איר בעט זײַנען געלעגן אָנגעוואָרפֿן אַן אַ שיעור פּעקלעך, גרויסע און קליי־

נע. איר פּנים האָט געפּלאַמט, די אויגן האָבן געבליצט. זי האָט נישט געוואוסט וואָסער פּעקל זי זאָל פריער עפּענען. יעדער איינער פון די געסט האָט איר געבראַכט שלח־מנות לכבוד פּורים.

זי איז געווען אַזוי איבעררעשט, אַז זי האָט נישט געקאָנט אײַנשלאָפן. זי האָט נאָר געוואָלט, אַז די נאַכט זאָל וואָס גיכער אַריבער, זי זאָל קאָנען ווייזן אַניטאַן אַלע מתנות וואָס זי האָט באַקומען לכבוד פּורים.

אַניטאַ האָט נישט געוואַרט ביז מען וועט זי אַרײַנרופן. זי האָט גאַנץ פרי אָנגעקלונגען אין טיר. זי האָט געוואָלט וויסן פאַרוואָס עס איז געווען אַזאַ טומל דעם גאַנצן אָוונט בײַ חנהלען אין הויז.

— נעכטן איז געווען דער ייִדישער יום־טוב, פּורים, קום אַרײַן, וועסטו זען ווי מען פּראַוועט פּורים! גיב נאָר אַ קוק אויפן פּורים־קוילעטש, וואָס איז נאָך איבערגעבליבן, אַזאַ גרויסער איז ער געווען! און פול מיט ראָזשינקעס! אָבער דאָס איז נישט אַלץ. קום נאָר אַריין אין מײַן צימער.

און חנהלע האָט געפירט אַניטאַן צו זיך אין צימער.

— דו זעסט די אַלע שאַכטלעך, אַניטאַ?

— אַזוי פיל מתנות האָסטו באַקומען? — האָט זיך אַניטאַ נישט געקאָנט געגנוג אָפּוואונדערן.

— פאַרוואָס־זשע האָסטו געזאָגט אַז בײַ אײַך איז נישטאָ אַזאַ יום־טוב ווען מען שיקט איינער דעם אַנדערען מתנות?

— איך האָב געשפּאַסט, — האָט חנהלע געשמייכלט — בײַ אונדז רופט מען די פּורים־מתנות שלח־מנות.

— אַזוי פֿיל שלח־מנות!

אַניטאַ האָט אַלץ באַקוקט און באַטראַכט יעדער פּע־קעלע שלח־מנות, דערבײַ האָט זי זיך באַלעקט מיט די פֿלאָדן. זי האָט אויך געשמאַק געביסן פֿון אַ המן־טאַש און געצופּט די ראָזשינקעס פֿון פּורים־קוילעטש...

— אַלץ געפֿעלט מיר אין דײַן יום־טוב פּורים, — מער פֿון אַלץ געפֿעלן מיר דײַנע שלח־מנותן...

— אָבער פֿאַרוואָס האָסטו באַהאַלטן פֿון מיר אַז דו האָסט אַזאַ שיינעם יום־טוב, חנהלע?...



אַ טאָפּלטער פּורים

איך וויל אײַך דאָ דערציילן וועגן אַ טאָפּלטן פּורים, וואָס האָט געטראָפֿן מיט יאָרן צוריק, איך אַליין בין דערבײַ געווען.

אין יענע צײַטן, אַז מען פֿלעגט פֿאָרן פֿון רוסלאַנד קײַן ארץ־ישראל, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט בײַם אינדזל רהאָדעס, וואָס ליגט אין סאַמע מיטן פֿון עגעאישן ים.

קײַן לוח האָב איך נישט געהאַט בײַ זיך, און עס איז מיר נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז דער וואַרעמער זומער־טאָג, ווען די שיף האָט געאַנקערט בײַ רהאָדעס, איז דער פֿערצנטער אָדר, דער טאָג פֿון פּורים.

ווען איך בין אַרונטער פֿון דער שיף און זיך געלאָזט גיין באַקוקן די שטאָט, האָב איך געזען, אַז די גאַנצע שטאָט גייט אויף רעדלעך. אַ גרויסער פּאַראַד האָט זיך געצויגן איבער אַלע גאַסן און מען האָט אים נישט געקאָנט דורכשנײַדן.

נישט האָבנדיק קײַן אויסוועג, האָב איך זיך אויך אָנגעשלאָסן אין גרויסן מאַרש און אָנגעהויבן מאַרשירן.

אָבער עס ווילט זיך דאָך וויסן פֿאַרוואָס שפּילן עפּעס אַזוי פֿיל קאַפּעליעס אין די גאַסן? און וואָס באַטײַט דאָס זינגען און דאָס פֿליעסקען מיט די הענט? וואָלט איך טאַקע וועלן אַ פֿרעג טאָן בײַ עמעצן, — אָבער גיי פֿרעג, ווען דאָס לשון איז אין גלות! די אײַנוואוינער פֿון אינדזל רעדן נאָר

גריכיש, טערקיש און אַ ביסל איטאַליעניש — אַלץ אַזעלכע שפּראַכן, וואָס איך פֿאַרשטיי קיין וואָרט נישט.

צי איך מיט די אַקסלען און פֿאַכע מיט די הענט און דריי מיט די אויגן ווי איינער זאָגט: „וואָס איז די שמחה? צוליב וועמעס כבוד פליעסקעט איר אַזוי שטאַרק, אַז עס רינט דער שווייס פֿון פּנים?"...

ענטפֿערט מיר אַ מיידל מיט אַ סך, אַ סך ווערטער, וואָס צווישן זיי הער איך אַ וואָרט, וואָס איז מיר באַקאַנט — פ ו ר י ם.

זאָג איך צו דעם מיידל: „פּורים? אונדזער פּורים? אסתּר המלכּה?... מרדכי?... המן הרשע?... טאַקע יע־נער המן פֿון העכער זעקס און צוואַנציק הונדערט יאָר צו־ריק, וואָס האָט געוואָלט אומברענגען אַלע ייִדן אין פּרס און מדי?"

לאַכט דאָס מיידל און רעדט נאָכאַמאָל אויף איר לשון, דאָס מאָל נאָך שנעלער ווי פֿריער, און נאָכאַמאָל הער איך דאָס וואָרט: פ ו ר י ם.

ווילט זיך מיר פֿרעגן דעם מיידל: „אויב טאַקע יאָ פּורים, טאָ וואָס איז גאָר אין מיטן בײַטאָג? און פֿאַרוואָס גייט מען מיט קאַפּעליעס איבער די גאַסן? בײַ אונדז, אין דער היים, פּראַוועט מען אויך פּורים, אָבער נישט אַזוי. אַ גאַנצן טאָג שיקט מען שלח־מנות: איך צו דיר און דו צו מיר! און אין אָוונט פּראַוועט מען די גרויסע פּורים־סעודה און די קלעזמער קומען און שפּילן דיר צו צו דער סעודה, און נאָך דער סעודה קומען ערשט די פּורים־שפּילערס און שטעלן פֿאַר אַ פּורים־שפּיל. און דאָ, אויף דעם אינדזל רהאָ־

דעס, שפּילן גאָר קלעזמער אין מיטן העלן טאָג, און נישט אין דער היים, נאָר אין די גאַסן ?!...

אָבער גיי פּרעג, אַז איך קאָן נישט זייער לשון!...

צי איך נאָכאַמאָל מיט די אַקסלען... און דריי נאָכ־אַמאָל מיט די אויגן...

ווער ווייס ווי לאַנג איך וואָלט אַזוי גערעדט אויף שטום־לשון...

צום גליק איז צוגעקומען צו דעם מיידל איר לערער.

נישט פּרעגנדיק מיך וואָסער שפּראַך איך פֿאַרשטיי, האָט דער ספּרדישער יונגערמאַן פֿון רהאָדעס אָנגעהויבן רעדן צו מיר אויף העברעאיש, און ער האָט מיר אַזוי געזאָגט:

— איר האָט מזל, וואָס אײַער שיף האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ אונדזער אינדזל גראָד אום פּורים. פּורים איז בײַ אונדז דער גרעסטער יום־טוב.

— דער גרעסטער יום־טוב ?

— יאָ. דער גרעסטער! ווײַל פּורים איז בײַ אונדז אַ טאָפּלטער יום־טוב... מיר פּראַוּוען דעם פֿערצנטן טאָג אין אָדר, אי פּורים אסתר און מרדכי, אי פּורים רהאָדעס! ווילט איר דאָך וויסן, וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּורים־רהאָדעס ? טאָ הערט זיך צו מיטביידע אויערן און איך וועל פּרובירן איבערשרײַען אי די קלעזמער, אי די גראַגערס, אי דאָס פּליעסקען...

— דעם ערשטן פּורים־רהאָדעס האָבן מיר געפּײַערט אין יאָר 1840, — אינעם יאָר, ווען עס איז געשען דער נס...

וואָסער נס? עס זײַנען געראַטעוועט געוואָרן פֿון דער תליה אונדזערע ברידער. אָבער לאָמיך אָנהייבן פֿון סאַמע אָנהייב, כדי איר זאָלט פֿאַרשטיין וואָס איך מיין:

אַרום אונדזער אינדזל וואַקסן אין די וואַסערן אַ סך שוואָמען. די רהאָדעסער ייִדן זײַנען פֿיל פֿלינקער פֿון די נישט־ייִדישע שכנים אונדזערע בײַם אַרויסרײַסן די שוואָמען פֿון וואַסער; זיי טוען עס בעסער און שנעלער פֿון די גריכן. זיי פֿלעגן גוט פֿאַרדינען פֿאַרקויפֿנדיק די אויסגעטריקנטע שוואָמען אין אויסלאַנד, אין אייראָפּע... די גריכן זײַנען מקנא געווען די ייִדן דערפֿאַר וואָס זיי זײַנען אַזעלכע גוטע שווימער, פֿלינקע שיפֿלער און שנעלע אַרבעטער. זיי האָבן געוואָלט פּטור ווערן פֿון די ייִדן... איז וואָס זשע האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן זיך צונויפֿגערעדט מיט אַ מאַמען אַז זי זאָל אַוועקשיקן איר ייִנגל אויף אַ צווייטן אינדזל צו זײַנער אַ מומען, אָבער דאָ, אויפֿן אינדזל, האָבן די גריכן פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג אַז דאָס ייִנגל איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן און די מאַמע איז אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן, האָט געקלאָגט און געוויינט, געבראָכן די הענט און געשריען, אַז די ייִדן האָבן פֿאַרנאַרט דאָס ייִנגל און אים דערטרונקען אין ים...

עס האָבן זיך געפֿונען עדות, וואָס האָבן געזאָגט, אַז זיי האָבן אַליין געזען ווי עטלעכע ייִדישע יונגעלײַט זײַנען אָפּגעפֿאָרן פֿונעם אינדזל אויף אַ קליין שיפֿעלע צוזאַמען מיטן ייִנגל.

עס איז געוואָרן אַ תשעה באָב, אַן אמתער חורבן, בײַ די ייִדן.

מען האָט באַלד אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה אַ צענדליק יונגעלײַט פֿון די בעסטע שוואָמען-קלײַבער. די קראָמען האָבן די ייִדן אַליין צוגעמאַכט, ווײַל זיי האָבן מורא געהאַט די גריכן זאָלן זיי נישט צעראַבעווען... אַלע ייִדן האָבן גע־וואַרט אויפֿן משפּט... און די גריכן האָבן זיך שוין באַ־צײַטנס געריכט מיט זיי, אַז מען וועט די אַרעסטירטע זיכער הענגען...

געשעט אַ נס, — און איינער פֿון די רהאָדעסער ייִדן איז צוליב זײַנע געשעפֿטן גראָד פֿאַרפֿאָרן צום צווייטן אינדזל, וואו עס איז געווען צו־גאַסט בײַ זײַן מומען דאָס „פֿאַרפֿאַ־לענע“ ייִנגל...

פּלוצעם קומט אַרויס פֿון אַ הויף דאָס „אומגעבראַכטע“ ייִנגל, און נישט וויסנדיק וועגן בילבול, וואָס די ייִדישע שונאים האָבן אומישנע צוגעטראַכט, איז ער צוגעלאָפֿן צום ייִדן, אים אָפּגעגעבן שלום-עליכם און זיך נאָכגעפֿרעגט אויף זײַן מאַמען און אויף זײַנע לאַנדסלײַט פֿון רהאָדעס.

וואָס איז געווען דער סוף פֿון דעם בילבול?...

איר קאָנט זיך אַליין אָנשטויסן! מען האָט די ייִדן, וואָס האָבן געוואַרט אויף זייער משפּט, באַלד אַרויסגעלאָזט; אָנשטאָט מען זאָל זיי פֿירן צו דער תּליה, האָט מען זיי גע־פֿירט איבער די גאַסן פֿון רהאָדעס מיט מוזיק, מיט געזאַנג און מיט אַ לויב צו גאָט, וואָס ער האָט געטאָן אַזאַ גרויסן נס מיט די ייִדן און זיי אַרויסגעראַטעוועט פֿון אַזאַ בילבול. און אַזוי ווי דער נס איז געשען אין דעם פֿערצנטן טאָג אין אָדר, אין טאָג, ווען ייִדן איבער דער גאָרער וועלט פֿײַערן

פורים לכבוד אסתר המלכה און איר פֿעטער מרדכי, איז יע־נער יום־טוב געוואָרן בײַ אונדז אַ טאָפּלטער פורים: פורים־רהאָדעס פּראַווען מיר בײַטאָג מיט אַ פּאַראַד אין די גאַסן, אַז אַלע שכנים זאָלן אונדז זען און זאָלן וויסן, אַז ייִדן זײַ־נען נישט קײַן קינדער־כאַפּערס, און פורים־אסתר און מרדכי, פּראַווען מיר אין הויז, בײַנאַכט, מיט אַ סעודה. מיר טרינקען לכבוד דעם גרויסן נס, וואָס איז געשען אין פּערסיע, ווען ייִדן האָבן זיך באַפֿרײַט פֿון המנען.

מײַן ברודערס פּורים־שפּיל

א

בײַ אונז אין דער היים איז פּורים שטענדיק געווען אַ גרויסער יום־טוב. די טיר בײַ אונדז אין הויז האָט זיך גאָרנישט צוגעמאַכט אַ גאַנצן טאָג. אָט שיקט מען אַרויס פֿון הויז אַ שלח־מנותל, אָט קומט אָן אַ שלח־מנותל; אַזוי אָן אַן אויפֿהער, אָן אַ סוף.

בײַ אונדז אין הויז, ווי אַלע ווייסן, זײַנען געווען עלף קינדער. נו, און בײַם פֿעטער משה? און בײַם פֿעטער ישראל? און בײַם פֿעטער לייב? אַזוי, אַז ווען מ׳פֿלעגט קומען צו דער באָבען צו דער סעודה, איז מען געזעסן בײַ אַ טיש פֿון אַ וואָסערע פֿערציק מענטשן.

פֿאַרשטייט איר שוין, אַז פֿון די שלח־מנות־טרעגער און שלח־מנות־ברענגער איז דאָס הויז געגאַנגען אויף רעדלעך.

דאָס איז געווען איין טאָג אין יאָר, ווען טאַטע־מאַמע פֿלעגן נישט שרײַען אויף אונדז פֿאַר דעם טומל, וואָס מיר האָבן געמאַכט אין הויז. אין מיטן פֿון אָט דעם טומל פֿלעגט זיך, שפּעט נאָכמיטאָג, דערהערן דאָס קאָמאַנדעווען פֿון דעם פֿעטער איציק, וואָס פֿלעגט אונדז רופֿן צו דער גענעראַל־רעפּעטיציע פֿון אונדזער פּורים־שפּיל.

אונדזער פֿעטער איציק (הינטער זײַנע פּלייצעס פֿלעגן

מיר אים רופֿן „איציק שפּיציק") האָט געוואוינט מיט אונדז, ווײַל ער האָט קײַן ווײַב נישט געהאַט. ער האָט צונויפֿגע־שטעלט די פּורים־שפּיל, געלערנט מיט אונדז און געגעבן אָנווײַזונגען אונדזערע מאַמעס, וואָסערע קאָסטיומען אויפֿצו־נייען פֿאַר דער פּורים־שפּיל. אַ פּאָר שעה פֿאַר דער סעודה, פֿלעגט ער געבן אַ קאָמאַנדעווע: „קינדער, רעפּעטירן!" אין אַ מינוט זײַנען מיר אַלע — אַרום דרײַסיק שוועסטער־קינדער — שוין געווען אין אונדזער גרויסן „זאַל". נאָך אַ היפּש ביסל טומל האָבן מיר אָנגעהויבן די רעפּעטיציע.

ב

ביי דער גענעראַל־רעפּעטיציע האָבן אַלע געמוזט זײַן זייער ערנסט, ווײַל מײַן פֿעטער איציק האָט נישט פֿאַר־טראָגן קײַן שטיפֿערײַען אין אַזאַ ערנסטער שעה. מיר פֿלעגן ציטערן פֿאַר אים אין צײַט פֿון אַ רעפּעטיציע. דערפֿאַר, ווען ער האָט איינעם פֿון אונדז אויסגעלערנט צו שפּילן אַ ראָלע פֿון אַ מלאך־המות, האָט מען שטאַרק געפֿילט, אַז עס דרייט זיך אַרום אין הויז אַ מלאך־המות!

איז אַ וואונדער וואָס דער פֿעטער איציק אונדזערער איז געווען אַזוי ערנסט בײַ דער גענעראַל רעפּעטיציע?

נאָך דער רעפּעטיציע פֿלעגט מען זיך אויספּוצן און דערנאָך איז מען געפֿאָרן אויף „פֿאַיעטאָנען", און ווען גאָט האָט געהאָלפֿן ס'איז געלעגן אַ שניי — אויף שליטנס, צו־נויפֿגעזעצט אין גרויס ענגשאַפֿט, איינער אויף דעם צווייטנס קני. אָבער ווער האָט געאַרט די ענגשאַפֿט? מ'פֿאָרט דאָך צו דער סעודה ביי דער באָבע מירל.

בײַ דער באָבע מירל איז שוין געשטאַנען דער לאַנגער טיש מיטן שניי־ווײַסן טישטעך. אויף אים איז געלעגן דער גרויסער פּורים־קוילעטש און האָט זיך געררייצט, טאַקע שוין בײַם אָנקומען, מיט יעדן איינעם פֿון אונדז: „דו ווילסט מיר טאַקע אַ קניפּ טאָן! ווען דו קענסט, וואָלסטו אַוודאי אַ צופּ געטאָן איינע פֿון מײַנע ראָזשינקעס. אָבער — נישט איצט! און נישט בײַ דער באָבע מירל! אין דער היים, בײַ דיר — אפשר יאָ! אָבער די באָבע מירל האָט נישט ליב אַזעלכע זאַכן!

און אונדזערע אויגן האָבן געקוקט אויף דעם גיגאַנטישן קוילעטש, וואָס האָט געשמעקט איבערן גאַנצן הויז מיט זײַן זאַפֿראַן און אַנדערע גוטע זאַכן. אַ קלייניקײַט וואָס מ׳האָט נישט אַרײַנגעלייגט אין דעם פֿעטן גרויסן בויך זײַנעם!

און די ווײַסע פֿלאָדנס מיט דעם געפֿילעכץ פֿון ניס און האָניק האָבן זיך אויך געגרויסט אין מיטן טיש און זיך גערייצט! און מיר, דער באָבעס אייניקלעך, נעבעך, האָבן באַדאַרפֿט זיך האַלטן אין דער מעלה. דערבײַ האָט מען געכאַפּט אַ גנבהשן קוק איינער אויף דעם צווייטן און אויף די גוטע זאַכן, וואָס מ׳האָט זיך נישט געטאָרט צורירן צו זיי... און יעדער קוק אונדזערער האָט געשריען:

— אַי, ווען מ׳לאָזט אונדז צו, צו אָט אָ די זאַכן, וואָלטן מיר זיי צורעכט געמאַכט אין איין מינוט!

אָבער נישט בײַ דער באָבע מירל טוט מען אַזוינע זאַכן!

אָט ברענגט מען אַרײַן דעם גרויסן אינדיק וואָס פֿאַר־

שמעקט די גאַנצע שטוב. די קעכין קאָן אים אַליין נישט טראָגן, איר זון מוז איר העלפֿן... דאָס איז אָט־אָ־יענער אינדיק, וואָס מיר פֿלעגן זיך רייצן מיט אים ווען מיר פֿלעגן קומען צו דער באָבען און דערוויַיל כאַפּן אַ שפּיל אין דעם גרויסן הויף: „אינדיקל, אינדיקל!״ — פֿלעגן מיר שריַיען צו אים און פֿרעגן — „ווען איז פּורים?״ און ער בלאָזט זיך אָן פֿון כּעס, שטעלט אָן זיַין רויטן, שפּיציק הוט און ענט־פֿערט, פֿאָכנדיק מיט די פֿליגל: „האָלדער! האָלדער!״ איצט ליגט ער נעבעך אויפֿן גרויסן פּאַלומעסיק און ס׳דוכט זיך אונדז, אַז ער זאָגט: „איר האָט געוואונען! שנײַדט פֿון מיר שטיקער! איך קאָן זיך אַנטקעגן איַיך נישט שטעלן! אָבער, פּאַוואָליע, פּאַמעלעך! אוי! פּאַמעלעכקע!״

און מיר קײַען אויף ביידע באַקן; אָן עס און אַ פֿאַר־טרונק; אַ קײַ און אַ שלונג ביז ס׳איז שוין טאַקע באמת נישטאָ קײַן פּלאַץ אין בויך... די באָבע האָט שוין אויך פֿאַרזוכט פֿון יעדער פֿלאַש, וואָס אַלע מײַנע מומעס און פֿעטערס האָבן געבראַכט צו דער סעודה, און זי גיט שוין אַ שמעק טאַבאַק פֿון דעם זילבערנעם פּושקעלע, און...

דעמאָלט רוקט זיך אַרויס דער פֿעטער איציק אין אַ צווייטן צימער און מיר — איינער נאָך דעם צווייטן, — נאָך אים... דאָרט שלעפּן מיר אויף שנעל אַרויף אונדזערע קאָסטיומען. דער פֿעטער איציק גיט נאָכאַמאָל אַ פֿרעג די שווערע ווערטער בײַ איינעם, בײַ אַ צווייטן, כּדי צו זײַן זיכער... ער באַקוקט אונדז מיט גרויס ערנסט און גייט צוריק אין עס־צימער אַרײַן, צו די געסט — גלײַך ווי גאָר־נישט! און מיר רוקן זיך אַרויף אויף דער בינע... מיר, די

פּורים־שפּילער... מיר שפּילן און אַלע קאַטשען זיך פֿון געלעכטער. אָבער נישט דער פֿעטער איציק! ער איז ערנסט, גלײַך װי נישט אים מײנט מען... גלײַך װי נישט ער האָט צוגעגרײט די שפּיל...

ג

אין יענעם פּורים, באַלד נאָך דער שפּיל, איז מײַן ברודער אַנטרונען געװאָרן — נישט, חלילה, אָן אַ זײַ־געזונט! ער איז נישט מיט אַלעמען, האָט ער געזאָגט, װעט ער גײן אַהײם און זיך צולײגן...

געװײנטלעך װאָלט זיך מײַן מאַמע געזאָרגט װען זי װאָלט דערהערט אַזאַ זאַך, אָבער נישט נאָך דער סעודה! אַ װאונדער? אַזאַ אוצר אַרײַנגעלײגט אין בױך אַרײַן!

— גײ טאַקע אַהײם, לײג זיך אַרײַן אין בעט... ס'װעט איבערגײן! — זאָגט די מאַמע צו מײַן ברודער, און דער ברודער גײט אַלײן אַהײם.

װען מיר זײַנען אַהײם געקומען פֿון דער באָבען, האָבן מיר אים געטראָפֿן אין בעט מיט צוגעמאַכטע אױגן, װי ער װאָלט געשלאָפֿן. די מאַמע האָט אַ טאַפּ געטאָן זײַן שטערן, נאָך איר — דער טאַטע, נאָכן טאַטן — דער פֿעטער איציק — גאָרנישט! „ער שלאָפֿט רואיק!״ — זאָגט איר נאָך דער פֿעטער.

מײנט איר דאָך אַז מײַן ברודער איז טאַקע געשלאָפֿן? הױבט זיך נישט אָן! דורך די צוגעמאַכטע אױגן האָט ער געזען װי ס'איז געװאָרן נאַכט אין הױז... שטיל און פֿינצ־טער — אַלע שלאָפֿן.

גיט ער אַ קריך אַרױס פֿון בעט, טוט אַ שלעפּ אויף

זיך דעם קאָסטיום פֿון מלאך־המוות, וואָס ער האָט געטראָגן אין דער פּורים־שפּיל. מיט דער שרעקלעכער מאַסקע, מיט די לאַנגע האָר, וואָס האָבן זיך געצויגן פֿון שפּיץ קאָפּ ווי וואָלקנס, — זעט ער טאַקע אויס ווי דער מלאך־המוות. שטי־לערהייט האָט ער זיך אַרײַנגעשאַרט צום פֿעטער איציק אין צימער אַרײַן. ער ווייסט אַז דער פֿעטער איציק האָט נאָר־וואָס געגעבן זײַן לעצטן קרעכץ נאָכן אויסלעשן זײַן לאָמפּ. מײַן ברודער הויבט אָן צו שיפּען ווי אַ שלאַנג:

— רב יצחק! רב יצחק!

— ווער ביסטו? — ציטערט מײַן פֿעטער איציקס שטים.

— זעסט נישט? איך בין דער מלאך־המוות... איך בין געקומען נאָך דיר...

— נאָך מיר?...

— שווײַג און הער! קיין פּיפּס נישט! איך ווייס אַז דו האָסט גענוג געלט!... וואָס קאַרגסטו? אָט גיי איך נעמען דײַן נשמה...

— נעם זי נישט... איך וועל מער נישט קאַרגן אַזוי... זאָג מיר וואָס זאָל איך טאָן?...

— קויף אײַן פֿאַר אַלע דײַנע קרובים שלח־מנות אויף פּורים, ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַזאַ גביר ווי דו... הערסט, וואָס איך זאָג?

— איך הער, איך הער...

גערעדנק!

— איך וועל געדענקען... — פֿליסטערט מײַן פֿעטער פֿון אונטער דער קאָלדרע...

און אין אַ מינוט — איז שוין מײַן ברודער צוריק אין זײַן צימער, דער אָנצוג מיט די שוואַרצע פּליגל און ווײַסער באָרד און לאַנגע וואָלקן־האָר ליגן שוין אונטער זײַן בעט! און ער, מײַן ברודער, איז שוין אין בעט, זײַנע אויגן ווי אין אַ טיפֿן געשמאַקן שלאָף!

מײַן פֿעטער איציק איז זייער דערשראָקן. ער רופֿט די מאַמע, דעם טאַטן. קיינער הערט אים נישט... אַ וואונ־דער? נאָך אַזאַ סעודה! דאָס הויז שלאָפֿט און כראָפּעט! גייט מײַן פֿעטער איציק אַרונטער פֿון בעט מיטן ליכט, אַרײַן צו מײַן ברודער אין צימער, רופֿט אים איין מאָל, צוויי מאָל, דרײַ מאָל... אָבער מײַן ברודער „שלאָפֿט"...

און אויף מאָרגן, נאָך איידער מיר לאָזן זיך אַרונטער אין גרויסן עס צימער אונדזערן עסן דעם פֿרישטיק פֿאַרן גיין אין שול, זיצט שוין דאָרט נעבעך דער פֿעטער איציק, מיט אַ פּאַפּיר און אַ פֿעדער אין האַנט.

— נו חברה! — זאָגט ער — מילא, נעכטן זײַנען מיר דאָך געווען פֿאַרנומען מיט דער פּורים־שפּיל און מיט דער סעודה, אָבער הײַנט... דאַרפֿן מיר זיך צערעכענען... מיט די שלח־מנותן... מיין איך... יעדער איינער קאָן באַקו־מען וואָס ער וויל... זאָגט! ווער איז דער ערשטער? שטעלט זיך אין ריי. וואָס דאָס האַרץ גלוסט — באַקומט איר דאָס מאָל!

וואונדערן זיך אַלע. וואָס איז געשען מיט דעם קאַרגן פֿעטער איציק?...

נאָר מײַן ברודער שמייכלט... און וואונדערט זיך נישט... ער ווייסט...

פסח

בעני וויל אויך זען אליהו הנביא

פֿון זינט מע האָט אָנגעהויבן לערנען אין שול וועגן קומענדיקן יום־טוב פּסח האָט בעני געטראַכט, אַז ער וואָלט אויך וועלן זען אליהו הנביא...

ווען בעני האָט געהערט פֿון דער לע־רערין, אַז אליהו קומט אין דער נאַכט פֿון ערשטן סדר העלפֿן נאָר ערלעכע און פֿרומע מענטשן, האָט ער געמיינט, אַז אַ פּשוט ייִנגל ווי ער איז קאָן גאָר דעם נביא נישט זען.

אָבער נאָך דעם, ווי בעני האָט געהערט פֿון זײַנע חברים, אַז אליהו העלפֿט יעדן איינעם, וואָס געפֿינט זיך אין אַ נויט אָדער אין אַ גרויסער צרה, האָט ער אָנגעהויבן גלויבן, אַז אליהו קאָן זיך ווײַזן אויך צו אים.

אויב אליהו איז געקומען אין אַ סדר־נאַכט צו בעניס ייִדן אים אויפֿוועקן פֿון זײַן שטאַרקן שלאָף, אַז ער זאָל נישט פֿאַרברענט ווערן אין פֿײַער, וואָס האָט אויסגעבראָכן ווען די קאַץ האָט איבערגעקערט אַ לײַכטער, פֿאַרוואָס זאָל ער נישט קומען אויך צו בענין, אויב ער וועט אים פֿאַרבעטן מיטן גאַנצן האַרצן ?...

און אויב אליהו קומט בײַטאָג און בײַנאַכט אין דער גאַנצער ערב־פּסח־וואָך צו העלפֿן סאַליס קראַנקן פֿאָטער אויפֿצוהייבן די קעסטלעך מיט פּסחדיקע באַשטעלונגען וואָס ער דאַרף צעטראָגן, וועט ער זיך דען אָפּזאָגן צו קומען צו אים אויף איין רגעלע ?...

בעני בעט נישט פֿון אליהון קיין סך, נאָר איין אויגנ־בליק! ער ווייס, אַז אליהו איז זייער פֿאַרנומען, איבערהויפּט אין דער סדר־נאַכט! ער ווייס, אַז אַ וועלט מיט ייִדן וואַרט אויף אליהוס באַזוך! בעני בעט נישט קיין סך פֿון אים! זאָל ער קומען צו אים אויף איין מינוטעלע, נאָר זיך אַ ווײַז טאָן פֿאַר אים. בעני וויל אים נאָר אָנקוקן מיט די אייגענע אויגן...

בעני קלערט וועגן דעם בײַטאָג און בײַנאַכט. וואָס מער ער קלערט אַלץ גרעסער ווערט זײַן פֿאַרלאַנג צו זען אליהון.

איין זאַך איז קלאָר פֿאַר בענין: ער מוז זײַן קראַנק אַז אליהו זאָל קומען צו אים, ווײַל אליהו קומט נאָר, ווען ער דאַרף העלפֿן אָדער ראַטעווען.

נאָך אַ סך קלערן האָט בעני בײַ זיך אָפּגעמאַכט צו ווערן קראַנק...

אליהו הנביא וועט זיכער נישט דערלאָזן, אַז אַ ייִנגל, וואָס האָט זיך אָנגעשטרענגט און אויסגעלערנט דעם קידוש, די פיר קשיות און אַנדערע טיילן פון דער הגדה של פסח, זאָל בלײַבן ליגן אין בעט אַ קראַנקער און נישט קאָנען אויפֿשטיין צום סדר! ניין! אַזאַ זאַך וועט אליהו נישט דערלאָזן! ער וועט קומען אים אויסהיילן פון זײַן קראַנקײַט. און דעמאָלט — וועט אים בעני זען, מיט זײַנע אייגענע אויגן זען!

אָבער ווי אַזוי קאָן מען קראַנק ווערן?

דאָס איז נישט פון די שווערע זאַכן!

ער דאַרף נאָר טאָן אַלע זאַכן וואָס די מאַמע הייסט אים שטענדיק נישט טאָן.

און בעני האָט באַשלאָסן דורכצופירן זײַן פּלאַן און ווערן קראַנק... ווען, מיינט איר? אין סאַמע ערב פסח!

דער פֿאָטער וועט גאַנץ פרי אָוועקפֿאָרן אין זײַן געשעפֿט. די מאַמע וועט זײַן פֿאַרנומען אין קיך צוצוגרייטן אַלץ וואָס מע דאַרף צום סדר, און ער וועט זיך צוגרייטן צו דער באַגעגעניש מיט אליהון...

דער טאָג איז אויסגעפֿאַלן אַ שיינער, אַ זוניקער און בעניס מוטער איז געווען צופרידן, וואָס ער איז אַרויס אין גאַס זיך שפּילן מיט זײַנע חברים.

אָבער דאָס מאָל האָט זיך בעני נישט געשפּילט ווי שטענדיק. ער האָט טאַקע געדענקט, וואָס זײַן מוטער האָט אים אָנגעזאָגט, אָבער געטאָן האָט ער פּונקט דאָס פֿאַרקערטע: ער איז אַרומגעלאָפֿן אָן אַן אויפֿהער, אָן אַן אָפּרו; ער האָט זיך אַזוי אָנגעהאָרעוועט לויפֿנדיק, אַז זײַנע פּיס האָבן

געציטערט ווי צוויי ספּרונזשינעס, ווען ער האָט געוואָלט בלײַבן שטיין.

ער האָט זיך אַזוי אָנגעשריען כאַפּנדיק און וואַרפֿנדיק דעם באָל, אַז ער איז אַזש הייזעריק געוואָרן. זײַן קערפּער און זײַנע קליידער זײַנען געווען נאַס פֿון שוויס. און כּדי צו זײַן זיכער אַז זײַן פּלאַן וועט געראָטן, האָט ער נאָך אויס־געטאָן דעם סוועטער...

ער האָט אומישנע געלאָזט, אַז דאָס פֿרילינג־ווינטעלע, וואָס האָט געבלאָזן מיט הייסן און מיט קאַלטן, זאָל אים דורכנעמען...

ווען בעני האָט באַשלאָסן, אַז ער האָט שוין אָפּגעטאָן אַלץ, וואָס האָט זיך געווענדט אין אים, איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין הויז און האָט אויסגערופֿן: „איך בין קראַנק! איך בין קראַנק!"

— קראַנק? וויי איז מיר! — האָט בעניס מוטער אויס־געשריען פֿון קיך אַרויס און אַ דערשראָקענע אַרײַנגעלאָפֿן אין בעניס צימער צו זען, וואָס איז דער מער מיט אים.

— גיב נאָר אַ קוק אין שפּיגל ווי אַזוי דו זעסט אויס, בעני! עס רינט דאָך פֿון דיר דער שוויס ווי וואַסער פֿון אַ קוואַל! האָסט שוין פֿאַרגעסן, וואָס איך זאָג דיר אָן טאָג־איין, טאָג־אויס ווי אַזוי זיך אויסצוהיטן? וויי איז צו מיר! דו ברענסט דאָך ווי אַ פֿײַער! איך גיי שוין רופֿן דעם דאָק־טער!

— מע דאַרף נישט! האָט בעני שטיל געזאָגט, ער אַליין וועט מיך אויסהיילן!

— אַוודאי וועט ער דיך אויסהיילן! זאָגט די מאַמע

זוכנדיק דעם דאָקטערס נומער אין טעלעפֿאָן־ביכעלע. אונ־דזער דאָקטער וועט...

— איך זאָג דאָך דיר, — אַז מע דאַרף נישט קיין דאָק־טער! — שלאָגט איבער בעני שרײַענדיק אויף אַ קול, — ער אַליין וועט מיך אויסהיילן!

— ווער איז דער „ער", בענילע? — וואונדערט זיך די מאַמע מיט אַ וויינענדיקער שטים און טאַפּט נאָכאַמאָל און ווי־דעראַמאָל בעניס שטערן און האַלדז, — דו רעדסט דאָך שוין פֿון היץ. ווי איז מיר! דו ביסט קראַנק, בענילע! טו זיך אויס, קינד מײַנס, און לייג זיך אַרײַן אין בעט דערווײַל ביז וואַנען דער דאָקטער וועט קומען!...

— איך וועל זיך אַרײַנלייגן אין בעט, אויב דו וועסט נישט רופֿן דעם דאָקטער! וואַרט צו, אפֿשר וועל איך פֿון זיך אַליין געזונט ווערן?...

עס געדויערט נישט קיין מינוט און בעני ליגט שוין אין בעט. און ליגנדיק קלערט ער: „באַלד, באַלד וועט קו־מען אליהו און מיך אויסהיילן. אָבער דערווײַל איז בעסער צו ליגן מיט צוגעמאַכטע אויגן... די מאַמע וועט מיינען, אַז איך שלאָף, וועט זי מיך לאָזן צורו! איך וויל זײַן איינער אַליין ווען אליהו הנביא וועט זיך באַווײַזן צו מיר"...

— ווי אַזוי זעט ער אויס, אליהו הנביא?

עס דוכט זיך בענין אַז ער הערט אַ שטילן גערויש... גלײַך ווי עס פֿלאַטערן פֿליגל...

— נאַרישקײַטן! אליהו האָט נישט קיין פֿליגל! ער איז דאָך אַ נביא נישט קיין מלאך...

— ווי אַזוי זשע פֿליט ער אַרום איבער דער גאָרער וועלט צו העלפֿן ייִדן? — פֿרעגט בעני זיך אין געדאַנק.

— דאָס האָט ער מיך אָנגערירט? עס ווײַזט זיך מיר אויס!

— ניין! עס ווײַזט זיך מיר נישט אויס! איך פֿיל זײַן האַנט אויף מײַן שטערן!

— האָט דען אליהו הענט?

— אַוודאי האָט ער הענט... ער האָט אויך אַ מויל! ער זאָגט דאָך נביאות! ער זאָגט פֿאָראויס; ער ברענגט גוטע בשורות צו ייִדן וואָס זײַנען אין אַ נויט... ער...

בעני פֿילט זיך אַזוי גוט, אַז ער הערט אויף צו טראַכטן. עס דוכט זיך אים, אַז אליהו טראָגט אים אַוועק ערגעץ ווײַט ווײַט... ס'אַרט אים נישט... זאָל ער...

עס גייט אַוועק אַ שטיקל צײַט. בעני פֿילט זיך מונטער און אויסגערוט... אָבער די אויגן האַלט ער נאָך אַלץ צו־געמאַכט.

— זאָל עס זײַן נאָכאַמאָל אליהו? — קלערט בעני פֿילנ־דיק אַ שטאַרקע האַנט אויף זײַן שטערן — פֿאַרוואָס דריקט ער אַזוי מײַן שטערן איצט?...

— דאָס איז זײַן אָנזאָג, אַז איך זאָל עפֿענען מײַנע אויגן, און אים אָנקוקן, — ענטפֿערט בעני זיך אַליין.

בעני גיט אַ ריס אויף זײַנע אויגן.

— פֿאַ? וואָס טוט פֿאַ אין דער היים איצט? — פֿרעגט בעני און קוקט אויף זײַן פֿאָטער מיט פֿאַרוואונדערטע אויגן.

— דו האָסט אונדז זייער אָנגעשראָקן, בענילע! —

זאָגט זײַן פֿאָטער. — אָבער דאַנקען גאָט! אַבי מיט שרעק אָפּגעקומען! דו האָסט קײַן טראָפּעלע היץ נישט!

— איך האָב נישט? פֿון וואַנען ווייסטו דאָס, פּאַ?

— פֿון וואַנען איך ווייס עס? נאַריש קינד! די מאַמע האָט דיר געמאָסטן די היץ צוויי מאָל און דו האָסט אַפֿילו נישט געפֿילט, אַזוי שטאַרק ביסטו געשלאָפֿן!

— אליהו האָט מיך געזונט געמאַכט, — קלערט בעני, — אָבער פֿאַרוואָס האָט ער זיך נישט געוויזן צו מיר, ווען ער האָט מיך אויסגעהיילט?

— וואָס זשע ליגסטו, בענילע, ווי אַ גולם? — טאָרעט אים דער פֿאָטער, — הערסטו דען נישט, אַז דאָס הויז איז פֿול מיט געסט? מיר וואַרטן דאָך אַלע אויף דיר? עס איז דאָך שוין צײַט זיך צו זעצן צום סדר.

בעני איז אַרויס פֿון בעט, זיך אָפּגעוואַשן און אָט איז ער שוין אָנגעטאָן אין זײַן נײַעם אָנצוג און ער זיצט שוין צוזאַמען מיט אַלע געסט בײַם טיש, וואָס בלישטשעט מיט די זילבערנע לעפֿל און גאָפּלען אַנטקעגן די ברענענדיקע ליכט. אָבער בעני האַלט אין איין קלערן: „אויב אליהו האָט מיך אויסגעהיילט, פֿאַרוואָס האָט ער זיך נישט באַוויזן צו מיר?... איך האָב דאָך געוואָלט אַ קוק טאָן אויף אים מיט מײַנע אייגענע אויגן?”

דער פֿאָטער לאָזט בענין נישט קלערן. ער גיט אים אַ וואונק.

בעני קוקט אויף אים און פֿרעגט אים מיט זײַן קוק וואָס ער וויל פֿון אים.

— די פֿיר קשיות, בענילע...

בעני פֿאַרשעמט זיך. ער דערמאָנט זיך, אַז אַ טיש מיט געסט וואַרט אויף אים און ער פֿאַרציט מיט אַ דין קולכל:

— מה נשתנה הלילה הזה...

און ווען ער האָט געענדיקט פֿרעגן די פֿיר קשיות און זיך אָנידערגעזעצט, האָט ער, דערזעענדיק דעם גרויסן בע־כער, דעם „כוס אליהו״, נאָכאַמאָל אַ קלער געטאָן:

— אָבער פֿאַרוואָס האָסטו זיך נישט געוויזן פֿאַר מיר? פֿאַרוואָס?...



צוליב אַ שטיקל מצה

עס איז געווען דער טאָג פֿון ערב־פּסח.

זײַענדיק פֿרײַ פֿון שול, בין איך אויך געשטאַנען בײַם „כישוף־טעפּעך", נישט ווײַט פֿון אונדזער הויז, און געשלונגען מיט די אויגן די „קונצן", וואָס צוויי ציגײַנער־אַקראָבאַטן האָבן געמאַכט.

די פֿאַרשטעלונג פֿון די צוויי ציגײַנער־ייִנגלעך איז געווען אַזוי פֿאַרכאַפּנדיק, אַז פֿון גרויס באַוואונדערונג האָב איך אויפֿגעהערט צו קײַען דאָס שטיקל מצה, וואָס איך האָב געהאַלטן אין איין האַנט. אין דער צווייטער האַנט האָב איך געהאַלטן שטײַף אַ גרויסע קופּערנע מטבע, וואָס איך האָב הײַנט „אַרויסגעקלאַפּט" פֿון מײַן אייגענער קאַסע. איך האָב זיך געגרייט זי אַרײַנצוואַרפֿן אינעם היטל, ווען איינער פֿון די אַקראָבאַטן וועט אַרומגיין צווישן די צוקוקערס צונויפֿקלײַבן עפּעס געלט און וועט צוקומען צו מיר.

אָבער די גרויסע קופּערנע מטבע, וואָס איך האָב אַרײַנגעוואָרפֿן אין דעם ציגײַנערס היטל האָט, ווײַזט אויס, אים נישט צופֿרידנגעשטעלט. דאָס ייִנגל האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן פֿון אָרט און מיך אָנגעקוקט מיט מאָדנע אויגן. עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז זײַן קוק זאָגט: „דאָס איז אַלץ, וואָס דו גיסט מיר פֿאַר אונדזערע אַקראָבאַטישע קונצן?"

איך האָב זיך געשעמט וואָס איך האָב די אַקראָבאַטן נישט געגעבן דאָס שענסטע מטבע, איצט האָב איך גאָר נישט געווען אַ ביסל פון מיין געלט, איך נישט גענוג באַצאָלט פאַר זייער וואונדערלעכן „צירק” און זיך געלאָזט גיין אַהיים, כדי „אַרויסצוקלאַפּן” פון מיין קאַסע נאָך אַ מטבע.

גייענדיק מיט אַ שנעלן טראָט, האָב איך פּלוצעם דערפילט, אַז עמעצער גייט מיר נאָך...

איך האָב זיך אומגעקוקט . . . — דער ציגיינער!

איך האָב זיך זייער דערשראָקן. איך האָב נישט געוואָלט, אַז עמעצער זאָל זען, אַז אַ ציגיינער גייט מיר נאָך, האָב איך אים געזאָגט:

— איך ווייס, אַז דיין פאַרשטעלונג איז ווערט מער ווי איך האָב אַריינגעוואָרפן אין דיין היטל... וואַרט דאָ צו, וועל איך דיר אַרויסברענגען פון מיין הויז נאָך אַ מטבע...

— איך וויל נישט קיין געלט... — האָט דער ציגיינער געזאָגט, נישט אַרונטערנעמענדיק זיינע אויגן פון מיר.

מיין שרעק איז געוואַקסן. אַלע וואָרנונגען, מיט וועלכע די מאַמע האָט אונדז, קינדער, שטענדיק געוואָרנט קעגן די ציגיינער, האָבן אויפגעבליצט ביי מיר אין קאָפּ... „זיי גנבענען אַלץ, וואָס זיי זען מיט זייערע אויגן! זיי גנבענען אַפילו קינדער”...

— אָבער איך בין שוין נישט מער קיין פיצעלע קינד... איך בין נישט פיל קלענער פון דעם אַקראָבאַט... — האָב איך געקלערט.

— וואָס ווילסטו? — האָב איך קוים אַרויסגעקוועטשט פון מיין האַלדז.

— איך וויל דאָס! — ווייזט דאָס ציגיינער יינגל אָן

אויפֿן שטיקל מצה, וואָס איך האָב נאָך אַלץ געהאַלטן אין מײַן האַנט.

— מצה ווילסטו? נאַ! נאַדיר! וואַרט צו, וועל איך פֿאַר דיר אַרויסברענגען פֿון הויז נאָך אַ שטיקל מצה.

מיט גרויס אימפּעט בין איך צוגעגאַנגען צו דער פֿאָ־דערשטער טיר פֿון אונדזער הויז, כּדי די מאַמע און די שוועס־טער, וועלכע פּאַרקען זיך אין קיך צוגרייטנדיק אַלץ צום סדר, זאָלן מיך נישט באַמערקן.

אָבער איידער איך האָב געעפֿנט די פֿאָדערשטע טיר, האָב איך דערפֿילט אַז עמעצער שטייט לעבן מיר...

דער ציגײַנער!

איך בין שנעל אַרײַנגעלאָפֿן אין קאָרידאָר, אָבער איי־דער איך האָב נאָך באַוויזן צוצומאַכן די טיר, איז ער שוין געווען אינעווייניק... איך לויף אַריין אין טונקעלן קעמערל, וואו עס שטייען צוויי פֿולע קאַסטנס מיט מצות... ער איז דאָ!

מיט ציטערדיקע הענט האָב איך אַרויסגעשלעפּט איין מצה, אַ צווייטע, אַ דריטע און דערלאַנגט דעם ציגײַנער.

— נעם און גיי! און וואָס שנעלער! אויב מײַן טאַטע וועט דיך דערזען — שפּילסטו מיטן לעבן! — האָב איך אומישנע געזאָגט.

דער ציגײַנער האָט זיך נישט געאײַלט. ער האָט פּאַ־וואָליע אַרײַנגעלייגט אין זײַן היטל די מצות, וואָס איך האָב אים דערלאַנגט, און זיך געלאָזט צוריקגיין צום „כּישוף־טעפּעך״ מאַכן זײַנע אַקראָבאַטישע שטיק...

איך בין געווען אַזוי גליקלעך, וואָס איך בין פּטור גע־וואָרן פון אים, אַז איך האָב שוין מער זיך נישט אומגעקערט צום „צירק"...

איך בין נאָך אַלץ געווען אָנגעשראָקן פון דער באַגע־געניש מיטן ציגײַנער. איך בין אומישנע אַרײַנגעלאָפן אין קיך, כדי צו זײַן לעבן דער מאַמען און לעבן מײַנע שוועס־טער, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט...

איך האָב זיי געהאָלפן איבערווישן די פּסחדיקע כלים און זיך אַ ביסל באַרואיקט. ווען מען האָט זיך געזעצט צום סדר, האָב איך שוין געהאַט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן דעם ציגײַנער־אַקראָבאַט און אָן דער שרעק וואָס איך האָב איבער־געלעבט איבער אים... נאָך די אַרבע כוסות בין איך גאָר פריילעך געוואָרן און זיך אַזוי צעזונגען, אַז אַלע האָבן זיך געוואונדערט אויף מיר...

און אָט קומט דער סדר צו זײַן סוף.

דער טאַטע האָט אָנגעגאָסן דעם גרויסן בעכער מיט ווײַן, און איידער ער האָט אויפגעהויבן דעם „כוס אליהו", האָט ער אַ וואונק געגעבן צו מיר, אַז איך זאָל גיין עפענען די טיר פאַר אליהון...

עפּעס האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין האַרצן, ווען איך האָב געעפנט די טיר פון עסצימער אין פינצטערן קעמערל, וואו עס זײַנען געשטאַנען אַלע פּסחדיקע זאַכן... עס האָט מיר אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ: „ווען דער טאַטע וואָלט וויסן, אַז איך האָב הײַנט געגנבעט מצות פאַר אַ ציגײַנער־יינגל, וואָלט ער מיך דען געשיקט עפענען די טיר פאַר אליהון?...

איך בין דורכגעלאָפן דאָס קעמערל נישט אַ קוק טוענ־

דיק צו די קאַסטנס, וואָס איך האָב הײַנט בײַטאָג פֿון זיי אַרויסגעשלעפּט די מצות...

אָט בין איך שוין אין לאַנגן, פֿינצטערן קאָרידאָר...

אָבער איידער איך עפֿן די טיר, גיט מיר נאָכאַמאָל אַ בליץ אין קאָפּ:

„ווען אליהו וואָלט וויסן, אַז איך האָב געגנבעט מצות, וואָלט ער דען צוגעקומען צו אונדזער טיר?"...

איך האָב זיך אָבער אָנגענומען מיט מוט און געגעבן אַן עפֿן די טיר. בײַ דער שוועל איז געשטאַנען דער ציגײַנער!

— איך בין נישט קיין גנב! גלויב מיר! שרײַ נישט! רוף קיינעם נישט!

— איך... — אַ ייִד! מיך געגנבעט ווען איך אַ פּיצעלע קינד! איך אויך אַמאָל געגעסן מצה פּונקט ווי דײַן מצה! זאָג דײַן טאַטן מיר העלפֿן!...

פֿון שרעק האָב איך אַפֿילו נישט געקאָנט אַ געשריי טאָן, עמעצן אַ רוף טאָן...

צו מײַן גליק האָט דער טאַטע נאָכגעשיקט נאָך מיר מײַן עלטערע שוועסטער זען פֿאַרוואָס איך זאַם זיך דאָרטן בײַ דער טיר...

זי האָט געמאַכט אַזאַ געוואַלד, ווען זי האָט דערזען אין טיר אַ פֿרעמדן, אַז אַלע ברידער מײַנע זײַנען אַרויסגעלאָפֿן פֿון עסצימער כאַפּן דעם „גנב" איידער ער באַוויַזט צו אַנטלויפֿן...

אָבער דער „גנב" האָט נישט געוואָלט אַנטלויפֿן. ער האָט זיך געלאָזט כאַפּן און אַרײַנפֿירן אין עסצימער. ער האָט

געהאַלטן אין איין פּליסטערן: „איך... נישט אַ גנב! איך... אַ ייִד! איך... אַ ייִדיש קינד! מיך געגנבעט ווען איך... אַ פּיצעלע קינד"...

דער טאַטע האָט ווײַטער געזאָגט די הגדה און האָט בלויז אַ וואונק געגעבן צו מײַנע שוועסטער, אַז זיי זאָלן דער־לאַנגען דעם ייִנגל עפּעס עסן. דער ציגײַנער האָט זיך אָבער צו קײַן זאַך נישט צוגערירט... נאָר פֿון דער מצה האָט ער געביסן און דערבײַ האָט ער געהאַלטן אין איין ריידן ווי צו זיך אַליין: „איך... עס מצה! איך... אַ ייִד!"

דער טאַטע האָט געענדיקט בענטשן און האָט אַ וואונק געגעבן צו מײַנע ברידער, אַז זיי זאָלן אים נאָכגיין מיטן ציגײַנער־ייִנגל...

טרערן האָבן זיך באַוויזן אין די אויגן פֿון דעם ציגײַ־נער־ייִנגל, ווען זיי האָבן אים געהייסן מיטגיין מיט זיי.

— איך וויל נישט צוריקגיין צו זיי! — האָט ער זיך געבעטן בײַ מײַנע ברידער.

— איך... אַ ייִד! איך... נישט אַ גוי! נישט אַ צי־גײַנער!

בײַ מיר אין די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן פֿון רחמנות צום ציגײַנער. די מאַמע, זעענדיק אַז איך וויל וויי־נען, האָט מיך באַלד באַרואיקט, און צו מיר געזאָגט: „מען וועט אים נישט צוריקשיקן צו די ציגײַנער! זיי ברענגען אים צום רב! וואָס דער רב וועט הייסן, וועט מען טאָן מיט אים".

וואַרטנדיק אויפֿן טאַטנס צוריקקער פֿון רב בין איך אײַנגעשלאָפֿן.

אויף מאָרגן, ווי נאָר איך האָב געעפֿנט מײַנע אויגן, האָב איך זיך דערוואוסט פֿון מײַנע ברידער, אַז דער רב האָט געפּסקנט, אַז דער „ציגײַנער" איז גאָר אַ ייִדיש קינד... אַז ציגײַנער האָבן אים צוגעגנבעט ווען ער איז נאָך געווען גאָר קליין און דערפֿאַר האָט ער נישט געדענקט נישט דעם נאָמען פֿון זײַנע טאַטע־מאַמע און נישט דעם נאָמען פֿון זײַן שטע־טעלע...

דער רב האָט נישט גערוט. ער האָט זיך דערוואוסט וואו די עלטערן וואוינען און זיי גערופֿן צו זיך.

דער רב אַליין האָט זיי אויסגעפֿרעגט וועגן דעם קינד, וואָס מע האָט בײַ זיי צוגעגנבעט צוריק מיט יאָרן. דערנאָך האָט מען געלאָזט די עלטערן באַטראַכטן דעם „ציגײַנער־אַקראָבאַט". ווען זיי האָבן אין אים געפֿונען אַלע סימנים פֿון זייער פֿאַרלאָרן קינד, איז געוואָרן אַ גרויסע פֿרייד אין אַלע עקן שטאָט. גרויס און קליין, קינד און קייט, האָבן גערעדט וועגן דעם גרויסן נס, וואָס גראָד אין דער נאַכט פֿון פּסח האָט זיך אַ ציגײַנער־ייִנגל פּלוצעם דערמאָנט, אַז ער איז געבוירן געוואָרן בײַ ייִדישע עלטערן.

אַלע האָבן זיך געפֿרייט און דערציילט וועגן גרויסן נס וואָס האָט געטראָפֿן צוליב אַ מצה...

אליהו הנביא — 1945

אין אַ טיפֿן ווײַן קעלער אין אַ קליין גרענעץ־שטעטעלע צווישן פֿראַנקרײַך און בעלגיע זײַנען אין יאָר 1945 געלעגן באַהאַלטן ייִדישע קינדער מיט אַ לערער. דער קאַטוילישער גלח פֿון שטעטל האָט זיי באַהאַלטן, אָפּגעזונדערט פֿון זייערע עלטערן. אים האָט זיך געדוכט, אַז אויב די דײַטשן וועלן זיי געפֿינען אין זייער באַהעלטעניש, וועלן זיי נישט האָבן קײַן האַרץ אויסצוהרגענען בלויז קינדער...

זײַנען די עלטערן און אַנדערע דערוואַקסענע געלעגן באַהאַלטן אין אַן אַנדער קעלער, אין איין עק שטעטל, און די קינדער מיט איין לערער — אין אַ צווייטן עק, אין דעם פּאַרדעמפּטן, כמעט אינגאַנצן פֿינצטערן, ווײַן־קעלער.

ווען די דײַטשן האָט אָנגעהויבן צו גיין זייער שלעכט און די אַליִירטע האָבן זיי שטאַרק באָמבאַדירט אויף אַלע פֿראָנטן, זײַנען די זוכענישן פֿון דער געסטאַפּאָ געוואָרן גרינטלעכער. אויף יעדן האָט געציטערט די הויט. אויף דעם לערער, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן מיט די קינדער, האָט געציטערט די הויט נישט אַזוי פֿאַר זיך, ווי פֿאַר די קינדער... טיף אין האַרצן האָט ער געבעטן גאָט ער זאָל אָפּהיטן די קינדער פֿון פּײַן און פּײַניקונג, און נאָך מער פֿאַר אַלץ — פֿון שרעק... ווײַל יעדער מאָל, וואָס די קינדערשע אויגן פֿלעגן זיך אָנפֿילן מיט שרעק און די קינדער פֿלעגן זיך טוליען

צו אים, פֿלעגט זײַן האַרץ צעריסן ווערן פֿאַר ווייטיק... האָט דער לערער געבעטן גאָט ער זאָל אים געבן מוט, שטאַרקן אים אין דעם גרויסן ווייטיק, ער זאָל זיך נישט פֿאַרלירן און זאָל האָבן כוח צו מוטיקן די קינדער און זיי ראַטעווען...

אָבער מיט וואָס האָט מען געקאָנט באַשעפֿטיקן די קינ־דער אין פֿינצטערן קעלער? קײַן ביכער און קײַן שרײַב־און מאָל־געצײַג איז נישט געווען, און וואָס צו עסן איז אויך נישט געווען. האָט דער לערער געהאַלטן אין איין דערציילן מעשׂות און נאָכדעם פֿלעגן די קינדער די מעשׂות איבער־דערציילן. אָט אַזוי האָט מען געשטופּט די צײַט און פֿאַרגעסן אָן די צרות.

ס׳איז געווען ערב־פּסח. דער לערער האָט געהאַט אַ סך צו דערציילן וועגן יציאת מצרים. ער האָט פֿאַרגליכן די איצ־טיקע לאַגע מיט דער אַמאָליקער און אַזוי אַרום האָט ער גע־געבן די קינדער האָפֿענונג...

„אויך פֿאַר יציאת מצרים האָט זיך פֿיל מענטשן אויס־געוויזן, אַז ס׳איז עק וועלט, אַז זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט זען מער זייערע קינדער, וואָס זײַנען פֿאַרשלעפּט געוואָרן — געשמידטע אין קייטן — אין אַלע עקן לאַנד. אָבער ווען ס׳איז געקומען די אויסלייזונג, האָבן עלטערן געפֿונען אין מדבר זייערע קינדער, און קינדער — זייערע עלטערן״...

די שטימונג איז בײַ די קינדער געוואָרן אַ לעבעדיקע און דערפֿילנדיק דאָס, האָט דער לערער זיי דערציילט מעשׂות אָן אַ שיעור. ער האָט זיי אויך דערציילט וועגן אליהו הנביא: „גראָד אין דער צײַט ווען ס׳ווײַזט זיך אויס, אַז ס׳קאָן שוין גאָרנישט העלפֿן, קומט אליהו מיט זײַנע וואונדער און ווײַזט,

אַז ס׳איז פֿאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט און מען דאַרף נישט אַרײַנפֿאַלן אין פֿאַרצווייפֿלונג״... האָט דער לערער זיי געטרייסט.

— ס׳איז נישטאָ קיין אליהו הנביא! — האָט אויסגעשריען ווילי, וואָס איז אויפֿגעהאָדעוועט געוואָרן בײַ רײַכע יידיש־דײַטשישע עלטערן — דערציילט אונדז נישט קיין באָבע מעשׂות! מײַן מוטער האָט מיך געלערנט נאָר צו גלייבן אין פֿאַקטן, אמתע פֿאַקטן!

פונקט אין יענעם מאָמענט האָט זיך געעפֿנט די טיר פֿון ווײַן קעלער און אַנשטאָט דעם גלח, וואָס פֿלעגט זיי ברענגען טאָג־טעגלעך עפּעס צום איבערכאַפּן, האָט זיך באַוויזן מיט קלינגענדיקע שפּאָרן אַ קליינע אָפּטיילונג פֿון דײַטשישער פּאָליציי.

— יידישע באַהעלטעניש! — האָבן געררעוועט די געסטאַפּאָ־לײַט — וויפֿל זײַט איר דאָ? ווער האָט אײַך דאָ באַהאַלטן? אַרויס מיטן אמת, שמוציקער יודע! — און ס׳קלינגען די פּעטש אויף דעם לערערס באַקן. — דו שווײַגסט? דו וועסט שוין רעדן בײַ אונדז! ווען מיר וועלן צוריקקומען! גרייט זיך! קיין זכר וועט פֿון אײַך נישט בלײַבן!

און פֿאַרזיגלט פֿון אויסנווייניק איז געוואָרן דער ווײַנקעלער מיט די קינדער און לערער...

די קינדער זײַנען געוואָרן אַזוי דערשראָקן אַז דער לערער האָט זיך שיר אַליין נישט פֿאַרלאָרן.

— בײַ וואָס האַלטן מיר? — האָט זיך דער לערער צעשמייכלט — בײַ אליהון! דעם כוס מיט ווײַן, וואָס יידן שטעלן אויף דעם טיש פֿאַר אליהון, ווײַל יעדער איינער

גלייבט, אַז ער קומט אין דער נאַכט פֿון סדר אַ טרונק טאָן...

— איך וויל נישט הערן פֿון אײַער אליהו! — צעשרײַט זיך ווילי אויף אַ קול. — די געסטאַפּאָ וועט אונדז באַלד קו־מען נעמען און איר דערציילט אונדז מעשׂות...

— וועלוועלע!

דער לערער האָט אַרומגעכאַפּט ווילין וואָס האָט זיך געלאָזט לויפֿן צו דער פֿאַרזיגלטער טיר.

— איך וויל נישט געהרגעט ווערן דאָ! איך וויל גיין צו מײַן מאַמען! — האָט ווילי געשריען.

די קינדער האָבן שטיל געוויינט.

דעם לערער איז געלונגען צו באַרואיקן ווילין און צו־טוליען אים צו זיך ווי אַ קליין קינד. דעם לערערס באַקן האָבן נאָך געפֿלאַמט פֿון די פּעטש, וואָס ער האָט געכאַפּט פֿון די שטורמיסטן און די אויגן האָבן געברענט פֿון אַן אי־נעווייניקסטער תּפֿילה, וואָס ער האָט געטאָן בעטן גאָט, אַז ער זאָל אים געבן שׂכל און מוט צו באַרואיקן די קינדער.

— טײַערע און ליבע קינדער! — צעלאַכט זיך דער לערער אויף אַ קול און גיט זיך אַ קלאַפּ אין שטערן — איך האָב פֿאַרגעסן דעם חשבון! הײַנט איז דאָך דער פֿערצנטער ניסן! ערב־פּסח! איז לאָמיר זיך זעצן צום סדר!

און נאָך איידער די קינדער האָבן געהאַט צײַט אַ פּיפּס צו טאָן, האָט ער מיט אַ טיפֿער שטים גערעדט אַזוי:

— איר פֿאַרשטייט, קינדער? אַלץ אויף דער וועלט איז נישט ווי איר זעט, נאָר ווי איר שטעלט זיך פֿאָר! זעצט זיך אַרום מיר, מאַכט צו אײַערע אויגן, וועט איר זיך פֿאָר־

שטעלן, אַז איר זעט וואָס איך וועל אײַך זאָגן, וואָס איר דאַרפֿט איצט זען! אָט איז אַ לאַנגער טיש מיט אַ שניי־ווײַסן טישטעך באַדעקט. איר זעט די גרינסן און די מצות? די כוסות מיט ווײַן זעט איר? איז לאָמיר פּראַווען דעם סדר. יאַנקעלע! מאַך מיט מיר אינאײנעם קידוש... דו זעסט דאָך דעם ערשטן כוס פֿון די ארבע כוסות?...

דער לערער האָט געמאַכט דעם פּסח־קידוש און יאַנ־קעלע האָט איבערגעחזרט יעדער וואָרט.

— איצט לאָמיר אַלע זאָגן הא לחמא... דאָס איז דאָס אָרעמע ברויט וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געגעסן אין מצרים...

די קינדער האָבן איבערגעחזרט.

— און איצט וועט חנהלע, וואָס איז די ייִנגסטע פֿון אײַך אַלעמען, פֿרעגן די פֿיר קשיות...

חנהלע האָט געפֿרעגט די פֿיר קשיות...

— און איצט וועל איך ענטפֿערן אויף די פֿיר קשיות און זאָגן פֿאַר אײַך אויסנווייניק וואָס איך געדענק פֿון דער הגדה...

— און דערנאָך וועלן מיר טאַקע עסן ווי בײַם סדר? — רופֿט זיך אָן אַ קינד.

— זיכער! — ענטפֿערט דער לערער — מיר וועלן האָבן די שענסטע מאכלים, אויב איר וועט מיך פֿאָלגן און זען וואָס איר דאַרפֿט הײַנט זען!

— אַפֿילו קניידלעך מיט יויך? — פֿרעגט אײנער מיט גרויס הונגער־ווייטיק אין זײַן בויך...

— און אַן איי אין געזאַלצענעם וואַסער? — פֿרעגט אַ צווייטער.

— איך האָב זייער ליב די קאַרטאָפֿל אין געזאַלצענעם וואַסער...

— אַלץ וועלן מיר האָבן! אַ סדר פֿון סדר־לאַנד, קינ־דער! אָבער קניידלעך עסט מען נישט פֿאַר דער הגדה! מאַכט זשע צו די אויגן און הערט זיך צו און איך וועל פֿאַר אײַך לייענען די הגדה!

און דער לערער האָט אָנגעהויבן צו זאָגן אויסנווייניק וואָס ער האָט געדענקט און זינגען אַלע פּסחדיקע ניגונים.

זינגענדיק האָט ער אַזוי ווי געזאָגט זײַן לעצטע תּפֿילה. ער האָט אין זײַן תּפֿילה געבעטן, אַז די קינדער זאָלן אײַנ־שלאָפֿן און נישט פֿילן קיין שרעק פֿאַרן טויט. ער האָט גע־זונגען מיט אַ זיסער שטים. די קינדער זײַנען אַלע אײַנגע־שלאָפֿן. מיט זייערע פֿאַרמאַכטע אויגן האָבן זיי געזען דעם שענסטן סדר מיט טאַטע־מאַמע, וואָס אַ סך פֿון זיי זײַנען שוין געווען אויף יענער וועלט...

אַ לאַנגע צײַט האָט געהערשט אַ טיפֿע שטילקייט אי־בערן ווײַן־קעלער.

מיטאַמאָל האָט ער דערהערט אַז עמעצער פּאָרקעט זיך בײַ דער טיר, וואָס איז געווען פֿאַרשלאָסן פֿון דרויסן... דער לערער האָט געטאָן צו גאָט זײַן לעצטע תּפֿילה:

— גאָט! אויב ס׳איז פֿאַראַן אליהו הנביא, — האָט ער געבעטן בײַ זיך אין האַרצן, — שיק אים צום סדר, וואָס מיר האָבן איצט געפּראַוועט, זאָל ער אַליין דיר ברענגען די נשמות פֿון די אומשולדיקע קינדער... העלף מיר, אַז זיי זאָלן זיך

נישט אויפֿכאַפּן פֿון זייער שלאָף און נישט זען מיט זייערע ליכטיקע אויגן די פֿינצטערע מערדער.

פּלוצעם האָט זיך דערהערט דעם גלחס שטים. ער האָט גערופֿן דעם לערער. באַלד האָט זיך באַוויזן דער גלח מיט אַ ליכט.

— וואָס איז דאָ אַזוי שטיל ביי אײַך, איר טוט תּפֿילה? — האָט דער גלח געפֿרעגט. — אײַער געבעט האָט געהאָלפֿן. די אַמעריקאַנער זײַנען שוין דאָ אין שטאָט, און אָט שטעל איך אײַך פֿאָר דעם טשעפּליין, דעם רב, פֿון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, איזידאָר קאַפּלאַן.

דער לערער איז געבליבן שטיין ווי פֿאַרגליווערט. ער האָט נישט געקאָנט אַפֿילו ענטפֿערן. ער איז אָבער באַלד געקומען צו זיך און זיך צעוויינט אויף אַ קול.

אַז די קינדער האָבן דערהערט דעם לערערס געוויין, האָבן זיי אַלע אויך אָנגעהויבן וויינען.

דער לערער האָט זיי אָבער באַלד באַרואיקט. מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זײַן פּנים האָט ער זיי דערציילט, אַז עס איז געשען אַ נס, אַ גרויסער נס.

— מיר זײַנען פֿרײַ, באַפֿרײַט געוואָרן פֿון די דײַטשישע מערדער. מיר האָבן אַלע געבעטן, אַז אליהו הנביא זאָל קומען, אָט איז ער געקומען — האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם רב פֿון דער אַמעריקאַנער אַרמיי, וואָס איז געקומען און געבראַכט מצות און אַלע פּסחדיקע זאַכן פֿאַר אַלעמען.

— אָבער איידער מיר פֿאַרלאָזן דעם קעלער, קינדער, וויל איך פֿאָרשטעלן פֿאַר טשאַפּליין איזידאָר קאַפּלאַן איינעם פֿון אונדזערע יינגלעך!

דער לערער האָט זיך פֿאַרנויגט פֿאַר ווילין און געזאָגט:

— זײַן נאָמען איז וועלוועלע, אָבער ער וויל נאָר מע זאָל אים רופֿן ווילי אָדער ווילהעלעם.

— אַלזאָ, וועלוועלע־ווילי־ווילהעלעם, וואָס גלויבט נישט אין ניסים און נישט אין באָבע־מעשׂות! באַקען זיך מיט אונדזער אליהו הנביא! גיב דײַן האַנט צום טשאַפּליין און זאָג אים, אַז פֿון איצט אָן וועסטו גלויבן אַז עס איז פֿאַראַן אַן אליהו הנביא...

יום העצמאות

איך וויל נישט בייטן מיין נאָמען

און זינט דאָס זעקס־יאָריקע מיידעלע איז אַרײַן אין ערשטן קלאַס פֿון דער דאָרף־שול, קומט זי אַהיים יעדן טאָג אַ ברוגזע.

אויף וועמען איז דאָס זעקס־יאָריקע מיידעלע אין כּעס? נישט אויף דער לערערין. פֿאַרקערט, די לערערין האָט זי ליב ווי דאָס לעבן! ווען אַנדערע קינדער וואָלטן זי נישט אָפּגעשטופּט, וואָלט זי געהאַלטן דער לערערינס האַנט אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, אַפֿילו נאָך דעם, ווי זי פֿירט צו די לערערין ביז איר הויז, וואָס געפֿינט זיך אויפֿן סאַמע עק פֿון דאָרף.

מיינט איר דאָך זיכער, אַז דאָס זעקס־יאָריקע מיידעלע איז אין כּעס, ווײַל זי האָט פֿײַנט די דאָרף־שול? האָט איר אויך נישט געטראָפֿן!

דאָס קליינע מיידעלע האָט אַזוי ליב די שול, וואוהין מען האָט זי הײַ־יאָר אַריבערגעפירט פֿון קינדער־גאָרטן, אַז זי וואָלט געבליבן אין שול אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט.

אויף וועמען־זשע פֿאָרט איז דאָס מיידעלע ברוגז?

אויף איר אייגענער מוטער.

און פֿאַרוואָס מיינט איר, איז דאָס מיידעלע אין כעס אויף איר מוטער גראָד ווען זי קומט אַהיים פֿון שול?

ווײַל זי איז מקנא אַלע קינדער פֿון איר קלאַס...

פֿאַרוואָס איז זי זיי אַזוי מקנא?

הערט זיך צו וועט איר פֿאַרשטיין!

אין דעם ערשטן קלאַס פֿון דער דאָרף־שול פֿאַרציט די לערערין יעדן איינעמס נאָמען: רותן רופֿט זי רותעלע, חנהן רופֿט זי חנהלע, רינהן רופֿט די לערערין רינהלע, דינהן — דינהלע. נאָר איר נאָמען פֿאַרציט די לערערין נישט. זי רופֿט זי בלויז „עצמאות" (אַצמאַאוט). פֿאַרדריסט עס דעם קליינעם מיידעלע ביז גאָר, וואָס די מאַמע האָט איר געגעבן אַזאַ שווערן נאָמען. די לערערין קאָן אים נישט פֿאַרציען.

קומט דערפֿאַר עצמאות אַהיים יעדן טאָג פֿון דער שול אַ ברוגזע און פֿול מיט כעס אויף איר מוטער. זי גיט אַ שלײַדער אירע ביכלעך אויפֿן דיל און בלײַבט זיצן, אָפֿט־מאָל, מיט טרערן אין אירע אויגן.

און ווען די מוטער אירע בעט זיך בײַ איר, זי זאָל עפּעס טרינקען, אָדער נעמען אַ שטיקל פֿרוכט אין מויל אַרײַן, גיט זי זיך נאָכאַמאָל אַ וואָרף און שרײַט אויס מיט אַ געוויין:

קיין אַנדער נאָמען האָסטו מיר נישט געקאָנט געבן? נאָר אַזאַ נאָמען, אַז די לערערין זאָל מיך נישט קאָנען ליב האָבן? עצמאות! עצמאות! איך וויל אַז די לערערין זאָל מיך אויך ליב האָבן! זי זאָל אויך מײַן נאָמען פֿאַרציען!

— אָבער דײַן נאָמען, קינד מײַנס, לאָזט זיך נישט פֿאַרציען! ער איז שיין נישט פֿאַרצויגענערהייט! — בעט זיך נעבעך די מוטער בײַ איר טעכטערל — איז דען „עצמאות" נישט שענער פֿון „עצמאותעלע"? האָב איך דען אַליין אויסגעקליבן פֿאַר דיר דעם נאָמען? דער טאַטע האָט דאָך געוואָלט דעם נאָמען!

— דער טאַטע?

ווען דאָס מיידעלע הערט דאָס וואָרט „טאַטע" ווערט זי ווייכער און חזרט איבער אין אַ פֿליסטער:

— דער טאַטע? טאָ, דערצייל מיר ווי אַזוי האָט דער טאַטע אויסגעקליבן דעם נאָמען?

אַזוי בעט זיך בײַ דער מוטער איר טעכטערל יעדן טאָג. זי ווייסט טאַקע פֿון אויסנווייניק די גאַנצע מעשה, אָבער עס ווילט זיך איר שטענדיק הערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל...

— דערצייל מיר! — פֿאָדערט דאָס קינד און די מוטער פֿאָלגט און דערציילט:

„עס איז נאָך געווען פֿינצטער אין דרויסן... די הענער האָבן נאָך געקרייעט מיט זייער בײַנאַכטיקן קרייען... עס האָט זיך דערהערט אַ קלאַפּ אין דער שויב פֿון פֿענצטער. מיר זײַנען שוין סײַ ווי סײַ נישט געשלאָפֿן, נישט איך, נישט דער טאַטע, ווײַל מיר האָבן געוואַרט אויף דעם קלאַפּ... דער טאַטע האָט געוואוסט, אַז מען וועט אים קומען רופֿן.

ער האָט זיך אויף שנעל אָנגעטאָן. איך האָב אויפֿגעקאָכט וואַסער, כדי צו מאַכן פֿאַר אים אַ גלאָז טיי. — טרינק די טיי! — זאָג איך צו אים, — איך וויל נישט זאָלסט אַרויס־גיין פֿון הויז אויפֿן ניכטערן מאָגן...

ענטפֿערט ער מיר: „אויב איך וועל טרינקען די טיי, וועל איך נישט האָבן קיין צײַט דיר צו זאָגן דאָס, וואָס איך דאַרף דיר זאָגן, איידער איך פֿאַרלאָז דאָס הויז צו גיין צום פֿראָנט..." ענטפֿער איך: „רעד! איך הער זיך צו!"

זאָגט דער טאַטע אַזוי: „זאָג מיר צו, אַז דו וועסט טאָן וואָס איך בעט בײַ דיר!"

ענטפֿער איך: „אַוודאי וועל איך טאָן וואָס דו זאָגסט מיר אָן!"

זאָגט דער טאַטע: „אויב איך וועל זיך אומקערן בשלום פֿון פֿראָנט וועלן מיר ביידע צוזאַמען אַ נאָמען געבן אונ־דזער קינד „עצמאות", צי עס וועט זײַן אַ ייִנגל, צי עס וועט אונדז געבוירן ווערן אַ מיידעלע".

„עצמאות"! חזר איך איבער גאַנץ שטיל, אָבער נאָך איידער איך וויל אַ פֿרעג טאָן פֿאַרוואָס גאָר עצמאות, זאָגט דער טאַטע אַזוי:

„די מלחמה וואָס מיר פֿירן איצט איז דאָך פֿאַר „עצמאות", זעלבסטשטענדיקייט, נישט אַזוי?"

אָבער איידער איך האָב באַוויזן אים צו ענטפֿערן, אַז ער איז גערעכט, האָט זיך דערהערט אין פֿענצטער דער צווייטער קלאַפּ, וואָס דער טאַטע האָט געוואַרט אויף אים. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן זײַן היטל, זײַן ביקס און איז אַרויסגע־לאָפֿן פֿון הויז. איך בין אים נאָכגעלאָפֿן. איך האָב אים גע־

וואָלט זאָגן, אַז איך וועל טאָן דאָס, וואָס ער וויל, און איי־דער איך האָב געעפֿנט מײַן מויל, האָט ער צו מיר אַרונ־טערגעשריִען פֿון לאַסט־אויטאָמאָביל, וואו ער איז שוין גע־שטאַנען צווישן פֿיל אַזעלכע סאָלדאַטן ווי ער:

— גערדענק! עצמאות!

איך האָב בלויז אַ מאַך געטאָן מיט מײַן האַנט און שטיל איבערגעחזרט בײַ מיר אין האַרצן: „עצמאות״!

דער טראָק האָט זיך אָפּגעריסן פֿון אָרט און איז פֿאַר־שוואונדן אַרום ראָג און איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען און האָב נאָך אַלץ איבערגעחזרט: „עצמאות״... איך האָב דעם טאַטן שוין מער נישט געזען פֿון דענסטמאָל אָן, אָבער מײַן צוזאָג צו אים האָב איך געהאַלטן, און דערפֿאַר האָב איך דיר אַ נאָמען געגעבן „עצמאות״.

די מוטער בלײַבט שטיל. דאָס זעקס־יאָריקע מיידעלע זיצט פֿאַרטראַכט, אַרומגענומען אירע קני מיט די הענט־לעך. זי האַלט אין איין איבערחזרן אין אַ פֿליסטער — „עצמאות״, „עצמאות״ און בײַ איר אין קעפּעלע דרייט זיך אַ קליין געדאַנקעלע:

„אויב דער טאַטע האָט געזאָגט „עצמאות״, איז דאָס, מסתמא, ווײַל עס איז אים געפֿעלן דער נאָמען״. זי זיצט שטיל אַ שטיקל צײַט, די בלויע אייגעלעך צוגעקלעפּט צום פֿענצטער, גלײַך ווי זי זעט דאָרט איר טאַטן וועמען זי האָט קיינמאָל נישט געזען... זי טראַכט און טראַכט און ענדלעך זאָגט זי שטילערהייט:

— אַזוי האָט דער טאַטע געוואָלט? — „עצמאות״?

אָבער אויף מאָרגן, ווען דאָס זעקס־יאָריקע מיידעלע

קומט אַהיים פֿון דער שול וויינט זי נאָכאַמאָל; זי איז נאָכ־אַמאָל מקנא אַלע אירע חברטעס וואָס די לערערין האָט זיי אַזוי שטאַרק ליב אַז זי פֿאַרציט זייערע נעמען...

זי שלײַדערט נאָכאַמאָל אַוועק אירע ביכלעך אויפֿן דיל און וויל נאָכאַמאָל נישט נעמען אין מויל אַרײַן נישט די מילך, נישט די באַנאַנע, וואָס די מאַמע האָט פֿאַר איר אָנ־געגרייט.

עס טרעפֿט אַמאָל אַז די מאַמע ווערט אַזוי אין כעס, אַז זי זאָגט צום טעכטערל:

— אויב דו וועסט נישט אויפֿהערן מקנא צו זײַן דײַנע חברטעס וועל איך גיין צו דער לערערין און זי בעטן, אַז זי זאָל פֿאַרציען אויך דײַן נאָמען און זאָל דיך רופֿן עמצאות־לע! געפֿעלט דיר אַזאַ נאָמען — עצמאותעלע? יאָ? קלינגט נישט שענער דער נאָמען, וואָס דער טאַטע האָט אויסגע־קליבן פֿאַר דיר? פּשוט — עצמאות?

דאָס מיידעלע הערט אויף צו וויינען און זאָגט בלויז: „גיי נישט איצט צו דער לערערין! זאָל זײַן אַן אַנדערש מאָל..."

איינמאָל איז געקומען דער בריוו־טרעגער און האָט געבראַכט אַ בריוו. ווען די מאַמע האָט געעפֿנט דעם קאָנווערט, האָט זי דאָרט געפֿונען צוויי העל־בלויע בילעטן.

— דאָס האָט דער נשיא (נאָסי, פּרעזידענט) אַליין אונדז צוגעשיקט די צוויי בילעטן, — האָט די מאַמע דערקלערט דעם זעקס־יאָריקן מיידעלע, — בילעטן צו דער פֿײַערונג

פֿון יום העצמאות (צום טאָג פֿון דער זעלבסטשטענדיקײַט) פֿון אונדזער מדינה.

אויף מאָרגן האָט די מאַמע אויסגעפּוצט איר טעכטערל אין אַ נײַ קלייד, וואָס זי האָט צוגעגרייט ווי אַ סורפּריז און אויסגעבונדן אַ גרויסן באַנד אויף איר קעפּל. אויך די מאַמע האָט אָנגעטאָן איר שענסט קלייד. זיי האָבן זיך ביידע געלאָזט גיין צום שליאַך וואַרטן אויפֿן באָס, וואָס פֿאָרט קיין חיפֿה. ווען זיי זײַנען אָנגעקומען אין שטאָט אַרײַן, זײַנען שוין די גאַסן געווען פֿול מיט יום־טובדיק געקליידעטע מענטשן. אַלע האָבן זיך געשטופּט צום כרמל־באַרג. אויף די טעראַסעס זײַנען שוין געזעסן אויף בענק און שטולן טויזנטער געסט. אַלע אַרײַנגאַנגען צום באַרג זײַנען געווען פֿאַרצאַמט מיט געפֿלאָכטענע העל־בלויע און ווײַסע שטריק. די יונגע ווערכטער, וואָס האָבן געהיט די אַרײַנגאַנגען, זײַנען אויך געווען אָנגעטאָן אין בלויע הויזן מיט ווײַסע העמדלעך, און אויף די קעפּ האָבן זיי געטראָגן קײַלעכדיקע ווײַס־בלויע היטעלעך.

ווען עצמאותעס מאַמע האָט געוויזן די צוויי בילעטן, וואָס דער בריוו־טרעגער האָט איר געבראַכט, האָט דער היטער באַלד אַרונטערגענומען די ווײַס־בלויע שטריק פֿון דעם אַרײַנגאַנג און זי אַרײַנגעפֿירט מיט איר טעכטערל.

אַ שטיקל צײַט זײַנען מאַמע און טעכטערל געזעסן צוזאַמען.

מיטאַמאָל האָט איינער אויסגערופֿן אין אַ מיקראָפֿאָן: „אַלע מיידלעך, וואָס זייער נאָמען איז עצמאות זאָלן אַרונטערקומען פֿון שפּיץ באַרג און פֿאַרנעמען די ערשטע רייען,

לינקס פֿון דער בינע; אַלע ייִנגלעך, וואָס זייער נאָמען איז עצמאות זאָלן אַרונטערקומען און פֿאַרנעמען די ערשטע רייען, רעכטס פֿון דער בינע!

עצמאות האָט זיך געפֿילט זייער שטאָלץ און גליקלעך, וואָס זי זיצט אַזוי נאָענט צו דער בינע, וואו עס זיצט דער נשיא (דער פּרעזידענט) פֿון מדינת ישראל. זי האָט גע־האַלטן אין איין אַרומקוקן זיך. עס האָט זי שטאַרק פֿאַר־דראָסן, וואָס איר מאַמע זיצט אויפֿן סאַמע שפּיץ באַרג אין די לעצטע רייען פֿון אַמפֿי־טעאַטער. אָבער פּלוצעם האָט מען נאָכאַמאָל אויסגערופֿן אין מיקראָפֿאָן: „אַלע מאַמעס, אַלע פֿרויען, וואָס זייערע מאַנען האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן פֿאַר דער זעלבסטשטענדיקייט פֿון דער מדינה, זאָלן פֿאַרנעמען די ערשטע רייען אין סאַמע מיטן פֿון אַמפֿי־טע־אַטער, ביי דער סאַמע בינע...״

ווען עצמאות האָט דערזען איר מוטער זיצן נאָענט אי צו איר, אי צום נשיא פֿון דער מדינה, האָט זי זיך באַרו־איקט און זיך צוגעגרייט צו הערן. זי האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער נשיא אַליין וועט באַלד ריידן, ווייל ער האָט זיך אויפֿ־געשטעלט פֿון זיין אָרט.

עצמאות האָט זיך געוואָלט גוט צוהערן צום נשיאס ווערטער, כדי זי זאָל אַלץ געדענקען און קאָנען איבערחזרן זיינע ווערטער פֿאַר דער לערערין און פֿאַר אירע חברטעס פֿון קלאַס. אָבער דער נשיא האָט גערעדט אַזוי שנעל, אַז זי האָט נישט געקאָנט כאַפּן אַלע זיינע ווערטער. איין וואָרט האָט זי יאָ געכאַפּט — עצמאות.

יעדער מאָל, וואָס דער פּרעזידענט האָט אַרויסגערעדט

איר נאָמען האָט דער עולם אַזוי אַפּלאָדירט, אַז דער גאַנצער כרמל און די העל־בלויע לופט אַרום באַרג האָבן געציטערט פון פרייד און פון שטאָלץ.

פון גרויס פרייד האָט דאָס זעקס־יאָריקע מיידעלע אויך געקלאַפּט מיט די הענטלעך און געטראַכט אַזוי: „ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז מיין נאָמען, עצמאות, געפעלט אַזוי דעם נשיא, וואָלט איך נישט געוויינט, וואָס די לערערין פאַרציט אים נישט״...

און ווען זי איז נאָכן פאַראַד פון יום העצמאות געפאָרן אַהיים אין איר דאָרף אַריין, האָט זי, האַלטנדיק דער מו־טערס האַנט, געזאָגט צו איר מיט שטאָלץ:

— ס׳אַרט מיך נישט, וואָס די לערערין פאַרציט נישט מיין נאָמען! אויב אונדזער נשיא האָט איבערגעחזרט אַלע ווײַלע מיין נאָמען, איז דאָך אַ סימן, אַז עס איז דער שענ־סטער נאָמען אין דער וועלט! איך פאַרשטיי איצט פאַר־וואָס דער טאַטע האָט אויסגעקליבן פאַר מיר דעם נאָמען עצמאות. איך וויל אים נישט בייטן אויף אַן אַנדער נאָמען!

ראַמיס בעסטער יום־טוב

ווען מען וואָלט פלוצעם אַ פֿרעג געטאָן ראַמין, וועלכער יום־טוב ס׳געפֿעלט אים מער פֿון אַלע יום־טובים, וואָלט ער אפֿשר באַלד נישט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערן, ווײַל ראַמי האַלט פֿון אַלע יום־טובים. נישטאָ קײַן איין יום־טוב, אין וועלכן ער געפֿינט נישט קײַן שיינקײַט און אמתן פֿאַרגעניגן.

פורים האָט ער ליב, ווײַל פורים קאָן מען זיך פֿאַרשטעלן, אָנטאָן אַ מאַסקע אויפֿן פנים...

פֿון חנוכה האַלט ער, ווײַל חנוכה באַקומט ער חנוכה־געלט, אי פֿון זײַנע עלטערן, אי פֿון אַלע קרובים.

פסח האָט ער ליב ביז גאָר! — ערשטנס, איז דאָס דער יום־טוב פֿון באַפֿרײַאונג, און ווער האָט עס נישט ליב זיך צו פֿילן ווי אַ באַפֿרײַטער מענטש?

אָפּטמאָל דוכט זיך ראַמין, אַז ער אַליין איז געווען אַ שקלאַף בײַ פרעה מלך מצרים, און אַז אים האָט מען באַפֿרײַט צוזאַמען מיט די, וואָס האָבן געשקלאַפֿט אין מצרים בײַם שלעכטן קעניג פרעה!

צווייטנס, געפֿעלט אים פסח צוליב זײַן העלד. ראַמי האַלט, אַז יעדער יום־טוב האָט זיך זײַן אייגענעם העלד. אַזוי ווי מרדכי און אסתר זײַנען די העלדן פֿון פורים, מתתיהו מיט זײַנע זין זײַנען די העלדן פֿון חנוכה, אַזוי איז משה רבנו דער העלד פֿון פסח. און דער העלד פֿון פסח געפֿעלט

אים ביז גאַר, ווײַל ער האָט באַפרײַט די ייִדן פֿון קנעכט־שאַפֿט...

איז אַ וואונדער וואָס ער האַלט אַזוי פֿון דעם יום־טוב פּסח?

אָבער עס איז פֿאַראַן נאָך אַ זאַך, וואָס געפֿעלט אים אין דעם יום־טוב פּסח, — פּסח איז אַ לאַנגער יום־טוב, אַ יום־טוב, וואָס מען פּראַוועט אין מדינת ישראל גאַנצע זיבן טעג!

אָבער מיינט נישט, אַז ראַמי האַלט פֿון אַ לאַנגן יום־טוב, ווײַל ער האָט פֿײַנט זײַן שול, אָדער ווײַל ער פֿילט זיך אויפֿצושטיין גאַנץ פֿרי צו גיין אין שול!

פֿאַרקערט! אין די וואָכנטעג איז ער דער ערשטער אויפֿצושטיין, און נאָך איידער זײַן מאַמע גיט אים אָנבײַסן, איז ער שוין גרייט אַ כאַפּ צו טאָן זײַנע ביכער און לויפֿן אין שול אַרײַן.

פֿאַרוואָס־זשע, מיינט איר, האַלט ער ביז גאַר פֿון אַ לאַנגן יום־טוב ווי, למשל, פּסח?

ווײַל אין אַ לאַנגן יום־טוב קאָן ער פֿאַרברענגען מיט זײַן פֿאָטער, — און דעם פֿאָטער האָט ראַמי ליב מער פֿון יעדן איינעם אין דער וועלט!

ווען זײַן פֿאָטער איז אין דער היים, שפּילט זיך נישט ראַמי מיט זײַנע חברים, ער קוקט נישט איבער די בילדער פֿון זײַנע ביכער... עס גייט אים אַפֿילו נישט אָן צונויפֿ־צושטעלן עראָפּלאַנען, אָדער אויטאָמאָבילן, אָדער אַפֿילו באַ־נען.

ראַמי הערט נישט אויף צו קוקן אויף זײַן פֿאָטער ווען

ער איז אין דער היים, און מער נאָך ווען זיי גייען ביידע צו־זאַמען אַרויס אויף אַ שפּאַציר.

אַט טאַקע צוליב די שפּאַצירן האַלט ראַמי אַזוי פֿון אַ לאַנגן יום־טוב, ווײַל דעמאָלט קאָן ער פֿאַרברענגען מיט זײַן פֿאָטער אַזוי פֿיל טעג נאָכאַנאַנד!

איז אַ וואונדער וואָס ראַמין איז אַזוי אומעטיק געוואָרן, ווען עס איז אויסגעגאַנגען דער ליבער יום־טוב פּסח און זײַן פֿאָטער האָט געמוזט אַוועקגיין אויף זײַן נאַכט־אַר־בעט?

ראַמי איז דאָס מאָל געבליבן זיצן אַזוי אומעטיק און בלייך, אַז זײַן מוטער האָט געמיינט, אַז ער איז חלילה קראַנק.

ראַמי האָט איר פֿאַרזיכערט:

— איך האָב נישט קײַן היץ! עס איז מיר גאָרנישט! עס איז מיר בלויז אַ ביסל אומעטיק, ווײַטער גאָרנישט.

ראַמיס מוטער מוז אים גלויבן. זי קאָן איר זונעלע. זי ווייס ווי ראַמי איז פֿאַרליבט אין זײַן פֿאָטער. יעדן סוף יום־טוב ווערט ער פֿאַרזאָרגט, ווי נאָר זײַן פֿאָטער גייט אַוועק צו דער נאַכט־אַרבעט.

עס טוט דער מאַמען וויי דאָס האַרץ פֿאַר איר קינד. זי ווייס פֿאַרוואָס ראַמי איז אַזוי טרויעריק, — ער בענקט שוין נאָך זײַן פֿאָטער. זי וויל אים אָבער טרייסטן, זאָגט זי:

— אַט האָסטו דאָך באַלד אַן אַנדער יום־טוב! אין צוויי שבתים אַרום — יום העצמאות — וועסטו קאָנען פֿאַרברענגען מיטן טאַטן אַ גאַנצן אָוונט און אַ גאַנצן טאָג!

— די מאַמע איז גערעכט — טראַכט ראַמי — בלויז

קאַרגע צוויי וואָכן און עס וועט ווידער זײַן אַ גרויסער יום־טוב — יום העצמאות! (דער טאָג פֿון זעלבסטשטענדיקײַט).

— יום העצמאות — זאָגט ער איבער שטילערהייט און ווערט פֿריילעכער.

ראַמי צעשמייכלט זיך צו זײַן מוטער און גייט צו זיך אין צימער אַרײַן. ער טוט זיך באַלד אויס און לייגט זיך אַרײַן אין בעט. בלײַבן מיט זײַנע געדאַנקען, מיט זיך אַליין.

ראַמי ווײַס גאַנץ גוט, אַז דעם קומענדיקן יום־טוב, דעם טאָג פֿון „עצמאות" וועט זײַן פֿאָטער נישט פֿאַרברענגען מיט אים, ווײַל אין דעמדאָזיקן טאָג מוז זײַן פֿאָטער מאַרשירן אין דעם גרויסן פּאַראַד צוזאַמען מיט די רעשט־לעך פֿון זײַן פלוגה (אָפּטייל). אַזוי איז געווען פֿאַראַיאָרן און אַזוי וועט זיכער זײַן אויך הײַ־יאָר. אָבער עס אַרט אים נישט. ער האָט ליב נאָכצופֿאָלגן מיט די אויגן דעם גרויסן פּאַראַד און וועלכן זײַן טאַטנס פלוגה מאַרשירט די ערשטע. עס דוכט זיך ראַמין אַז עס איז נישטאָ נאָך אַזאַ שיינע פלוגה ווי זײַן טאַטנס, כאָטש זי איז איינע פֿון די גאָר קליינע... און פֿאַרוואָס, מיינט איר, איז זי אַזוי קליין? ווײַל אַ סך פֿון זײַן טאַטנס חברים זײַנען געפֿאַלן אין קריג פֿאַר דער באַ־פֿרײַאונג פֿון לאַנד... — די געפֿאַלענע זײַנען זייער גרויסע העלדן! — דערציילט אים אַלעמאָל זײַן פֿאָטער.

כאָטש זײַן פֿאָטער רעדט קיינמאָל נישט וועגן זײַן אייגענער גבורה, פֿאַרשטייט ראַמי, אַז אויך זײַן פֿאָטער איז אַ העלד, כאָטש ער איז אַרויס אַ לעבעדיקער פֿון דער מלחמה.

נישט איינמאָל פֿאַרדריסט ראַמין אויף זײַן פֿאָטער,

פֿאַרוואָס ער דערציילט נישט וועגן זײַן העלדישקײַט בײַם אײַננעמען דאָס בערגל 513.

— דו ביסט דאָך אויך פֿאַרוואונדעט געוואָרן דעמאָלט! פֿאַרוואָס־זשע רעדסטו נאָר וועגן דער גבורה פֿון אַנדע־רע? — פֿרעגט ראַמי.

אָבער זײַן פֿאָטער ענטפֿערט אים שטענדיק אָפּ מיט אַ שמייכעלע:

— ווער בין איך, ראַמי? געווען אַזעלכע ווי איך אַ סך! די הויפּטזאַך איז דאָס בערגל! בלויז איין בערגל, וואָס טראָגט אויף זיך דעם נומער 513, און ווײַל מען האָט עס אײַנגענומען, איז עס אַרויף אויף אונדזער מאַפּע, אויף דער מאַפּע פֿון מדינת ישראל!

דערפֿאַר טאַקע קוקט ראַמי מיט אַזאַ ליבע אויף דער מאַפּע פֿון מדינת ישראל... יעדער מאָל ווען די לערערין לערנט לויט דער מאַפּע, וואַרפֿט ער צום אַלעם ערשטן זײַן בליק אויף בערגל נומער 513.

זײַן טאַטע איז אַן אמתער העלד! ווען ער וואָלט נישט געווען אַזאַ גרויסער העלד, וואָלט מען אים נישט אַרויפֿ־גערופֿן אויף דער בינע, און ווער? די גרעסטע מענטשן פֿון דער מדינה!...

ווען דער פּאַראַד האָט זיך געענדיקט און זײַן פֿאָטער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זײַנע חברים און פֿרײַנט, און איז צוגעגאַנגען צו אים, איז ראַמי געווען אַזוי איבערראַשט פֿון גליק, אַז ער האָט קײַן וואָרט נישט געקאָנט אַרויסריידן... ער האָט בלויז געקוקט אויפֿן טאַטן, אויף זײַן העלד, און געשוויגן...

שוויַיגנדיק האָבן זיי געשפּאַנט צוזאַמען, און ווען זיי האָבן ביידע ענדלעך געפֿונען די מאַמע, האָט זיך אים גע־וואָלט אויסרופֿן: — אָט איז ער, אונדזער העלד, מאַמע! אָבער ער האָט געשוויגן.

אויך צום טאַטן האָט ער קיין וואָרט נישט אויסגערעדט דעם גאַנצן וועג ביז וואַנען זיי זיַינען אָנגעקומען אַהיים.

— זאָל די מאַמע ריידן מיטן טאַטן איצט, — האָט ער געטראַכט, — איך וועל ריידן מיט מיַין העלד שפּעטער!

אָבער אַפֿילו נאָכדעם ווי ער איז געבליבן אַליין מיטן טאַטן, האָט ראַמי קיַין וואָרט נישט געזאָגט צו אים. ער האָט בלויז געקוקט אויפֿן טאַטן און געשוויגן... וויַיל וואָס, אייגנטלעך, קאָן ער זאָגן זיַין פֿאָטער נאָך דעם פּאַראַד פֿון יום העצמאות? דער טאַטע ווייס אַליין וואָס ער טראַכט וועגן אים...

ער איז צוגעגאַנגען צום טאַטן, אויסגעשטרעקט אים זיַין האַנט, ווי ער טוט עס אַ סך מאָל, ווען זיי פֿאַרמעסטן זיך, ער מיטן טאַטן, וועמעס האַנט דריקט שטאַרקער...

דאָס מאָל דריקט זיַין טאַטע אַזוי שטאַרק זיַין האַנט, אַז ראַמי קאָן דעם אָטעם נישט כאַפּן פֿון ווייטיק...

— נישט אַזוי שטאַרק, פּאַפּאַ! — שריַיט ראַמי אויף אַ קול — דו ביסט טאַקע אַ העלד; האָסט טאַקע געהאָלפֿן איַיננעמען דאָס בערגל 513, אָבער, איך בעט דיך, האָב רחמנות אויף מיַין האַנט!...

***

ווען ראַמי האָט ענדלעך געעפֿנט זיַינע אויגן האָט ער זיַין פֿאָטער נישט געפֿונען לעבן זיך און זיַין האַנט האָט

נישט ווי געטאָן פֿון אַ שטאַרקן האַנט־דרוק...
ראַמי איז געווען אַליין... אין בעט...
דורכן פֿענצטער האָט אַרײַנגעקוקט אַ העלע זון. ראַמי האָט זיך עטלעכע מאָל אַרומגעקוקט. ער האָט דערזען דעם זייגער און — פֿאַרשטאַנען... ער האָט זיך שנעל אָנגעטאָן, זיך אַרומגעוואַשן. ווען זײַן מוטער האָט אים דערלאַנגט דעם פֿרישטיק האָט ער נאָך אַלץ געטראַכט זײַנען געדאַנקען וועגן יום־טובים און וועגן זייערע העלדן...
ווען ער איז פֿאַרטיק געוואָרן מיטן פֿרישטיק האָט ער אויסגערופֿן צו זײַן מוטער:
— מאַמע! ווען דו וואָלסט מיך איצט אַ פֿרעג געטאָן וואָס פֿאַר אַ יום־טוב איך האָב מער ליב פֿון אַלע יום־טובים, וואָלט איך שוין געוואוסט וואָס דיר באַלד צו ענטפֿערן — יום העצמאות! ווייסטו פֿאַרוואָס, מאַמע?
— פֿאַרוואָס, ראַמי?
— ווײַל דאָס איז דער יום־טוב פֿון מײַן באַליבסטן העלד...
אויפֿן וועג אין שול אַרײַן, האָט ער באַגעגנט זײַן חבר און צו אים אויסגערופֿן:
— טרעף, דני, ווער איז דער העלד פֿון דעם יום־טוב וואָס קומט באַלד צו אונדז, פֿון דעם יום העצמאות?
— ווער? —וואונדערט זיך דני.
— ווער? מײַן טאַטע, דני?
— אויך מײַן טאַטע, ראַמי! ער איז דאָך אויך געווען אין יענער פלוגה!
— גערעכט! אויך דײַן טאַטע, דני!

שבועות

נורית ברענגט ביכורים

נורית וואוינט אין דעם מושב עובדים וואָס הייסט „בית שערים״, אין עמק יזרעאל. נורית איז אַ בת־יחידה, אַן איינציקע טאָכ־טער. די מאַמע האָט פֿון איר צו זינגען און צו זאָגן ביז וואַנען עס געלינגט איר אַרײַנצושטופּן אין נוריתעס מויל אַ ביסל עסן.

נוריתעס מוטער האָט זייער פֿיל אַרבעט, זי ווייסט קיינ־מאָל נישט צו וואָס פֿריער זיך צו נעמען: צי אַנידערשטעלן די בלעכן אָנגעמאָלקענע פֿרישע מילך אונטערן שאָטנדיקן בוים בײַם וועג, כדי דער לאַסט־אויטאָמאָביל פֿון דעם קאָ־אָפּעראַטיוון דאָרף זאָל זיי וואָס גיכער פֿאַרנעמען; צי זאָל זי גיין אין שטאַל אַוועקנעמען די קעלבלעך פֿון זייערע מאַ־מעס און זיי אַרויסטרײַבן אויף דער פֿרישער לופֿט; צי זאָל

זי אָנרײַסן די צײַטיק־געוואָרענע רויזן און זיי אַוועקטראָגן אין קאָאָפּעראַטיוו, כדי מע זאָל זיי אַוועקפֿירן קײַן חיפֿה צום פֿאַרקויף. צענדליקע אַרבעטן האָט נוריתעס מוטער צו טאָן — אָבער צו אַלעם ערשטן דאַרף מען נוריתן צוגרייטן אין שול און דאָס לאָזט זיך נישט טאָן אַזוי גרינג.

נורית האָט, חלילה, נישט פֿײַנט די שול! פֿאַרקערט, זי רײַסט זיך צו גיין אין שול אַרײַן. זי איז דאָך, ווי געזאָגט, „אַן איין־איינציקע״, און בײַ זיך אין דער היים האָט זי נישט מיט וועמען אַרויסצורעדן אַ וואָרט, אַ חוץ מיט דעם גרויסן הונט, וואָס הייסט „דובה״, וואָס ליגט אַ גאַנצע נאַכט בײַ דעם לול (הינער־שטאַל) און דרעמלט מיט איין אייגל. דובה היט אויך בײַטאָג, אַז די קאַץ זאָל זיך נישט צוכאַפּן צו די יונגע הינדעלעך און טײַבעלעך. איז מיט וועמען זאָל נורית פֿאַרברענגען?...

נורית לויפֿט טאַקע מיט גרויס חשק אין שול אַרײַן ווען די מוטער מאַכט זי גרייט, אָבער עס איז נישט פֿון די לײַכטע זאַכן צוצוגרייטן נוריתן. מילא, אָנטאָן און זיך צוקעמען לאָזט זי זיך איינס און צוויי. פֿאַרבינדן די האָר מיט אַ שיינער סטענגע — דאָס געפֿעלט איר. ווען די מאַמע מאַכט פֿון דער סטענגע אַ גרויסן שלייף — איז זי גאָר צופֿרידן און קוקט עטלעכע מאָל אין שפּיגל אַרײַן. אָבער טרינקען אַ גלאָז מילך, עסן אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער איידער זי גייט אַרויס פון הויז — דאָס איז אַ שווערע זאַך!

נישט ווינציק צרות האָט נוריתעס מאַמע און נישט ווינציק מעשׂות דאַרף זי דערציילן נוריתן ביז זי זעט דאָס גלאָז האַלב ליידיק און דאָס שטיקל ברויט האַלב אויפֿגעגעסן.

איצט שטעלט זיך פֿאַר וויפֿיל שוועריקייטן נוריתעס מוטער האָט מיט איר ביז זי זעט מיטאָגצײַט איר טעכטערלס טעלער כאָטש האַלב ליידיק.

אָבער אין דעם טאָג פֿון ערב שבועות האָט שוין די מוטער גאָרנישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט נוריתן: נו־ריתעס מויל איז פֿול מיטן עסן און דאָס עסן גליטשט זיך גאָרנישט אַרונטער!

נורית הערט גאָרנישט די מעשות, וואָס די מוטער וויל מיט זיי פֿאַרדרייען איר טעכטערל די ציין, אַז זי זאָל וואָס שנעלער צעקײַען און אַרונטערשלינגען דאָס, וואָס סע גע־פֿינט זיך אין איר מויל. נאָר איין איינציקע זאַך ליגט איר אין זינען:

— וואָסערע ביכורים (ביקורים) זאָל איך ברענגען? — לאָזט נורית אַרויס אַ געשריי ווען עס ווערט איר אַ ביסל גראַמער אין מויל נאָכדעם ווי זי שלינגט אַרונטער אַ ביסן.

— וועסט ברענגען וואָס אַלע קינדער ברענגען! — ענטפֿערט די מוטער אַ ביסל אין כעס, — וואָס מיינסטו זײַ־נען ביכורים? די ערשטע און די שענסטע פּרוכטן פֿון דעם גאָרטן, פֿון דעם פֿעלד. מיר האָבן גענוג שיינע ביכורים...

אָבער נורית איז נישט צופֿרידן מיט איר מוטערס ענט־פֿער, ווײַל זי וויל ברענגען אין שול אַרײַן די שענסטע ביכורים.. זי וויל נישט ברענגען דאָס, וואָס אַנדערע קינדער וועלן ברענגען, ווען עס וועט פֿאָרקומען דער גרויסער פּאַ־ראַד פֿון דעם גאַנצן דאָרף.

נורית איז טאַקע דעם ערשטן יאָר אין דער שול, אָבער

זי געדענקט נאָך דעם פּאַראַד פֿון פֿאַר־אַ־יאָרן, ווען זי איז נאָך געווען אין קינדערגאָרטן.

דעמאָלט זײַנען די קינדער פֿון קינדערגאָרטן מיט זייערע ביכורים נישט געגאַנגען מיטן גרויסן פּאַראַד איבערן גאַנצן דאָרף. אָבער הײַנטיקס יאָר איז זי דאָך שוין אַ גרויסע, זי וועט מאַרשירן מיט די גאָר גרויסע קינדער אין איין מאַרש, אין איין פּאַראַד. זי וויל ברענגען עפּעס אַזוינס וואָס קיינער וועט נישט ברענגען. אָבער וואָס קאָן זי ברענגען וואָס אַנדערע קינדער פֿון דעם דאָרף וועלן נישט ברענגען? יעדער איינער האָט שיינע קראַנצן מיט טרויבן פֿון זײַן ווײַנגאָרטן! יעדער איינער האָט שיינע עפּעלעך פֿון זײַן פֿרוכטגאָרטן! יעדער איינער האָט שיינע בלומען וואָס שמעקן ווי פּאַרפֿום! איז וואָסערע ביכורים קאָן זי ברענגען וואָס זאָלן נישט זײַן גלײַך צו די אַנדערע קינדערס ביכורים?...

נורית האָט געוואָלט ברענגען עפּעס אַזוינס וואָס זאָל אויפֿפֿרײַסן אַלעמענס אויגן, אַז אַלע זאָלן זאָגן — גיט נאָר אַ קוק וואָס נורית האָט געבראַכט! און ווייסט איר פֿאַרוואָס נורית האָט דאָס געוואָלט? ווײַל זי האָט ליב די לערערין פֿון איר קלאַס, זי האָט ליב דעם קלאַס וואו זי איז געוואָרן אַ גרויסע, וואו זי האָט זיך אַזוי שנעל אויסגעלערנט לייענען און שרײַבן! נורית האָט ליב די גאַנצע שול מיט איר הויף, וואו זי האָט אַנדערע קינדער זיך צו שפּילן מיט זיי, וואו עס איז איר פֿרייילעכער ווי אין דער היים.

נורית האָט ליב די שול, און דערפֿאַר וויל זי ברענגען די שענסטע ביכורים.

נורית זאָרגט זיך זייער שטאַרק. זי זעט, אַז זי האָט זיך נישט אויף וועמען צו פאַרלאָזן. איר מאַמע איז נאָר פאַר־נומען מיט איין זאַך — אַרײַנשטופּן אין איר מויל וואָס מער עסן...

אַ פאַרזאָרגטע איז נורית אַרויס אויפן הויף. פּלוצעם האָט זי דערזען דעם גרויסן אינדיק מיטן רויטן קאַם.

אָט, אַזאַ רויטע זאַך וואָלט זי געוואָלט ברענגען מאָרגן אין שול אַרײַן!

— אָבער וואָס קאָן זײַן אַזוי פּרעכטיק רויט ווי דעם אינדיקס הוט? — טראַכט נורית. — עפּעלעך? נישטאָ אַזעל־כע רויטע בײַ איר מאַמען אין גאָרטן! רויזן? איר מאַמעס רויזן האָבן אַן אַנדער קאָליר...

מיט אָט דעם געדאַנק האָט זיך נורית אַרומגעבלאָנקעט אַ גאַנצן נאָכמיטאָג. מיט אָט דעם געדאַנק האָט זי זיך גע־זעצט צום טיש עסן וועטשערע. אָבער עסן האָט נורית הײַנ־טיקס מאָל גאָרנישט געקאָנט. איר מוטער האָט זי איצט נישט געצוואונגען ווי זי טוט עס שטענדיק. זי האָט בלויז געטאַפּט נוריתעס שטערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל און מיט גרויס זאָרג זי ענדלעך אַרײַנגעלייגט אין איר בעטל אַרײַן.

נורית איז אַזוי שנעל נישט אײַנגעשלאָפן. אויך ליגנ־דיק אין בעטל האָט זי זיך געהאַלטן אין איין פרעגן:

— וואָס זאָל איך ברענגען? וואָס?

זי האָט געטראַכט אַ לאַנגע צײַט וועגן די רויטע טאָ־מאַטן פון איר מאַמעס גאָרטן, וועגן די רויטע רעטעכלעך וואָס זי העלפט אַמאָל אַרויסרײַסן פון דער ערד.

— נאַרישקייטן! די דאָזיקע רויטע זאַכן פּאַסן זיך נישט פֿאַר ביכורים! — האָט נורית לאַנג גערעדט צו זיך. ענד־לעך איז זי איינגעשלאָפֿן.

ווי נאָר זי האָט געעפֿנט אירע אויגן האָט זי זיך באַלד געפֿרעגט די פֿראַגע: — וואָס וועלן זיין דיינע ביכורים היינט, נורית?

מיטאַמאָל האָבן אירע אויגן אויפֿגעכאַפּט אַ שאַכטל, וואָס איז געשטאַנען ביי איר בעטל. דאָס שאַכטל איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ רויטער סטענגע.

נורית איז אַרונטערגעשפּרונגען פֿון בעטל, געכאַפּט דאָס שאַכטל, עס אויפֿגעעפֿנט און דערזען אַ פּאָר רויטע שי־כעלעך, רויטע קורצע זעקעלעך און אַ ברייטע, רויטע, זיי־דענע סטענגע פֿאַר אַ שלייף פֿאַר אירע האָר. — די אַלע זאַכן זיינען געווען אַ שבֿועות־מתּנה נוריתן פֿון אירע טאַטע־מאַמע.

נוריתעס האַרץ איז אַזוי אָנגעפּילט געוואָרן מיט פֿרייד, אַז זי האָט נישט געקאָנט אַפֿילו אַ רוף טאָן איר מוטער, ווי עס איז געווען איר שטייגער יעדן פֿרימאָרגן ווען זי פֿלעגט זיך אויפֿכאַפּן פֿון שלאָף.

אָנשטאָט צו רופֿן איר מוטער, האָט נורית צום ערשטן מאָל אַליין זיך אָנגעטאָן. זי האָט נישט אָנגעטאָן די נייע רויטע זעקעלעך, זי האָט אויך נישט אָנגעטאָן די נייע רויטע שיכעלעך. זי האָט אַפֿילו נישט געוואָלט צעקנייטשן די נייע רויטע, זיידענע סטענגע, כּדי צו זען צי דער שלייף וועט איר פּאַסן צו די האָר. זי האָט געוואוסט, אַז אַזאַ רויטער שלייף

ווען איר פּאַסן צו די האָר, ווײַל דאָס איז דער קאָליר, וואָס זי האָט געטראַכט פֿון אים אַ גאַנצע נאַכט.

אַזאַ קאָליר האָט זי הײַנט געוואָלט ברענגען צום ביכורים־פּאַראַד, און פּונקט וואָס זי האָט געוואָלט, האָבן אירע עלטערן איר צוגעטראָפֿן.

נורית האָט געוואָלט לויפֿן צו איר מוטער, זי אַרומ־כאַפּן, זי קושן, וואָס זי האָט איר אַזוי צוגעטראָפֿן, אָבער זי האָט דאָס נישט געטאָן. זי האָט קיין צײַט נישט געהאַט. זי וויל דאָך זײַן די ערשטע הײַנט צו ברענגען אין שול אַרײַן אירע ביכורים!

איז נורית געלאָפֿן אין שול אַרײַן צו איר לערערין אַ פֿאַרסאָפּעטע. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטן די רויטע שיכעלעך און אין דער צווייטער האַנט — די רויטע זעקעלעך מיטן בלישטשענדיקן רויטן, זײַדענעם שלייף, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ רויטער פֿויגל, בשעת זי איז געלאָפֿן...

אין איר קלאַסצימער איז נאָך קיינער נישט געווען, נאָר די לערערין, וואָס האָט דאָרט צונויפֿגעשטעלט די טישן, כדי די קינדער זאָלן אויף זיי אויסשטעלן זייערע ביכורים. דער גאַנצער דאָרף האָט דאָך געמוזט זען אַלע ביכורים, איידער די קינדער לאָזן זיך אַרויס אויף דעם גרויסן פּאַראַד.

— וואָס איז געשען, נורית? — האָט זיך די לערערין געוואונדערט, ווען זי האָט זי דערזען אַזוי פֿרי.

— איך האָב געוואָלט זײַן די ערשטע מיט מײַנע ביכורים — האָט נורית שטיל געענטפֿערט.

זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש די רויטע שיכעלעך,

די זעקעלעך פֿון דעם זעלבן קאָליר און איבער זיי האָט זי ברייט צעשפּרייט דעם זײַדענעם, רויטן שלייף וואָס איר מוטער האָט זי געוואָלט אויספּוצן מיט אים לכּבֿוד דעם שבֿועות־פּאַראַד פֿון ברענגען ביכּורים.

די לערערין האָט באַקוקט די זאַכן וואָס נורית האָט געבראַכט, אַ קוש געטאָן נוריתן אין קעפּעלע און געזאָגט:

— דײַנע ביכּורים, נורית, וועלן זײַן די שענסטע אין דעם ביכּורים־פּאַראַד...



סעדיהס בלומען

איך ווילט וויסן, מאַדאַם, פֿאַרוואָס איך קויף אײַן אַזוי פֿיל בלומען אויף שבועות? — האָט געזאָגט דער שוואַרצאויגיקער תימנער ייִד — אָט וועל איך אײַך געבן צו פֿאַרשטיין:

— איך קום פֿון אַ ווײַטן לאַנד, פֿון תימן, פֿון אַ קליין שטעטל, וואָס מען רופֿט ביז הײַנטיקן טאָג צינעאָ. איך בין אַלט געווען נײַן יאָר, ווען איך האָב פֿאַרלאָזט צינעאָ, אָבער איך געדענק אַלץ, וואָס האָט דאָרט געטראָפֿן, גלײַך ווי עס וואָלט געשען ערשט נעכטן...

איך געדענק אויך ווי דאָס שטעטעלע האָט אויסגעזען. אַזאַ אומריינקײַט האָט איר אויף אײַער לעבן נישט געזען! די גריבער, וואוהין מען פֿלעגט וואַרפֿן דאָס מיסט, זײַנען געווען אין מיטן שטאָט, און מיר, ייִדן, פֿלעגן דאַרפֿן אויסרייניקן די גריבער. ווען ייִדן האָבן עס נישט געוואָלט טאָן, האָט מען זיי געצוואונגען דאָס צו טאָן: מען פֿלעגט זיי כאַפּן אין די גאַסן, און זיי פֿאַרשלעפּן מיט געוואַלד צו די גריבער, זיי געבן אין די הענט לאָפּעטעס און זיי צווינגען אַרויסצוגראָבן פֿון דאָרט דאָס מיסט.

איין מאָל, ערב־שבועות, איז מײַן מוטער אַרויסגעגאַנגען פֿון הויז פֿאַרפֿרי כדי אײַנצוקויפֿן גרינס אויף שבועות ווען עס איז נאָך פֿריש, איידער עס ווערט פֿאַרגעלט און פֿאַרוועלקט פֿון דער גרויסער היץ...

נאָך איידער זי האָט באַוויזן צוצוקומען צום מאַרק, האָט מען זי און נאָך אַ פּאָר ייִדן און ייִדענעס אַרומגערינגלט און זיי אַלעמען פֿאַרטריבן צו די מיסט־גריבער...

אין דער היים האָט מען נישט געוואוסט וואו מײַן מו־טער איז פֿאַרשוואונדן. נאָר אַז עס איז אַוועק אַ שעה, און נאָך אַ שעה און דרײַ שעה און די מאַמע מײַנע האָט זיך נאָך אַלץ נישט אומגעקערט פֿון מאַרק, איז דער טאַטע גע־וואָרן זייער אומרואיק און מיר, קינדער, האָבן צוזאַמען מיט אים אָנגעהויבן ברעכן די הענט, קרעכצן און זיפֿצן. מיר האָבן געוואוסט, אַז אונדזער מוטער איז אַ שוואַכע, אַן איידעלע.

— מען דאַרף גיין זוכן די מאַמע! — און כדי אונדז צו באַרואיקן האָט דער טאַטע צוגעגעבן: — אפֿשר האָט איר פֿאַרשאַט די שטאַרקע זון און זי האָט אויפֿן וועג גע־חלשט פֿון היץ?

אָבער מיר, קינדער, האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דער טאַ־טע מיינט — אפֿשר האָט געטראָפֿן אַן אומגליק און מען האָט די מאַמע פֿאַרשלעפּט צו די מיסט־גריבער גראָד ערב־שבועות!...

יעדער איינער פֿון מײַנע ברידער האָט געוואָלט גיין זוכן די מאַמע... אָבער דער טאַטע האָט קיינעם נישט גע־לאָזט גיין, קיינעם, אַ חוץ מיך. איך האָב אויסגעזען פֿיל ייִנגער פֿון מײַנע נײַן יאָר און קליינע קינדער האָבן די אַראַ־בער נישט גענומען צו דער שמוציקער אַרבעט...

בין איך געגאַנגען זוכן די מאַמע בײַ די מיסט־גרי־בער...

איך האָב זי לאַנג נישט באַדאַרפֿט זוכן, איך האָב זי

געפֿונען אין איינעם פֿון די גריבער... זי איז געלעגן אַ פֿאַרחלשטע... בײַם ראַנד פֿון גרוב זײַנען געשטאַנען די אַראַבישע פּאָליציאַנטן און האָבן געלאַכט...

וואָס מער איך האָב געוויינט איבער מײַן מאַמען און זיך געבעטן בײַ איר, אַז זי זאָל צוליב מיר עפֿענען אירע אויגן און זיך אויפֿשטעלן, אַלץ מער האָבן זיי געלאַכט... איך האָב געשלעפּט מײַן מוטער און זי געמינטערט, אָבער זי האָט זיך נישט גערירט. ענדלעך האָט זיך מיר אײַנגעגעבן זי אָפּ־צומינטערן, זי אַנידערשטעלן אויף די פֿיס...

איך האָב זי געבראַכט אַהיים. זי איז געווען אַזוי קראַנק, אַז זי האָט זיך צו קײַן זאַך נישט געוואָלט צורירן. מען האָט גערופֿן אַ דאָקטער. ער האָט איר פֿאַרשריבן טראָפּנס און אַ סיראָפּ צום טרינקען... אָבער זי האָט קײַן זאַך נישט גע־קאָנט אײַננעמען, ווײַל דער שלעכטער ריח פֿון די מיסט־גריבער איז אַריינגעדרונגען אַזוי טיף אין אירע נאָזלעכער און אין איר מויל, אַז זי האָט זיך נישט געקאָנט באַפֿרײַען פֿון אים...

— די איינציקע זאַך וואָס וואָלט געקאָנט זי ראַטעווען פֿונעם שלעכטן ריח, וואָס פֿאַרפֿאָלגט זי — האָט געזאָגט דער דאָקטער — איז פּאַרפֿום פֿון גוט־שמעקנדיקע פֿרישע בלומען... אָבער אין ציגעאָ האָט מען אין יענער צײַט נישט געקאָנט באַקומען קײַן פֿרישע בלומען, ווײַל דער פּאַשאַ האָט נישט דערלאָזט, אַז מען זאָל פֿאַרקויפֿן צו ייִדן זאַכן, וואָס קאָנען באַשײַנען זייער יום־טוב...

האָט מען בײַ אונדז אין הויז געציילט די מינוטן און געוואַרט, אַז דער ליבער יום־טוב שבועות זאָל וואָס גיכער

אַוועקגיין און מען זאָל אונדז פֿאַרקויפֿן בלומען פֿאַר דער מאַמען...

אָבע די מאַמע האָט זיך נישט דערוואַרט אויף די בלומען, זי איז אויסגעגאַנגען אין דעמזעלביקן טאָג...

עס איז שוין העכער פֿערציק יאָר זינט איך בין געבליבן אַ יתום, אָבער ביז היינטיקן טאָג, ווען עס קומט ערב־שבועות און ייִדן הויבן אָן קויפֿן גרינס, צו באַפּוצן די הייזער און די שולן, קויף איך איין בלומען... איך קויף די טייערסטע בלומען, בלומען, וואָס גיבן אַרויס פֿון זיך אַ שטאַרקן ריח, ווי פּאַרפֿום. איך שטעל זיי אַרייַן אין וואַזעס און עס דוכט זיך מיר דעמאָלט, אַז מייַן מאַמע ציט אַרייַן אין זיך דעם זיסן ריח און זי ווערט צוריק לעבעדיק; זי עפֿנט אירע אויגן און אירע ליפּן הויבן אָן זיך צו באַוועגן און זיי זאָגן צו מיר:

— גוט האָסטו געטאָן, סעדיה, וואָס ביסט אַוועק באַצייַטנס פֿון דעם ביטערן גלות תימן! אַ דאַנק דיר, סעדיה, וואָס דו געדענקסט מיך נאָך! אַ דאַנק דיר פֿאַר דייַנע בלומען! זיי שמעקן אַזוי זיס אין מייַנע נאָזלעכער! זאָל דיר דערפֿאַר זייַן זיס דייַן גאַנץ לעבן און זאָל דיר זייַן זיס דער ליבער יום־טוב שבועות...

מען קריגט זיך נישט ערב־שבֿועות!

פֿון דער מינוט, ווען מיכאל איז אַרײַנגעקו־
מען אין הויז פֿון זײַן קוזין, רפֿאל, האָבן
ביידע ייִנגלעך אָנגעהויבן זיך קריגן.

איבער וואָס, מיינט איר, האָט זיך
אָנגעהויבן אַ קריגערײַ צווישן די צוויי
שוועסטערקינדער?

איבער שבֿועות!

און מיינט נישט, אַז די ייִנגלעך האָבן, חלילה, פֿיינד
שבֿועות!

פֿאַרקערט! ביידע האָבן ליב דעם אָנהויב זומער יום־
טובֿ מער פֿון אַנדערע יום־טובֿים.

נאָר וואָס דען?

רפֿאל האָט ליב שבֿועות, ווײַל עס איז דער יום־טובֿ פֿון
די ביכּורים, פֿון די ערשטע פּרוכט, און מיכאל האָט ליב
שבֿועות, ווײַל עס איז דער יום־טובֿ פֿון דער תּורה.

רפֿאל האַלט אין איין לויבן זײַן ביכּורים־מאַרש, וואָס
דאַרף פֿאָרקומען ערבֿ־שבֿועות.

האָסט נאָך אַזאַ פּראַכט נישט געזען, מיכאל! שרײַט ער
אויף אַ קול, — מענטשן — ווי די כוואַליעס אין ים! אַלע אָנ־
געטאָן יום־טובֿדיק — ווײַס און בלוי! פֿאָנען — אין די
טויזנטער! אויך — ווײַס און בלוי! בלומען און בלומען־
קרענץ — אין די מיליאָנען! קאָלירטע פּירות הענגען אי־
בעראַל וואוהין דו טוסט זיך אַ דריי, און איך וועל רײַטן אויף

אַ פֿערד מיט מײַן קאָרב ביכורים, מײַנע אייגענע — אין מײַן גאָרטנדל אויסגעהאָדעוועטע פּרוכט! דו וועסט שוין זען — אַזאַ פּראַכט איז דער ביכורים־פּאַראַד!

— דערפֿאַר האָב איך אַזוי ליב דעם יום־טוב שבועות!

— און איך, — רופֿט זיך אָן מיכאל, — איך האָב ליב שבועות, ווײַל אין דעם טאָג איז געגעבן געוואָרן די תורה!

— די תורה? — לאַכט רפֿאל פֿון זײַן קוזין, — מאַר־שירט מען דען מיט דער תורה אום שבועות ווי מען מאַר־שירט מיט די ביכורים ערב־שבועות? די תורה ליגט דאָך באַהאַלטן אין אָרון־קודש...

— אַלע טײַערע זאַכן ליגן באַהאַלטן! — האַקט אים אָפּ מיכאל.

— און וויפֿיל מענטשן זעען די תורה, אויב זי ליגט באַ־האַלטן, מיכאל? מײַנע ביכורים וועלן זען טויזנטער, וואָס זאָג איך, טויזנטער? צענער טויזנטער!...

— דו מיינסט דײַנע טויזנטער! — שרײַט אים איבער מיכאל — ווען מען האָט געגעבן די תורה האָבן זי אויך גע־זען צענער טויזנטער! וואָס זאָג איך צענער טויזנטער? זעכ־ציק מאָל צען טויזנט! האָסטו שוין פֿאַרגעסן דעם חומש? זעקס הונדערט טויזנט זײַנען געשטאַנען בײַם פֿוס פֿון באַרג סיני און האָבן געהערט די שטים פֿון גאָט...

— געהערט! געוועזן! געזען! — קרימט אים נאָך רפֿאל — אָבער מײַן ביכורים־מאַרש קומט פֿאָר יעדן יאָר, און וואָס אַ יאָר, איז ער שענער און גרעסער!

— אפֿשר וואָלסטו וועלן, אַז צוליב דיר זאָל אויך האַיאָר

געגעבן ווערן די תורה אויפֿן באַרג סיני? — שרײַט מיכאל אַזוי שטאַרק, אַז רפֿאל מוז פֿאַרשטאָפּן זײַנע אויערן...

אַזוי קריגן זיך די שוועסטערקינדער ביז וואַנען זיי שלאָפֿן איַין... און דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן זיך פֿריער געקריגט אַזוי פֿיל, האָבן זיי נישט געקאָנט רואיק שלאָפֿן אין יענער נאַכט.

רפֿאל האָט זיך אויפֿגעכאַפּט דער ערשטער.

ער איז אַרונטערגעשפּרונגען פֿון זײַן בעט, צוגעלאָפֿן צום בעט, וואו עס איז געשלאָפֿן זײַן קוזין, אים אַ טאָרע געטאָן און האָט אויסגערופֿן:

— ווען דו וואָלסט וויסן, וואָס איך האָב נאָרוואָס געזען, מיכאל? ער שטייט נאָך איצט פֿאַר מײַנע אויגן!...

— ווער שטייט? — רופֿט זיך אָן מיכאל מיט אַ ציטער אין קול.

— דײַן באַרג סיני, מיכאל! הויך — אַ שרעק! זײַן קאָפּ — ביזן הימל! און פֿון סאַמע שפּיץ באַרג גייט אַ רויך! און פּלוצעם — די שטים פֿון גאָט:

— זין פֿון עשו! ווילט איר נעמען פֿון מיר די תורה?

— וואָס שטייט געשריבן אין דײַן תורה? — פֿרעגן די זין פֿון עשו.

— עס שטייט דאָרט געשריבן — לא תרצח! זאָלסט נישט הרגענען! — גיט אַ דונער גאָטס שטים.

— מיר קאָנען דײַן תורה נישט אָננעמען! — ענטפֿערן די זין פֿון עשו — מיר לעבן דאָך פֿון דער שווערד!...

עס ווערט שטיל. פּלוצעם גיט אַ דונער נאָכאַמאָל:

— זין פֿון ישמעאל! — קײַקלט זיך אַ שטים איבערן באַרג — ווילט איר אָננעמען מײַן תורה?

— וואָס שטייט דאָרט געשריבן? — פֿרעגן די זין פֿון ישמעאל.

— עס שטייט דאָרט געשריבן — לא תגנוב! — זאָלסט נישט גנבענען!

— מיר לעבן דאָך פֿון גניבה! — ענטפֿערן די זין פֿון ישמעאל — ווי קאָנען מיר אָננעמען דײַן תורה?

— זין פֿון ישראל! — גיט נאָכאַמאָל אַ דונער גאָטס שטים — ווילט איר אָננעמען מײַן תורה?

— מיר וועלן זי אָננעמען און אויספֿאָלגן! — ענטפֿערן די זין פֿון ישראל...

און עס גיט פּלוצעם זיך אַ קײַקל אַ דונער איבערן גאַנצן באַרג סיני, און פֿונעם דונער הערט זיך גאָטס שטים:

— אָנוכי יי אלוהיך! איך בין דײַן גאָט!...

— דערפֿאַר ציטערסטו אַזוי, רפֿאל? — זאָרגט זיך מיכאל פֿאַר זײַן קוזין.

— ווען דו וואָלסט געהערט זײַן שטים, וואָלסטו אויך געציטערט ווי איך...

— אויך איך האָב געזען אַ מאָדנעם חלום, רפֿאל! ווייסטו וואָס איך האָב געזען אין חלום? דײַן ביכורים־פּאַראַד! איך זאָג דיר, רפֿאל, — אַ פּראַכט! פֿאָנען — אין די טויזנטער! קוישן מיט פּירות אין די צענער טויזנטער... און דו רײַטסט אויף אַ פֿערד...

— האָסט מיך געזען רײַטן אויפֿן פֿערד, מיכאל? און

דעם קאָרב מיט מײַנע פירות פֿון מײַן גאָרטן האָסטו אויך געזען, מיכאל ?...

— וואַרט, רפֿאל! לאָמיך זיך אָקאָרשט דערמאָנען. פֿאַרוואָס האָסטו מיך אויפֿגעוועקט אין מיטן חלום ?...

*****

אינדערפֿרי, ווען די ייִנגלעך האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, האָבן זיי זיך שוין מער נישט געשפּאַרט איבער שבועות.

ביידע שוועסטערקינדער זײַנען געלעגן שטילערהייט און געטראַכט. רפֿאל האָט נאָך אַלץ געזען פֿאַר זײַנע אויגן דעם באַרג סיני און מיכאל האָט זיך געוואָלט דערמאָנען צי ער האָט געזען אין חלום רפֿאלן רײַטן אויף אַ פֿערד צי אויף אַן אייזל...

און ווען זיי זײַנען אַרײַנגעקומען אין עסצימער עסן אָנבײַסן, האָבן זיי ביידע געשמייכלט איינער צום צווייטן און צו זייערע מאַמעס...

— וואָס איז געשען ? — האָבן זיך געוואונדערט ביידע מאַמעס.

— געשען ?... האָבן געשמייכלט ביידע קוזנס.

— פֿאַרוואָס־זשע קריגט איר זיך הײַנט נישט, ווי איר האָט זיך נעכטן געקריגט ?

— מען קריגט זיך נישט ערב־שבועות... נישטאָ קײַן צײַט! באַלד דאַרף מען גיין צום ביכורים־פּאַראַד... דערנאָך אין שול אַרײַן... עס איז דאָך אַ טאָפּלטער יום־טוב!...

תשעה באָב בײַנאַכט

צײַט סעיד (סאַאיד) איז אָנגעקומען קײַן ירושלים, האַלטן זײַנע עלטערן און זײַנע מאַראָקאַנער לאַנדסלײַט אין איין קרעכצן און זיפֿצן, גלײַך ווי זיי וואָלטן באַדויערט וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט אַריבערפֿירן פון מאראָקאָ קײַן ירו־שלים. „ירושלים איז טאַקע די שענסטע שטאָט אין דער וועלט״, זאָגן זיי אַלע, אָבער ווי קאָן מען דאָס אויסהאַלטן, זײַן אין דער הייליקער שטאָט ירושלים און נישט זען די כותל מערבי (קויסל מאַאַראָווי), די הייליקע וואַנט, וואָס איז פֿאַרבליבן פֿונעם בית המקדש ?

די דאָזיקע ווערטער הערט סעיד יעדן ערב שבת, ערב יום־טוב, אויך יעדן שבת און יעדן יום־טוב. אַלע קרעכצן און זיפֿצן ווען זיי דאַרפֿן גיין דאַווענען. ווען די כותל מערבי וואָלט נישט געשטאַנען אין דעם אַראַבישן טייל פֿון ירושלים וואָלטן אַלע געגאַנגען דאַווענען אַהין, פונקט ווי עס פֿלעגן טאָן ייִדן, אַלע יאָרן, צײַט עס איז צעשטערט געוואָרן דאָס בית המקדש.

סעיד קרעכצט און זיפֿצט גלײַך מיט אַלע דערוואַק־סענע, ווייל ער וואָלט אויך וועלן דאַווענען ביי דער כותל מערבי. אויב נישט דאַווענען דאָרטן, איז כאָטש אַ קוק טאָן אויף דער הייליקער, איין און איינציקער פֿאַרבליבענער וואַנט.

גאָר גרויס איז געוואָרן סעידס בענקשאַפֿט צו דער וואַנט, ווען ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן די „נײַן טעג״ פֿאַר תשעה באָב,

און דער לערער האָט אָנגעהויבן דערציילן זײַנע תלמידים, די נײַ־אַריבערגעקומענע מאַראָקאַנער ייִנגלעך, וועגן חורבן בית המקדש.

אין די טעג, פֿלעגט סעיד יעדן טאָג, נאָכן לערנען, גיין צום „הר־ציון", צום באַרג פֿון וואַנען מען קאָן זען דעם אַראַבישן טייל פֿון ירושלים. דאָרטן, העט, העט, צווישן די שטיינערנע ווענט און געבײַדעס פון דער אַלטער שטאָט, שטייט זי, די הייליקע וואַנט, וואו ייִדן פֿלעגן קומען בעטן גאָט אין אַלע צײַטן, און ספּעציעל אין די „נײַן טעג" און ערב תשעה באָב. אין די טעג, פֿלעגן ייִדן פֿון אַלע עקן וועלט, קומען קײַן ירושלים, גיין צו דער כותל מערבי, זיצן דאָרטן, זאָגן קינות, בײַ אָנגעצונדענע ליכטלעך, און וויינען אויפֿן חורבן בית המקדש.

ווען סעיד טראַכט איבער דעם לערערס מעשה וועגן זאָגן קינות בײַ דער כותל מערבי, זעט ער זיך און זײַנע חברים, זײַנע עלטערן און אַלע זײַנע לאַנדסלײַט פון מאַראָקאָ זיצן אָן שיך בײַ דער הויכער מויער זאָגן קינות און וויינען. עס גלוסט זיך אים זייער שטאַרק זען די כותל מערבי נישט נאָר אין זײַנע געדאַנקען, נאָר מיט זײַנע אייגענע אויגן וויל ער זען די הייליקע וואַנט, זי אָנטאַפּן און גלעטן מיט זײַנע הענט, און זיך צוטוליען צו איר מיט גרויס ליבשאַפֿט.

סעיד האָט בײַ זיך באַשלאָסן, ער מוז אַריבערגיין אין אַראַבישן טייל פֿון ירושלים און אָנקוקן די כותל מערבי פֿון דער נאָענט. נו, אַוודאי, קיינער דאַרף דערפֿון נישט וויסן, זײַנע חברים וועלן לאַכן פֿון אים, זיי וועלן אים זאָגן, אַז דאָס קאָן מען נישט דורכפֿירן. די אַלטע שטאָט ירושלים, דער

אַראַבישער טייל, אַרומגעצאַמט מיט שטעכיק דראָט ווערט שטאַרק געהיטן. בײַ יעדן טויער שטייט אַ שטרענגע וואַך.

דאָס שטעכיקע דראָט, און די וואַך, שרעקן נישט סעידן. ער ווייסט, אַז די היטער פֿון יענער זײַט טויער לעבן שטעכיקן דראָט, גייען אין אָוונט אַוועק עסן, איז דאָס די בעסטע צײַט זיך דורצוזוכן דורכן שטעכיקן דראָט און אַרײַן אינעווייניק, אין דער אַלטער שטאָט. טאָמער כאַפּט מען אים, רעדט ער דאָך אַראַביש ווי אַ געבוירענער אַראַבער, ער האָט דאָך אויך זײַנע קליידער, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פֿון מאַראָקאָ, אַראַבישע קליידער, וועט ער זיי אָנטאָן, וועט דאָס אים אויך העלפֿן, מען זאָל אים נישט דערקאָנען. וועט מען אים לאָזן גיין, מען וועט אים נישט כאַפּן.

זייער וויכטיק איז, צו גיין רואיק פֿאָרויס, מיטן אַראַבישן קויש אויפֿן אַקסל, נישט לויפֿן און זיך נישט צופֿיל אַרומקוקן, וועט דאָס בײַ די אַראַבער נישט אַרויסרופֿן קיין פֿאַרדאַכט.

סעיד האָט גענומען מאַכן פּלענער, דורכצופֿירן זײַן פּלאַן ערב תשעה באָב פֿאַרנאַכט. דעמאָלט זיצן אַלע ייִדן אין די שולן. ער וועט דאַרפֿן מיטגיין מיט זײַן טאַטן אין שול, אָבער אַביסל שפּעטער וועט ער אַרויס פֿון שול, אַהיימגיין זיך איבערטאָן, נעמען דעם אַראַבישן קויש אויף די פּלייצעס און זיך אַוועקלאָזן צום שטעכיקן דראָט. אַזוי האָט ער געטאָן.

באַלד נאָך די ערשטע קינות, איז ער אַרויס פֿון שול, שנעל געלאָפֿן אַ היים. אַז ער איז אַרײַן אין הויז, האָט ער געטראָפֿן אַ סך פֿרויען און יונגע מיידלעך זיצן אויף דער ערד. זיי האָבן זיך אַלע צוגעהערט צו די קינות, וואָס איינע פֿון די פֿרויען האָט פֿירגעלייענט מיט אַ טרויעריקן ניגון. דאָס

לייענען האָט זיך געצויגן צו לאַנג, ער איז געוואָרן שטאַרק אומגעדולדיק, אָבער קיין אַנדער ברירה איז נישט געווען. ער קאָן זיך דאָך נישט איבערטאָן ווען אַלע זיינען דאָ אין הויז. די וויינענדיקע שטים פֿון דער פֿרוי האָט זיך געצויגן און געצויגן. סעיד האָט געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד. אַז עס איז שטילער געוואָרן, אַ סימן אַז די ווייבער זיינען זיך צעגאַנגען, האָט סעיד זייער שנעל זיך איבערגעטאָן, גענומען דעם אַראַבישן קויש אויפֿן אַקסל, און באָרוועסערהייט, אויף די נעגל, אַרויס פֿון הויז.

ער האָט זיך נישט אַרומגעקוקט, נאָר גלייך געגאַנגען צו דער וואַנט פֿון שטעכיקן דראָט, די וואַנט איז שטאַרק צעלעכערט, מער ווי ער האָט דערוואַרט. איינס און צוויי איז ער שוין אויף יענער זייט וואַנט. אויף זיין מזל, זיינען די וועכטער נישטאָ. זיי מוזן ערגעץ זיצן און עסן, מען זעט נישט קיין לעבעדיקן מענטשן. זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן זייער האַסטיק, זיינע האָר האָבן זיך אויפֿגעשטעלט פֿון אויפֿרעגונג, אָבער ער שפּאַנט פּאַמעלעך פֿאָרויס.

אָט זיינען שוין די שמאָלע געדרייטע געסלעך פֿון דער אַלטער שטאָט, פּונקט ווי זיין לערער האָט דערציילט. די געסלעך לויפֿן אַרונטער, אַרונטער, צום וועג פֿון דער הייליקער וואַנט. באַלד באַווייזט זיך די כותל מערבי, נאָר עפּעס איז די הייליקע וואַנט אַזוי הויך, אַזש ביז די הימלען. סעיד מוז פֿאַררייסן דעם קאָפּ צו קאָנען זי אָנקוקן. ער גייט אָבער צו און הייבט זי אָן גלעטן. זי איז פֿייכט, זאָל עס זיין, אַז די הייליקע וואַנט וויינט, עס איז איר אומעטיק, ווייל מען האָט זי פֿאַרלאָזן, קיינער קומט נישט צו איר?

— טײַערע וואַנט, שעפּטשעט סעיד צו דער וואַנט, וויין נישט, מען האָט דיך נישט פֿאַרגעסן, אַלע ייִדן קלערן וועגן דיר, אַלע ייִדן בענקען נאָך דיר, אַלע ייִדן ווילן זייער שטאַרק דיך זען, דאַוועגען לעבן דיר, אַפֿילו דיך קושן. סעיד טוליעט זיך נאָך שטאַרקער צו דער הייליקער וואַנט, ער דערפֿילט נאָך מער איר פֿײַכטקײַט. זאָל זי וויינען, ווײַל עס איז הײַנט די נאַכט פון תשעה באָב, ווען אַלע ייִדן איבער דער גאַנצער וועלט וויינען אויפֿן חורבן בית המקדש?

דער לערער האָט טאַקע דערציילט, אַז גאָט אַליין וויינט תשעה באָב אויפֿן חורבן בית המקדש. אַז גאָטס טרערן פֿאַלן אַרײַן אין אַ בעכער, און ווען דער בעכער וועט פֿול ווערן מיט גאָטס טרערן, וועט צוריק אויפגעבויט ווערן דאָס בית המקדש.

סעיד דערפֿילט, אַז עמעצער שלעפּט אים, רײַסט זײַן האַלדז. „די וועכטער, די אַראַבער״ גיט אים אַ קלאַפּ אין קאָפּ, זיי האָבן מיך געכאַפּט, וואוהין שלעפּן זיי מיך? ער האָט פֿאַרלוירן זײַן לשון. „וואָס ווילט איר טאָן מיט מיר״? מיט וואָס האָב איך זיך פֿאַרזינדיקט? מען טאָר נישט שטיין בײַ דער כותל מערבי? עס איז דאָך אונדזער הייליקע וואַנט! האָב איך דען עמעצן שלעכטס געטאָן, וואָס איך שטיי דאָ, בײַ אונדזער הייליקער וואַנט?

— זון, זון טײַערער, וואָס וויינסטו? טוט דיר עפּעס וויי?

פֿאַר סעידס אויפֿגעעפֿנטע אויגן שטייט זײַן מאַמע, זי טאַפּט אים דעם שטערן. „דו ביסט אײַנגעשלאָפֿן אין דײַנע קליידער, מײַן קינד! טו זיך אויס און לייג זיך שלאָפֿן. מאָרגן איז אַ שווערער טאָג פֿאַר דיר, צום ערשטן מאָל וועסטו פֿאַסטן, דו ביסט שוין אַ גרויסער בחור, וועסטו דאַרפֿן אָנהייבן פֿאַסטן״.